STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08982

DOS ANARKHISTISHE MEYDL

Zusman Segalowitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ ל ע   ו ו ע ר ק:

ז. סעגאַלאָוויטש

ע ל פ ט ע ר   ב אַ נ ד

פ א ר ל א ג   ח. ב ו ש אָ ז א

דאָס אַנאַרכיסטישע מיידל

דריטע אויפלאגע

ז. סעגאַלאוויטש

דאָס
אנארכיסטישע מיידל

II-טער באַנד פון דער טרילאָגיע זעליקס יארן

ווארשע 1929

PRINTED IN POLAND

Z. SEGAŁOWICZ

SWAWOLNICA

Wydawnictwo Ch. Brzoza

WARSZAWA

Druk. W Goldszryft, i S-ka, Pawia 44.

דאָס אַנאַרכיסטישע מיידל

זוכעניש...

אַ זייגער איינס באַנאַכט איז דער עולם זיך פונאַנדערגע-גאַנגען. הייַנטיקער „ליטעראַרישער דאָנערשטיק" האָט געדויערט לענגער ווי אַלעמאָל און ער האָט געבראַכט אַן איבעראַשונג: פון קליינעם שטעטל לידע איז געקומען אַ יונגערמאַן, עמעצער האָט שוין זיינע לידער פריער געלייענט און אַ צווייטער עמעצער האָט שוין וועגן אים עפּעס געהערט.

— עס וואַקסט אַ טאַלאַנט.

אָבער פּאָר די פּופּציק מענטשן, וואָס זענען געווען אין זאַל איז דאָס געקומען אינגאַנצן אומגערעכט. דער יונגערמאַן, וועמענס נאָמען קיינער האָט ביז איצט נישט געהערט, האָט גענומען לייענען איין ליד נאָכן צווייטן און די שיינע בילדער, די לירישע שטי-מונג האָט זיך אַלעמען איבערגעגעבן.

— ווי הייסט ער? פון וואַנען איז ער?

— פון לידע, זיין נאָמען איז שמואל רובין.

מען האָט אים אַפּלאָדירט און נאָכן לייענען האָבן אים אַלע אַרומגערינגלט און באַגריסט אויפגעמונטערט און אויסגעפּרעגט פאַרשידענע קלייניקייטן. דער יונגערמאַן איז שטאַרק איבעראַשט געוואָרן פון די אַלע לויב-געזאַנגען. עס האָט זיך גוט געפילט אַרום, אַז אין דער רגע איז זיין גורל באַשלאָסן געוואָרן, ער האָט אַלע-מען באַזיגט, ער האָט געמאַכט אַ קאַריערע.

און אַזוי ווי עס איז שוין געווען שפּעטלעך, האָבן זיך אַלע גענומען פונאַנדערגיין. איינער פון די לעצטע איז אַרויס זעליק קאַמעניעצקי, אַ הויכער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק באַקאַנט געמאַכט מיט זיין פּאָעמע „דאָס האַרץ פון פרילינג".

אין דעם דאָזיקן אָוונט, ווען שמואל רובין האָט אַלע באַ-צויבערט מיט זיינע לירישע לידער, האָט מען זעליקן אַזוי ווי נישט באַמערקט און דאָס האָט אים געקרענקט אַ ביסל און נאָך מער האָט אים געקרענקט, וואָס אַזאַ נאַרישקייט פאַרדריסט אים.

וואָס איז דאָס? קנאה?

קנאה... ניין, מען טאָר קיינעם נישט מקנא זיין, דאָס איז אַ מיאוס געפיל, וועלכער באַשטעטיקט די אייגענע שוואַכקייט. ער האָט אָפּגעיאָגט פון זיך דעם דאָזיקן געדאַנק און איז אַרויס אויף דער גאַס.

אויף די טרעפּ האָט ער נאָך אַלץ געהערט לויב-געזאַנגען פאַר דעם נייעם דיכטער:

— אַ טאַלאַנט...

— ער פאַרמאָגט פאַרבן און שטימונג...

— איך האָב באמת געזען דאָס פעלד מיט דעם איינזאַמעןביימל, בשעת ער האָט געלייעט

אויף דער גאַס האָט שמואל רובין אים אָפּגעוואַרט, זיי זע-נען שוין פון פריִער באַקאַנט געווען.

— איך וואַרט אויף אייך, זעליק!

— איר האָט גוט געטון, איצט וועל איך אייך קענען אויפ-ריכטיק באַגריסן. אייערע לידער זענען אמתע אויפריכטיקע... נאָר פון די צופיל לויב-געזאַנגען נעמט זיך נישט איבער, מאָרגן וועט קומען אַ צווייטער וועט מען אים אויך לויבן...

זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פון אַלע און געגאַנגען אויף אַ ליידיקע פאַרשנייטע נאַכט-גאַס. צוויי יונגע מענטשן, האָבן זיי זיך איינער דעם צווייטן פאַרטרויט זייערע פּלענער.

דער יונגער שניי האָט געשמעקט מיט פרישקייט, פון הימל זענען האַסטיק אַוועק עטלעכע שטיקער וואָלקנס, ווי פלאַכטעס, וועלכע האָבן אויסגעשייערט, אויף ניי אַלע שטערן.

מואל רובין איז געווען אַ נידעריקער און נישט קוקנדיק אויף זיינע צוואַנציק יאָר איז ער שוין געווען אַ ביסל איינגעהוי-קערט, באַוועגונגען פון אַ ישובה-בחור, מיט רויטלעכע, נישט גע-זונטע אויגן.

ער האָט איצט אָן אויפהער גערעדט, געווען צעהיצט.

— זעלצער איז צוגעקומען צו מיר, איר האָט געזען, זע-ליק! ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל צו אים אַריינקומען און פריִער בין איך צו אים אַזוי פיל מאָל געגאַנגען, די שוועלן אָפּ-געשלאָגן, געלייענט פאַר אים מיינע לידער...

— און וואָס?

— ער פלעגט קוועטשן מיט די פּלייצעס, פלעגט אָנווייזן גרויסע חסרונות, איך האָב געפילט, אַז ער האלט נישט שטאַרק פון מיר... איצט אָבער, ווען אַלע האָבן מיר אָפּלאָדירט, איצט איז ער שוין צו מיר צוגעקומען און פאַרבעטן צו זיך, איצט וועט

ער מיינע לידער שוין דרוקן אין די „מאַנאַטשריפטן״... איר וועט זען, זעליק!

ער האָט זיך געגרויסט און זעליק האָט דערווייל געטראַכט פון זעלצערן.

דער רעדאַקטאָר פון די „מאַנאַטשריפטן״.

דער קריטיקער זעלצער... פאַר אים האָבן אַלע יונגע מורא געהאַט.

דאָס איז געווען אַ געלאַסענער יונגערמאַן, האָט פריער גע־הערט צו אַ פּאַרטיי און געשריבן פּראָקלאַמאַציעס, דערנאָך, ווען די פּראָקלאַמאַציעס זענען שוין נישט נייטיק געווען, האָט ער זיך גענומען צו ליטעראַטור־מבינות, האָט געשריבן שווערע אַרטיקלען און שטענדיק עפּעס געוואָלט אויפווייזן, געמאַטערט זיך אויפצו־ווייזן, אַז דער אָדער יענער שרייבער האָט געהאַט מיט זיין בוך אַזאַ און אַזאַ כּוונה. ליב האָט מען אים נישט געהאַט, נאָר אַז אַ מענטש זאָגט מבינות, האָט מען זיך גענומען צו אים צוהערן. די באַקאַנטע אָנגענומענע שרייבערס פלעגט ער לויבן און כּסדר אויפקלערן זייערע „פּראָבלעמען״, מיט די יונגע פלעגט ער זיך שוין ווייניקער צערמאָניען — אַ קריטיקער באַדאַרף דאָך עמעצן זידלען.

דער דיכטער בערגער האָט זיך איינמאָל וועגן אים אויס־געדריקט: — דער „שווייסיקער קריטיקער זעלצער״ און שמואל רובין האָט עס איצט דערמאָנט, האָט שוין אוודאי פון עמעצן דאָס געהערט:

— איר וועט זען, ער וועט שוין איצטער מיט מיר ווערן אַ גאַנצער מחותן, דער שווייסיקער זעלצער, ער וועט נעמען שוויצן איבער מיינע לידער.

זעליק האָט זיך צו אים נייגעריק צוגעהערט... אין איין

מונט האָט זיך דער בחור איבערגעאַנדערשט: געבן געווען אַ רויקער, קיינעם נישט קריטיקירט, נישט געווען פרעמד צו חניפה, דאַרט, וואו ער האָט וועמען געדאַרפט אויסנוצן און איצטער רעדט ער אַזוי הויך, לאַכט אָפּ פון איינעם, קריטיקירט דעם צווייטן.

שוין אַזוי גיך אַרויף אויפן פערד. זעליקן איז אומאָנגענעם געוואָרן. ער האָט געפילט יענעמס פרייד, געוואָלט זיך טיילן מיט אים, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אים אַליין האָט היינט באַליידיקט אַלעמענס גלייכגילטיקייט צו אים.

דער זעלבער שמואל רובין, וועלכער איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק געקומען קיין ווילנע... ער האָט פריער יעדן טאָג, יעדע שעה גערעדט וועגן זעליקס פּאָעמע „דאָס האַרץ פון פרילינג״, אַ סך שורות האָט רובין זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק און ער האָט עס שטענדיק דעקלאַמירט...

איצט שווייגט ער וועגן זעליקן אינגאַנצן, ער רעדט נאָר וועגן זיך, נאָר וועגן זיך... זעליק האָט דערפילט, אַז אויף דער גאַס איז ווינטער. דער הימל איז ווינטערדיק, דער בחור, וואָס גייט לעבן אים און באַרימט זיך, מאַכט אים נאָך קעלטער די נאַכט און זיין טראַכטן...

מיט אַמאָל שטעלט זיך רובין אָפּ און רופט זיך אָן:

— איר ווייסט, זעליק, אויף וואָס איך בין איצט אַ בעלן?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן

— מיר וועלן צוגיין אויף אַרענבורגער גאַס...

די אַרענבורגער גאַס איז געווען באַקאַנט בײַ יונגע לייט מיט דעם, וואָס דאָרט זענען געווען אַלע „הייזלעך״.

זעליק איז געבליבן שטיין ווי אַ פּאַרגליווערטער:

אָט דער קליין-שטעטלדיקער בחור, וואָס האָט היינט גע-

זייענט אַזעלכע האַרציקע פּערזן, לידער וועגן אומשולד, וועגן דער פרומער יידישער טאָכטער, אָט דער בחור, וואָס האָט היינט געהאַט אַזאַ שיינעם יום טוב: מענטשן האָבן אים דאָך אָפּגעשאַצט און פאַרשטאַנען זיינע איבערלעבונגען... און איצט! אין אַ שמוציק הויז וויל ער גיין און אַ שמוציקער פרוי אַוועקגעבן אַלץ...

איין רגע און זעליק האָט אים שוין געוואָלט נעמען שטראָפן, נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, זיין צוריקגעהאַלטנקייט האָט אים באַזיגט „איך קען נאָך נישט דאָס לעבן" און רוביגען האָט ער געענטפערט:

— ניין, איך גיי שלאָפן...

זיי האָבן זיך וויניק געדונגען. יעדער איז גלייך אַוועק מיט זיין וועג.

זעליק האָט דערפילט אַ דערלייכטערונג, ער איז געבליבן אַליין און די קאַלטע נאַכט איז אים אַזוי, ווי וואַרעמער געוואָרן, ער האָט געהאַט לאַנג צוגיין, ביז ער איז געקומען צו זיין אָרימען צימערל. געגאַנגען איז ער אומישנע לאַנגזאַמער. דאָ און דאָרט געבליבן שטיין און געשאַרט מיט די פיס דעם ווייסן שניי, עמעצן אויף צו להכעיס געוואָלט טון, געוועזן אין כעס אויף אַלעמען און אויף זיך אַליין. כסדר געמורמלט צו זיך:

— איך קען נאָך נישט דאָס לעבן, איך ווייס נאָך גאָרנישט, עפּעס זענען אַלע קלוגער פאַר מיר, ענערגישער, גליקלעכער...

ביז די אָרומיקע ווייסקייט און רויקייט האָט אים אינגאַנצן פאַרטריבן די נישט-נייטיקע מאַטערנישן, ער האָט גענומען שטעלן זיכערע טריט און וועבן זיינע פּלענער וועגן אַרבעט, זיין גלויבן אין זיך איז צוריקגעקומען.

דערנאָך, ווען ער איז געלעגן אויף זיין געלעגער האָט ער לאַנג געטראַכט.

אין דער שעה פאַרן שלאָף פלעגט ער זיך שטענדיק אָפּ־געבן חשבון פאַר דעם פאַרגאַנגענעם טאָג.

וואָס איז דאָס געווען היינט אין אָוונט, בשעת רובין האָט געלייענט זיינע לידער? בשעת דער עולם איז אַזוי אַנטציקט גע־ווען פון יונגן בחור און יעדער רגע האָט מען אים אַפּלאָדירט? וואָס האָט ער, זעליק, דורכגעלעבט? געוואָרן איז ער אין כּעס אויף דעם עולם, אויף שמואל רובינען און כּדי מען זאָל נישט באַמערקן. אַז ער, זעליק, איז אויפגערעגט, האָט ער דער ערשטער גענומען אַפּלאָדירן: ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין פאַר זיין שוואַכקייט.

אויב אַזוי לעבן, קען מען דאָך משוגע ווערן, ווייל יעדן טאָג איז פאַראַן וועמען מקנא צו זיין...

און ער, זעליק, גלייבט דאָך אין זיך, ער האָט דאָך אַן אייגענע נשמה, אַ נשמה וואָס פילט און צאַפּלט און ציטערט אויף פון יעדער לעבנס־דערשיינונג... ער, זעליק, האָט דאָך נאָך אַזוי פיל אויסגעבענקטע חלומות, אַזוי פיל אייגענע צילן.

דאָס, וואָס האָט געגליט אין זיין בלוט, דאָס וואָס באַגלייט אים אין אַלע שווייגנדיקע, אָפּגעזונדערטע שעהן...

וואָס גייט אים אָן שמואל רובין און אַנדערע? מאָרגן וועט ער זיך נעמען צו דער אַרבעט, מאָרגן באַשטימט.

דער שלאָף איז לאַנג נישט געקומען, אַ רגע געטראַכט פון איין זאַך און באַלד אַריבערגעשפּרונגען צו עפּעס אַנדערש... פאַנטאַזיעס, בילדער, דעריננערונגען. מענטשן. געשטאַלטן האָבן פאַרבייגעשוועבט, יעדן איינעם האָט ער אָפּגעשטעלט מיט זיין בליק, אָפּגעשאַצט און באַלד געזוכט אַ צווייטן. יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט היינט געהערט, אַלץ איז איצט אָפּגעשאַצט גע־וואָרן...

איז ער שוין מיד געוואָרן פון טראַכטן, צוגעמאַכט די אויגן און מיט געוואַלט געוואָלט איינשלאָפן, נאָר די אויגן, די מענטשן זענען איצט אַליין געקראָכן צו זיין געלעגער און אים אַריינגעקוקט טיף־טיף אין דער נשמה, געוואָלט זיך ווייזן פאַר אים און נישט אָפּגעטראָטן, ביז ער האָט פייער אָנגעצונדן און זיך צוגעזעצט צום טישל.

געשריבן, געמעקט און געשריבן... עפּעס אָן אָנהייב פון אַ לידל און ווייטער איז נישט געגאַנגען.

דערנאָך זיך ווידער געלייגט, געטראַכט פון שטאָט און מענטש, פון זיך און יענעם... די געדאַנקן האָבן צעשטערט די פּלענער, וואָס ער האָט נאָר וואָס געבויט, אַלץ האָט אים אויסגעזען שוואַרץ, אַיף זיין יעדן טריט איז געלעגן די שווערע אוממעגלעכקייט...

מענטשן, פריינט... ווער ער? ער וואָלט ווען פון איינעם באַטש ארויסציִען איין קליין סטרונעלע פאַר זיך און אַלע זענען אַזעלכע קאַלטע. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז קיינער הערט נישט, וואָס ער רעדט אַפילו — יעדערער איז פאַרנומען מיט זיך, זאָל ער זיך דאָ פאַרשליסן אין דעם אָרימען צימערל אויף צען טעג, קיינער וועט זיין נאָמען נישט דערמאַנען, קיינעם וועט נישט וואונדערן, וואָס מען זעט אים נישט.

און אפשר זענען אַלע אַזוי עלנט, אָפּגעזונדערט? אפשר ליגט דאָרט איצט ערגעץ נישט וויט אָדער גאָר נאָנט פונדאַנען אַ צווייטער, וואָס טראָגט אַן אַנדערן נאָמען און טראַכט אָבער דאָס זעלבע, וואָס ער זעליק; ראַנגלט זיך אַליין מיט זיך אויף זיין געלעגער און זעט נישט קיין שטראַל אין מאָרגן... אפשר?

דער געדאַנק, אַז אַ צווייטער קען זיך אויך פילן אַזוי עלנט, ווי ער איצט, האָט אים צוגעדריקט צום האַרץ און אַ רגע האָט ער געקלערט, אַז ער וואָלט גערן געלאָפן צו אַזאַ צווייטן און אים באַרוּיקט, געטרייסט...

לאנג האָט די נאַכט אים אַזוי געפייניקט ביז דער שלאָף האָט זיך אונטערגעגנבעט, ווי אַ מזיק... פון אונטערן קישן אַרויס־געקראָכן, פון אונטערן בעט אַרויסגעשפּרונגען... ווער ווייסט פון וואַנען? אָפּגעריסן זיך די געדאַנקען, די וועלט האָט זיך געשפּאָלטן און אַ מענטש איז אַריינגעפאַלן אין אן אָפּגרונט.

אויפגעכאַפּט זיך, דאָרט דער שכן זיינער, דער מלמד האָט שוין געקנעלט מיט זיינע תלמידים. דינע שטימעלעך האָבן אַלע איבּיינעם געחזרט אַ פּראַזע, פון צייט צו צייט פלעגט זיך אין דעם כאָר אַריינכאַפּן אַ שווער קול... דער מלמד האָט די קינ־דער איבערגעשריגן.

דאָס האָט געדויערט לאַנג, מאָנאָטאָנע, עס האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז אַזוי באַדאַרף זיין, עס מוזן שוועבן די טענער, עס מוז אַזוי זיין, שטענדיק, אייביק.

דער ערשטער געדאַנק זעליקס איז געווען: „ווען בין איך איינגעשלאָפן?“

דערנאָך האָט ער גענומען טראַכטן פון טאָג. מיט וועמען וועט ער זיך היינט באַגעגענען? וואָס שטייט אים היינט פאָר? מיט געוואַלט האָט ער געוואָלט געפינען אַ שטראַל, וואָס זאָל אים אַרומפירן דעם היינטיקן טאָג... עס מוז עפּעס רייצן, רופן, יעדע שעה מוז האָבן י׳ ציזגעניש, אַנדערש איז דער טאָג אַ טויטער, אַ מת אין גרויע תכריכים...

ער האָט זיך אָנגעטון און געטראַכט־נישט־געטראַכט, ביז ער איז געקומען צו זיך, דאַכט זיך, אַז ער האָט אַ מורמעל געטון: „מוטיקער“.

ווען ער איז שפּעטער געגאַנגען אויף די ווייסע גאַסן, האָט אים געפרייט, וואָס דער שניי איז נאָך נישט אומעטום צע־טרעטן...

די פיס האָבן מיט הנאה געזונקען אין דעם שניי און די געדאַנקען זענען זיך געגאַנגען זייער וועג.

אָן באַקאַנטע איז זעליק נישט געווען אין יענע יאָרן, ער האָט זיי געהאַט אַ סך... אַ סך טירן האָבן זיך פאַר אים געעפנט.

„אַ יונגער דיכטער", אַזוי פלעגט מען אים פאָרשטעלן פאַר גייע מענטשן.

זייער גיך איז אים דער דאָזיקער טיטל דערעסן געוואָרן און ער פלעגט זיך מיט אַ ברוגז אָפּטרייסלען פון אַלע צונעמע־נישן.

דיכטער, פּאָעט, טאַלענט..

— מיין נאָמען איז זעליק קאַמענעצקי — פלעגט ער שטענ־דיק צוגעבן, — און איך וויל בלייבן בא מיין נאָמען.

צווישן זיינע באַקאַנטע זענען געווען געזעלשאַפטלעכע טוער, שרייבער, לערער און כמעט יעדערער פון זיי האָט ליב געהאַט צו טראָגן אַ וועלכן עס איז טיטל פונקט, ווי יעדערנס „איך" איז צו קליין געווען און מען האָט געמוזט מיט עפּעס דעם נאָמען מאַכן באַדייטנדער, וואַגיקער...

געלעבט האָט זעליק אויף דער נאָוואָגראָדער גאַס. די גאַס פון קאַטערינטשיקעס, בעל עגלות און טרעגער.

בא אַן אָרימע יידענע, וואָס האָט געהאַט אַ קליין קרעמל. אַ קליין געוועלבל, אין וועלכן עס זענען קוים אַריין דריי מענטשן.

און אין דעם דאָזיקן קרעמל, וואָס האָט געהאַלטן אַ שפּאַן די גרייס, איז געשטאַנען אַ גרויס פאַס מיט הערינג.

ווען נאָר זעליק פלעגט אַריינגיין אין קרעמל, פלעגט ער מער ווי די הערינג נישט זען. אין דער גאַנצער געגנט פון נאָ־וואָגראָדער גאַס האָט מען, דאַכט זיך, מער ווי הערינג נישט גע־געסן.

און דער ריח פון הערינג האָט זעליקן אומעטום פאַרפאָלגט. אויפן הויף האָט די קרעמערקע געהאַט אַ שטוב פון צוויי חדרים מיט אַ קיך. אין איין צימער האָט זעליק געלעבט, אין דעם צווייטן די באַלעבאָסטע.

אַן אַלטע געבויגענע יידענע מיט אַ סך קישן, אין אַלטע קליידער, זי האָט אַ סך קליידער געטראָגן, זיין באַלעבאָסטע. סיי זומער, סיי ווינטער. זי איז שטענדיק פאַרוויקלט געווען אין אַ סך קליידער...

דער ריח פון הערינג פלעגט מיטגיין מיט דער יידענע, וו די איז נאָר געקומען. איר צימער און אפילו זעליקס צימער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט דעם פאַרעלטערטן זאַלץ־ריח.

סוף כל סוף האָט זיך זעליק צוגעוווינט. ער פלעגט זייער געשמאַק שלאָפן אין דעם צימערל, די אַלטע צעקנייטשטע יידענע פלעגט וואַשן זיינע וועש און געהאַלטן גאַנץ ריין זיין ווינקעלע.

די יידענע איז געווען גוט צו אים און איינמאָל האָט זי אים געזאָגט:

— ווען מיין טאָכטער זאָל נישט אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, וואָלט איך מיר קיין בעסערן חתן פאַר איר נישט געווינטשן.

זעליק האָט אַ טראַכט געטון: „אַ גליק טאַקע, וואָס זי איז אַוועקגעפאָרן" און דערביי געשמייכלט.

ער האָט זיך געהאַלטן אַ ביסל ווייטלעך פון פרויען, יונגערהייט שוין געהאַט אַ באַגעגעניש, וואָס האָט אים צעטרייסלט אַ ביסל זיין לעבן.

דאָרט אין זיין שטאָט איז דאָס געווען, די פרוי פון זיין באַלעבאָס, בא וועלכן ער האָט געדינט עטלעכע יאָר, האָט אים דעם קאָפּ פאַרדרייט, געליבט זיך מיט אים און דערנאָך אָפּגעשטויסן.

ניין, ער וויל פון דעם נישט טראַכטן, עס דערוועקן זיך אַלטע ווייטיקן.

ער האָט שוין געהאַט נאָך אַ צופאַל אין אַ קליין ליטוויש שטעטל.

מיט אַ יונג מיידל...

זוניקער זומער מיט אַזוי פיל בלומען, מיט אַזוי פיל ליידנ־שאַפט.

אַזוי פיל גרינס איז געווען אין יענעם שטעטל, אים דאַכט זיך אָפט, אַז אויף אַ גאַנץ לעבן האָט ער זיך אָנגעטרונקען מיט דעם גרינעם גלאַנץ פון די דאָרטיקע לאָנקעס, איצט, דאָ אין שטאָט, אין קאַלטן ווינטער, שפירט ער נאָך פיל מאָל דעם גראָז־ריח און אַ פּנים, אַ געשטאַלט וואַקסט פאַר אים אויס... אַ יונגע, אַ געזונטע איז זי געווען...

ווי זי האָט געברענט, ווי זי האָט אים געביסן...

און גאָרנישט...

אָפּגעריסן און אָפּגעשטאָרבן... יענע טעג און יענע נעכט, עס איז נישטאָ קיין מאָס צו מעסטן זייער יום טובדיקייט, אַזוי וואַרעם און ווייטיקלעך, עס קען זיך פּשוט אַמאָל גלייבן, אַז דאָס איז אַ חלום געווען.

ער האָט מורא געהאַט אַ סך צו טראַכטן פון דער פאַרגאַנ־גענהייט, אַלץ וואָס איז שוין אַוועק האָט אים באַנג געטון און אומעטיק געמאַכט.

שוין בעסער צו טראַכטן פון דער צוקונפט. די צוקונפט האָט אים אויסגעזען, ווי אַ טיפער, ברייטער ים, וואָס איז גרויס, ווי די גאַנצע וועלט און אַלע מעגלעכע אוממעגלעכקייטן קען מען פון דעם ים אַרויספאַנגען.

ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, ער האָט ליב געהאַט רויק צו טראַכטן פון לעבן, פון מענטש און געשעעניש. אַלץ, וואָס

אַרום האָט געטומלט, אַלץ וואָס איז געשאַפן און צעשטערט גע־וואָרן, אַלע היכא געשרייען און צאַרטע געזאַנגען פון טאָג און אָוונט פלעגט ער אָנזאַפן אין זיך, אין דער נשמה אַריין.

און אַוועקגיין מיט דעם אַלץ צו זיך אויף דער באַוועגאָרע־דער גאַס און דערנאָך, בלייבנדיק מיט זיך אַליין, פלעגט ער דאָס אַלץ באַטראַכטן, ווי דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז און אָפט אין טרוי־מערישע שעהן פלעגט ער דאָס פאַרשענערן דורך קאָלירטע שייב־לעך פון זיין פאַנטאַזיע.

ער האָט ליב געהאַט איבדערפרי גלייך נאָכן אויפשטיין צו־לויפן צום פענסטער און אַרויסקוקן אויף דער וועלט.

אַ שטי־לע פרייד פלעגט אים פאַרכאַפן, אַלץ איינס, אַ שיי־נער, צי אַ מיאוסער טאָג. דער טאָג אַליין לעבט דאָך, דער טאָג זאָגט צו און נאַרט אָפּ און אויב מען וויל קאָן מען דאָך האָבן יעדן טאָג אַ שטיקל יום־טוב.

יעדן טאָג אַ יום־טוב.

אַ באַגעגעניש מיט אַ מענטש, וואָס דיר איז ער ליב, אַ שפּאַ־ציר אונטער דער שטאָט, איבערלייענען אַ גוט בוך, אָנטון אַ ניי בגד, אַ נייע שלייף... יאָ, יאָ! פון קליינקייטן, פון אַ שטראַל, וואָס פאַלט צו דיר און צו מיר אַריין באַגיבען, פון אַ שמייכל, וואָס אַן אומבאַקאַנט מיידל האָט היינט צו דיר געוואָרפן, פון די אַלע קליינקייטן קען מען צוגרייטן אַ גאַנץ פיינע סעודה פאַר דער נשמה.

מען דאַרף נאָר קענען זוכן, מען דאַרף נאָר וועלן זוכן...

אפילו פון טרויער, וואָס כאַפּט אָן אַ סיבה אַרום די נשמה מוז מען אויך אויספּרעסן אַ ביסעלע פרייד, שטילע פרייד פון הכנעה און גרייטקייט צו ליידן און שטרייטן ביזן סוף...

ער האָט געהאַט זיין איינפאַכע מעטאָדע צו פילאָזאָפירן.

.ווערט דיר שלעכט מיט מענטשן, אנטלויף פון זיי, ווערט דיר מיאוס דאס אליין זיין, גיי דאן צו די מענטשן, קירעווע שטענדיק, קאמבינער: דו זאלסט זיי נישט דערעסן אדער זיי זאלן דיר נישט דערעסן. מען באדארף דערצו נישט ציען קיין פייערדיקע סטענגעס פון מויל, מען דארף זיין באשיידן און שטאלץ, ענערגיש און צוריקגעהאלטן און איידער מען גייט ווען מען שטראפן פוז מען פריער א קליינעם בליק טון אין דער אייגענער נשמה.

אויף דער גאס האט ער ליב געהאט צו גיין רויק און געלאסן, פונקט ווי ער וואלט פון דעם א גרויסע הנאה האבן, וואס ער זעט מענטש און לעבן.

אין דער דעלבער צייט איז ער ווייט [illegible] געווען קיין רויקער מענטש, האט פיינט געהאט לאנגווייליקייט, האט געפלאנט וועגן מארגן און צוקונפט. פלעגט זיך אנצינדן צוליבן אמח מיט דער גרעסטער אויפריכטיקייט, האט ליב געהאט צו ארי[illegible]

יעדער נייער מענטש, [illegible] אריגינעל[illegible] מענטש פלעגט אים איבעראשן, דאס זעלבע יעדע נייע ערפינדונג און יעדער וווּנדער פון דער וועלט.

נאר איבעראשט פלעגט ער ווערן אין זיך און נישט פאר אלע. נישט איינמאל האט ער געהערט וועגן זיך, אז ער איז א קאלטער מענטש".

פלעגט ער שמייכלען דערביי.

זאלן זיי טראכטן די מענטשן, וואס זיי ווילן, זיי זען [illegible]
[illegible] זייניק, א מענטשס נשמה איז פארשטעלט און פארדעקט

ער איז אלט געווען צוויי און צוואנציק יאר, נאר דאס פנים זיינס האט אויסגעזען ערנסטער פאר זיינע יארן, ער פלעגט רעד[illegible] מיט א רויקע זיכערקייט און באדייטונג.

[illegible] פלעגט ער קאקעטירן [illegible] זיך [illegible]

— איך בין עפּעס אנדערש, ווי די אַלע. נישט געקענט זיך אָפּגעבן קיין חשבון מיט וואָס ער איז „עפּעס אַנדערש". האָט ער דאָס אַמאָל עמעצן פּאַרטרויט, איז יענער געווען אָפּגהערציק און האָט צו אים מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— אַלע יונגעלייט אין די יאָרן זענען אַזוי, עס יונגלט אייך נאָך, איר וועט עלטער ווערן וועט איר זיך אַליין אויסלאַכן פון דעם.

און דאָך..

ער האָט שפּעטער ווידער גענומען טראַכטן, אַז ער ליידט און פרייט זיך אַנדערש ווי אַלע. ער האָט נישט געוואָלט קיין באַלויבונג פון קיינעם פאַר דעם „עפּעס אַנדערש", ער האָט בלויז געוואָלט זיין זיכער אין דעם, אַז זיינע אויגן נעמען אַלץ אויף טיפער, אַז ער שטעלט זיך דאָרטן, ווו אַנדערע גיין גלייכגילטיק פאַרביי, גוואַלטיק געוואָלט דאָס זאָל נישט זיין קיין איינרעדעניש בא אים.

אַמאָל האָט ער ערגעץ געלייענט אַ פראַזע: „זיין ענלעך צו אַלעם הייסט גאָרנישט זיין".

אָבער פאַרן נישט זיין ענלעך צו אַלעם מוז מען מיט עפּעס באַצאָלן, מיט וואָס? דאָס האָט זעליק נישט געוווּסט... דערפאַר פלעגט ער זיך שטענדיק שטאַרק דערפרייען, ווען זיין נשמה פלעגט זיך צעזינגען פון אַזאַ זאַך, אַרום וועלכע אַלע פלעגן גלייכגילטיק פאַרבייגיין. „זיי זען דאָס נישט, זיי פילן דאָס נישט און ער פלעגט שטענדיק טיילן: „איך און זיי".

דער הויף, ווו ער האָט געלעבט איז געווען פול מיט אָרימקייט און גרויקייט. אַ שכן אַ מלמד מיט אַ געלע באָרד, מיט אַ סך וואַטע אין די אויערן, יענער פלעגט זייער אָפט אַרויסלויפן פון שטוב מיט אַ קאַנטשיק און אַרייניאָגן די קינדער צוריק אין הדר אַריין, און די קינדער, בלייכע, מיט שוואַרצע אָנגעשראָקענע

אויגן, מיט אָפּגעשפּיליעטע הייזלעך פלעגן פאַרפּאַטשקען דעם גאַנצן הויף... עס האָט נישט געהאָלפן וואָס דער שניי האָט געהאַלטן אין איין פאַלן — דאָס שטיקל הויף איז שטענדיק געווען שמוציק. געלעבט האָט דאָרט אויך אַ מילך־ייִד, ער האָט געהאַט צוויי קי, פון וועלכע ער האָט געצויגן חיונה, אַמאָל פלעגט אַרויסגיין אַ קו פון שטאַל און אַרומקריכן, אַהין, אַהער, בשעת זי פלעגט צוקומען צו זעליקס נידעריקן פענסטער, אַריינקוקן צו אים, אויף אים אויפהייבן די גרויסע בהמשע אויגן...

מעע!

תמעוואַטע, אַ גלייכגילטיקע גרויסע וועלט און יעדער מענטש איז פאַרשלאָסן אין זיין שטאַל, ווי אַ בהמה.

מעע! צו וואָס זיצט דאָ אַ יונגערמאַן און שרייבט לידער!

און די קו טרעט נישט אָפּ, ער מוז אויף איר קוקן... אין די אויגן, וואָס זען אויס, ווי מוטנע וואַסער...

פלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן פון צימערל און נעמען בריקן בהמה מיט די פיס: „וואָן! וואָן!" אָבער באַלד פלעגט זיך דאָס איבערהזרן און פון אַרבעטן איז שוין קיין רייד נישט געווען... אַ גרויסע ליידיקייט, אַ גאָרנישטקייט פלעגט אים באַפאַלן און ער פלעגט אַנטלויפן פון צימער. איינמאָל האָט ער אפילו אַזא ליד אָנגעהויבן צו שרייבן: אַ בהמה קוקט אין פענסטער".

געווען אָבער אַ זאַך, וואָס פלעגט אים ברענגען אַ שטילן פאַרביקן חלום. אויף דעם זעלבן הויף, אין סאַמע טיפעניש, האָט דאָרט געלעבט אַ משפחה: אָפּגעריסענע מענטשן — דער טאַטע אַ קאַטערינשטשיק, עטלעכע שויבן זענען דאָרט שטענדיק געווען אויסגעקלאַפּט און די לעכער פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס, דער טאַטע פלעגט אינדערפרי אַוועקגיין מיט זיין שפּיל־קאַסטן, מיט אַ [illegible]ייזכטערל, אַרומגעוויקלט דעם גאַנצן קאָפּ מיט אַ שוואַרצער

פּאַטשיילע און נאָר די פּאָר אימצפּיקע אַ געלעך האָבן אַרויס־געקוקט...

אין דער האַנט פלעגט דאָס מיידל האַלטן אַ הילצערן שטייגל... אין שטייגל אַ פּאַפּוגיי, אַ גרויסער גרינער פויגל מיט אַ קורצן שנאָבל. פון דעם קאַטערינשטשיק האָט זיך געלאָזט טראַכטן, פון גרינעם פּאַפּוגיי נאָכמער...

וואָס? גאָרנישט... אַ פויגל אין אַ הילצערנעם קעסטל און וואָס פאַר אַ שותּף איז דער פויגל צום בחור זעליק קאַמיעניעצקי? אָבער עס איז גענוג געווען, אַז ער זאָל דערזען די גרינע פליגל און אַ פרייד פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין זיין נשמה, אַלץ אַרום פלעגט ליכטיקער ווערן, די גרויקייט פון זיין לעבן באַקומט קאָלירן. די נשמה נעמט חלומען: פאַרהאַן אַ גרויסע וועלט, פאַרהאַן ווייטע אינדזלען, וווּ אייביק גליט די זון, ווייט, ווייט איבערן ים... וועלדער זענען פאַרהאַן געדיכטע, וווּ ווילדע חיות שרייען און אויף דיביימער שטייען זיי די קאָלירטע פלאַפּלערס, גרינע, געלע, ראָזע פייגל און וואָס דער לייב שרייט, וואָס אַ מאַלפּע קוויטשעט, אַלץ מאַכן זיי נאָך די פּאַפּוגייען.

און ליב האָט ער געהאַט די מאָמענטן, ווען דאָס מיידל פלעגט אַרויסגיין רייניקן דאָס קעסטל, דעם פּאַפּוגיי פלעגט זי אַוועקשטעלן אויפן דעקל און אַליין סקראָבען, רייניקן. דער פויגל פּיקט איר איבער די הענט און שרייט דערביי אויס אַ קורצן „קראַק". דאָס מיידל שלאָגט אים איבער זיין גרין קעפל און זי באַמערקט נישט, אַז אין פענסטער שטייט אַ בחור און זי ווייסט נישט, זי פאַרשטייט נישט... קיינער ווייסט נישט, וואָס די רגעס זענען פאַר זעליקן... רגעס, בשעת דאָס טיפסטע, וואָס אין אים לעבט, ציטערט אויף, ווי עס וואָלט באַרירט געוואָרן דורך אַ געהיימען ווונק, דורך אַ רוף, וואָס קומט פון ערגעץ ווייט — דאָרט

ווייט אונטער אַלע הייזער, שטעט און דערפער איז דאָס קול גע-
בוירן געוואָרן און דאָרט וואָרט ווער אויף אים איינער, כדי צוזא-
מען זיך לאָזן וואַנדערן. די וועלט איז גרויס, די וועלט איז גרעסער
פאַר זיך אַליין. מיטאַמאָל נעמען שימערן פאַרבן אין זיין נשמה,
אַ מיל פון קאָלירן און דאָס נעכטיקע גרויקייט, דאָס ביז איצ-
טיקע פאַרבלאָזיקייט פון מענטשן ווערט צעמאָלן, צעגאָרנישט...
— מיידעלע! דער פאַפוגאַי רעדט עפּעס?
— יאָ, איין וואָרט...
— וועלכעס?
און דאָס מיידל קוקט אַ רגע אויף דעם פויגל, פונקט ווי
זי וואָלט איס מיט די אויגן געבעטן, ער זאָל זי נישט פאַרשע-
מען פאַר דעם שכן, וואָס לעבט דאָ בײַ דער הערינג-ייִדענע.
— גרינער, זאָג עפּעס!
— „דלות!” — ענטפערט דער פאַפוגאַי
— זאָג נאָך עפּעס!
— „דלות!”
אויף אַלע פראַגן, ווערטער און אַפילו אויף די בליקן פון
דעם מיידל האָט דער פויגל געענטפערט: „דלות”, „דלות”..
דאָס איז געווען אַ ביטערער שפּאַס פון אַן אייביקן קבצן:
אויסלערנען אַ פויגל איין וואָרט, וואָס איז געווען, ווי דער סימ-
באָל פון זיין לעבן. אַ צעפליקטע טאָגע, וואָס האָט איינגעוויקלט
זיין גאַנצן קיום און וועזן...
„דלות”.
נאָר דער פויגל האָט געהאַט גרינע פעדערן, אַ העלע גרינ-
קייט, וואָס האָט באַלויכטן די גאַנצע נשמה פון זעליקן.
דער פויגל האָט אים נישט געשראָקן מיט דעם אויסגעשריי
„דלות”.
דאָ איז אָרימקייט און גרויקייט, אָבער דאָרטן אין די ווי-

[illegible]וויטשע[illegible]ר, עס האָט אים באַגייסטערט דער גע־דאנק, אַז ער וועט אַמאָל קומען אַהין, ער מוז קומען... דערווייל אָבער האָט ער געדאַרפט לעבן מיטן חלום. נאָר די אַנדערע האָבן, ווייזט אויס, דעם חלום אויך נישט געהאַט, ווייל זיי האָבן זעליקן נישט פאַרשטאַנען...

איינמאָל, צווײמאָל, ער האָט גענומען דערציילן:

— בא מיר אויפן הויף לעבט אַ קאַטערינטשיק, האָט ער אַ גרינעם פאַפוגאי...

— איז וואָס?

חיל ער שוין ציען צוריק זיינע ווערטער, צוליב וואָס דער־ציילט ער דאָס? שטייט מען צו צו אים און ער מוז רעדן ווי־טער, ער דערציילט, אַז דער פויגל וועקט אין אים אויף מאָדנע בענקשאַפטן...

כאַפּט זיך ווער און רופט אויס:

— אַי, זענט איר נאָך יונג, זעליק!

ב

אַ שכנטע...

איינמאָל, בשעת זעליק איז שפּעט אַהיימגעקומען, האָט ער געהערט, ווי אין צווייטן צימער באַוועגט זיך ווער. אוודאי שלאָפט נאָך נישט די באַלעבאָסטע, און עס איז אים איינגעפאַלן צו פרעגן בײַ איר:

— באַלעבאָסטע, די וועש מײַנע איז שוין פאַרטיק?

נאָר אָנשטאָט דער באַלעבאָסטע האָט זיך דורך דעם דינעם ווענטל אָפּגערופן אַ יונג קול און נישט אויף יידיש, נאָר אויף רוסיש:

— דאָ לעבט אין צימער אַ נײַע קוואַרטיראַנטין, די באַלע־באָסטע שלאָפט אין קיך.

דאָס קלינגענדיקע קולכל, וואָס האָט זיך אַזוי אומדערוואַר־טעט צעגאָסן איבער די צוויי אָרימע צימערן, האָט זעליקן שטאַרק צעטומלט אין דער ערשטער רגע. ער האָט זיך דערפרייט און דערשראָקן... אַ פרוי, אַ יונגע פרוי אָטעמט דאָ אונטער דער

וואַנט... ווער איז זי? ווי איז זי? אַ הויכע, אַ נידעריקע? אַ שיי־
נע, צי אַ מיאוסע?

פון איבעראַשונג האָט ער אַ לענגערע צייט געשוויגן און איבערטראַכטנדיק פאַרשידענע איינפאַלן, האָט ער זיך סוף כל סוף ווידער אָנגערופן:

— אויף לאַנג זענט איר אַהערגעקומען?

די קורצע פויזע, איידער יענע דורך דער וואַנט האָט זיך אָנגערופן, האָט זעליקן אויסגעזען, ווי אַן אייביקייט.

— עס קען זיין אויף זייער לאַנג און עס קען זיין אויף זייער קורץ...

עס קלינגט, ווי אַ געהיימניש...

און זי האָט אים געענטפערט:

— ס׳קען אויך זיין אַ געהיימניש.

מאָדנע האָט אים אויסגעזען זיין לאַגע אין דער רגע. ער רעדט צו אַ מענטש, וואָס ער קען נישט, צו אַ פרוי, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געזען. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער שיקזאַל הייבט אָן מיט אים אַ נייעם שפּיל, אַנדערש קען דאָס נישט זיין.

דער גאַנצער הויף מיט דעם ביסל אָרימקייט, דער מלמד מיט די קינדער, די נאַרישע קו, וואָס קוקט אין זיין פענסטער אַריין, דער קאַטערינטשיק מיט דעם גרינעם פּאַפּוגאַי — אַלץ האָט איצט אַן אַנדער געשטאַלט באַקומען. זיין שטענדיק וואַרטן אויף עפּעס... יאָ, עפּעס מוז קומען אומגעריכטערהייט און אַלץ זאָל בײַ אים מיטאַמאָל אַנדערש ווערן, שענער, ליכטיקער — צי דען האָט זיך דאָס שוין אָנגעהויבן?

ער האָט זיך אויף אַזאַ צופאַל נישט געריכט, ער האָט אַזוי, ווי אויסגעמיטן באַגעגענישן מיט פרויען, האָט מורא געהאַט פאַר אומרו אין דער נשמה און אין דער זעלבער צייט האָט ער גע־

בענקט נאָך זי, געבענקט נאָך אַן „איינע", וואָס באַפאַרבט די טעג און די שעהן.

אָבער דאָ אין זיין אָפּגעזונדערטן חדרל, אין דעם קוואַר־טאַל פון דלות, דאָ האָט ער זיך אויף גאָרנישט געריכט. דאָ פּלעגט ער ברענגען זיינע ביינער אָפּצורוען פון טאָג.

ער האָט גענומען אין דער רגע צופיל טראַכטן פון זיך און האָט אויף האַלב פאַרגעסן פון דעם, וואָס עס טוט זיך דורך דער וואַנט.

האָט זיך דאָס פרויען־קול ווידער אָנגערופן:

— כ'האָב געהערט, אַז מיין שכן איז אַ דיכטער...

איצט איז שוין אַוועק אַ געשפּרעך וועגן דיכטער און דיכ־טונג, וועגן ליטעראַטור... ביידע האָבן זיי זיך גענומען אַמפּערן איבער קליניקייטן.

און פּלוצלינג האָבן זיך ביידע פונאַנדערגעלאַכט.

— פון וואָס לאַכט איר? — האָט זעליק געפרעגט.

— און וואָס לאַכט איר?...

— פון דער קאָמישער סיטואַציע... מיר ווייסן דאָך ביידע נישט פון וועמען מיר רעדן.

האָט זיך דערהערט איר קול:

— דאָס איז דאָך אינטערעסאַנטער און ער האָט געענט־פערט.

— אָבער פון מיין נייגעריקייט קען איך משוגע ווערן.

זי האָט ווידער געשפּאַסט:

— בעסער שלאָפט זיך אויס, אַ גוטע נאַכט

— אַ גוטע נאַכט...

ער איז געלעגן אויף זיין געלעגער איבערראַשט און צע־טומלט. צוגעהערט זיך צו יעדן שאָרך, וואָס איז דערגאַנגען דורך דער וואַנט... שטיל, רויק. די אומבאַקאַנטע איז שוין געשלאָפן

און אפשר איז דאָרט אין צווייטן צימער קיינער נישט פאַרהאַן.. אפשר א חלום? ער גייט דאָך אייביק אַרום מיט חלומות, בילדעט זיך איין אַלע משוגענע פאַנטאַזיעס.

ניין, ער האָט דאָך דייטלעך געהערט איר וואָרט, איר געלעכטער.

קוים זיך דערוואַרט דעם פרימאָרגן, צוגעהערט זיך, טאָמער קומט פון דאָרטן אַ באַוועגונג... אין צווייטן צימער איז קיינער נישט געווען.

איז ער אַריינגעלאָפן אין געוועלבל צו זיין באַלעבאָסטע און אַ פרעג געטון בא איר:

— איר האָט פאַרדונגען דאָס צימער, דאָס צווייטע צימער?

— יאָ...

הייסט עס, אַז דאָס איז אמת. מער האָט נישט פונאַנדערגעפרעגט. ער איז אַוועק אין שטאָט. געגאַנגען און פאַנטאַזירט. פאָרגעשטעלט זיך, ווי ער פאַרליבט זיך, און אים פאַרליבט זיך אַן אומבאַקאַנטע...

איינגעפלאָכטן זענען הייגט געווען די רייצנדע און בייגעריקע געדאַנקען אין אַלע זיינע מעשים און באַוועגונגען.

עטלעכע אָוונטן זענען אַריבער שטיל מיט אַנטוישונג: קיינער איז אין צווייטן חדר אַריין שלאָפן נישט געקומען און זעליק האָט זיך דעם קאָפּ געבראָכן: וואָס קומט דאָ פאָר? ער האָט מורא געהאַט פאַר זיך, אַז ער בילדעט זיך איין משוגעתן.

און אַ ציטער האָט ער דערלאַנגט, בשעת ער האָט ווידער דערהערט דורך דער וואַנט.

— שכן, איר שלאָפט שוין?

— נאָך... נישט... גוטן אָוונט, אומבאַקאַנטע!

— פאַרוואָס קומט איר נישט אַריין צו מיר? איך אויף אייער אָרט, וואָלט שוין אַזוי לאַנג נישט געוואַרט...

— איר שלאָפט דאָך שוין... איר ליגט אויף אייער געלעגער...

— עס מאַכט נישט אויס, קומט אַריין!

זעליק האָט צוריק אַרויפגעצויגן די מאַרינאַרקע און איז פאַרזיכטיק, אַ ביסל אָנגעשראָקן אַריין אין צווייטן צימער.

פאַר די עטלעכע טעג, וואָס די נייע קוואַרטיראַנטין איז דאָ געווען, האָט שוין דאָס צימערל אַן אַנדער פּנים באַקומען: אונטערן בילד פון ווילנער גאון איז געהאָנגען אַ קליין פּאָרטרעטל פון קראָפּאָטקינען און נאָך עטלעכע פאָטאָגראַפיעס, יונגע בחורים, יידישע און קריסטלעכע פּנימער. אַ רויִקע דרייסטקייט האָט געקוקט פון זיי.

זי איז אַליין שוין געלעגן אין בעט, אַ טונקעלער שמאָלער קאָפּ, זי האָט אויסגעזען ווי אַ קינד, וועלכער די מאַמע האָט געטריבן פרי שלאָפן, האָט געשמייכלט פון אונטער דער קאָלדרע.

אירע שפּיציקע אייגלעך זענען געשפּרונגען איבערן צימערל אין וועלכן עס איז איצט אַ סך ווייסקייט געווען, דאָס טישל, דער קאָמאָד, אַ וואַליזקע — אַלץ מיט געקרויזטע ווייסקייט צוגעדעקט

איין האַנט אַ נאַקעטע האָט זי אַרויסגעשטעקט, אַ שטיקל אַקסל איז אויך געווען נאַקעט און זעליק האָט זיך געשעמט-נישט געשעמט צו קוקן אויפן בעט.

ער האָט געקוקט צו דער וואַנט, אויף די פאָטאָגראַפיעס.

— דאָס זענען אייערע חברים?

— יאָ, מיינע חברים, זיי זענען אַנאַרכיסטן, איר ווייסט פון אַזעלכע?

— פון לעבן קען איך זיי נישט, איך האָב בלויז געלייענט פון זיי, איך לייען וועגן אַלץ.

זי האָט גערעדט האַלב פאַרבאָרגן, עפּעס נישט דערזאָגט. אוודאי באַהאַלט זי זיך פון וועמען, פרעגן האָט ער נישט גע־וואָלט.

ער איז געזעסן אויף אַ שטול און האָט נישט געהאַט קיין דרייסט צו קוקן מיט אַלע אויגן אויפן בעט, ווו דאָס מיידל איז געלעגן.

— וואָס זיצט איר אַזוי ווייט? זעצט זיך אויפן בעט. איך האָב פאַר אייך קיין מורא נישט, באַדאַרפט איר דאָך אוודאי נישט מורא האָבן.

זעליק האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און געמאַכט עטלע־כע טריט, ער האָט זיך פּאַרזיכטיק אַוועקגעזעצט אויפן בעט, באַם סאַמע ברעג, פונקט ווי ער וואָלט מורא האָבן דאָס בעט זאָל נישט איינפאַלן.

ער האָט זיך גענומען העלדישן, האָט קוים געפונען אַ פראַזע:

— איר האָט נישט קיין מורא, אַנדערע מיידלעך האָבן יאָ מורא...

— פאַר וועמען, פאַר אַזעלכע בחורים, ווי איר, איר זענט דאָך אַליין שרעקעדיק.

— אפשר גאָרנישט נישט אַזוי שרעקעדיק, איידער איך דער־קען אַ מענטש האָב איך פאַר אים מורא, נאָר אַז איר וועט זיך מיט מיר שטאַרק רייצן, וועל איך אייך די הענט אייערע אָט אַזוי צונויפפּרעסן.

און זעליק, ער האָט אַליין נישט געוווּסט, פון וואַנען האָט זיך צו אים מיטאַמאָל אַזאַ דרייסט גענומען...

ער האָט געוואָלט כאַפּן אירע נאַקעטע דינע הענט, וועלכע האָבן זיך אַזוי ליידנשאַפטלעך געוויסלט באַ דעם קבצנישן פייערל אין צימערל.

— נישט אזוי דרייסט! צי זי האָט אַ שמייכל געטון, צי זי האָט אַ בייזן פייערל באַוויזן אין די אויגן, אויסגעדראַכט האָט זיך, אַז זי האָט געשמייכלט און געבייזערט זיך אינאיינעם...

פּלוצלינג האָט זי זיך אַ קער געטון אויף איר געלעגער, אַ באַוועגונג געמאַכט מיט דער האַנט און פון אונטערן קישן אַרויסגעכאַפּט אַ ברויניג-רעוואָלווער, אַ פלאַכן טונקעלן רעוואָלווער...

— איר זעט...

זעליק האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גרויסע אויגן, נישט פאַרשטאַנען פאַר קיין פּאַל, וואָס דאָ קומט פאָר און זי האָט אַליין געהאַלטן דעם רעוואָלווער און געשאָסן אויף אים מיט די שוואַרצע אייגעלעך, געלאַכט מיט די אויגן, אַריינגעקוקט אין זיין נשמה און אפשר אַליין נישט געוווּסט, וואָס זי מיינט אין דער רגע.

ענדלעך האָט ער זיך אָפּגערופן:

— ווי קומט צו אייך אַ רעוואָלווער?

און זי שפּאַסט:

— ווי קומט צו אייך אַ נאָז?

— אָבער... צוליב וואָס?

— געוואָלט אייך אָנשרעקן, וואָס פאַרשטייט איר נישט...

און די אויגן אירע לאַכן.

דער רעוואָלווער ליגט שוין צוריק אונטערן קישן.

זעליק גלאָצט מיט די אויגן און קוועטשט מיט די פּלייצעס, וואָס דאָ קומט פאָר ווייסט ער נישט, שטענדיק אין דער צייט איז ער שוין געשלאָפן אָדער געלעגן אויפן געלעגער און רויק געטראַכט פון דער גרויסער וועלט.

— איר זענט אַן אַנאַרכיסטין...

ער קוקט איר גלייך אין די אויגן און פרעגט זי די פראַגע.

— יאָ! — ענטפערט זי, אָבער אויף היינט וועט שוין זיין גענוג. איך בין מיד, איך בין צוויי נעכט נישט געשלאָפֿן... איר זעט נישט? איך בין זייער מיד.

איצט ווילט זיך נישט אַוועקגיין, ער האָט געמאַכט אַ נאַרישקייט און געוואָלט זיך פֿאַרענטפֿערן, זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אים ווילט זיך נאָך נישט אַוועקגיין, רעדט זי מיט אַ רויִק קול.

— מאָרגן, איבערמאָרגן, איך וועל אייך אָריינרופֿן, ווען איך וועל זיין פֿריי, מיר דאַכט זיך, אַז איר געפֿעלט מיר.

זעליק איז אַוועק צו זיך אין צימער.

ער איז לאַנג נישט געשלאָפֿן. וואָס? וואָס?

וואָס טוט זיך דאָ?

ער האָט זיך צוגעהערט, טאָמער דערהערט זיך אַ שאָרך פֿון אונטער דער וואַנט.

פֿונוואַנען איז זי געקומען דאָס מיידל?

גראָד דאָ אין צימערל, אין דעם אָרימסטן ווינקל פֿון ווילנע דאָ האָבן געדאַרפֿט פֿאַרבלאָנדזשען אירע דרייסטע טיפֿע אייגעלעך.

גראָד דאָ, וווּ ער האָט אַזוי אָפּגעזונדערט געלעבט, האָבן געדאַרפֿט אַ בליק טון אירע נאַקעטע אָרעמס.

וואָס מיינט דער שיקזאַל מיט דעם?

שלאָפֿן שלאָפֿט זיך נישט.

די שפּיציקע אייגעלעך קוקן אויף אים, דער נאַקעטער אָרעם רייצט, און ער טראַכט, אַז דאָרטן אין דעם צווייטן צימער, אין מיידלשן בעטל רוט אַן אָפּגעזונדערטע צאַרטע וואַרעמקייט.

און דער רעוואָלווער.

געווען אַ רגע, בעת דער שלאָף האָט אים שוין גענומען באַהערשן, די געדאַנקען האָבן זיך שוין האַלב אָפּגעשלאָסן און מיט-

מאָל איז ווידער אַרויסגעשווומען דער רעוואָלווער... זי ציילט זיך אין אים און די אויגן אירע שמייכלען...

געטראַכט האָט ער, אַז מאָרגן וועט ער קומען צו האַלפּערן דעם לערער, דאָרט ווו אַלע שרייבערס קלייבן זיך צונויף און ער וועט זיי דערציילן פון דער גאַנצער געשיכטע און באַלד האָט ער איבערגעטראַכט, אַז מען באַדאַרף פאַרשווייגן דעם גאַנצן ענין. דאָס איז אַ געשעעניש בלויז פאַר אים אַליין און צוליב אים אַליין, מען מוז פריִער זען, וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען...

אַ געהיימניש איז אַריין אין דעם אָרימען שטיבל און צו יעדער שאָרך פון דער נאַכט האָט ער זיך היינט אַנדערש צוגעהערט.

דערנאָך האָבן זיך געפּלאָנטערט מאָדנע חלומות: עמעצער האָט דערשאָסן דעם קאַטעריבשטשיקס פּאַפּוגײַ, דאָס קליין מיידעלע האָט געוויינט, אויפן געלעגער האָט אים אַרויפגעטאַנצט דעם שכנס קו מיט גרויסע הערנער און מיט גרויסע אויגן און באַלד איז ער אַראָפּגעפאַלן מיט זיין בעטל ערגעץ אין אַ ווייסן, ווייסן טאָל פון שניי, דאָס בעטל האָט זיך אויף קיין רגע נישט איינגעהאַלטן און כסדר געפלויגן, ווי אַ פאַרפּישופּטער שליטן...

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך שפּעט, ווען אין צווייטן צימער איז שוין קיינער נישט געווען.

ער האָט זיך אין זיינע געדאַנקען איבערצייגט, אַז דאָס באַנאַכטיקע באַגעגעניש איז נישט קיין חלום און עס האָט אים אַ ביסל פאַרדראָסן, ווייל דאָס האָט אים צעשטערט זיין רעגלמעסיקע רויִקייט, דעם סדר, וואָס ער האָט זיך אויסגעאַרבעט, דאָס האָט צוגענומען די פרישקייט פון פרימאָרגן. ער האָט איצט שוין ווייניקער געטראַכט וועגן זיך און מער וועגן „איר".

ער איז אַריין צו זיין באַלעבאָסטע אין קרעמל אויספרעגן וועגן די נייע קוואַרטיראַנטין איר?

די באַלעבאָסטע זייגע האָט אָבער אויך זייער ווייניק געוווסט. איינס האָט זי יאָ געוווסט: דאָס מיידל האָט איר דערציילט אַז זי האָט דאָ אַ ברודער אין ווילנער טורמע און צוליב דעם ברודער איז זי אַהער געקומען פון ריגע...

אין קרעמל איז די לופט געווען געשטיקט און דאָס אייביקע פּאַס הערינג האָט שווער געמאַכט זעליקס געמיט. ער האָט זיך געאיילט אַרויסצוגיין פון דאַנען.

אויפן גאַס איז ווינטער, די לייכטע וואַטע פון שניי איז נישט אומעטום געווען געטרעטן.

עטלעכע יינגלעך האָבן זיך געשפּילט מיטן שניי.

אויף איינעם פון די פּלויטן זענען געשטאַנען עטלעכע קראָען און אַריינגעקוקט אין אַ הויף, ווייזט אויס, אַז ערגעץ איז דאָ אַ פּגר געלעגן...

דאָס האָט געגעבן זעליקן צו טראַכטן, אַז די פרייע קראָען אָרדנען זיך בעסער איין, ווי די קלוגע מענטשן.

זיי האָבן שוין פרישטיק די קראָען און ער זעליק באַדאַרף נאָך בענוג טראַכטן, קאָמבינירן, ביז אים וועט זיך איינגעבן אָפּצועסן אַ זעמל מיט אַ גלאָז טיי.

זיין לעבן איז אים דאָ בעגאַנגען אין דער פרעמדער שטאָט זייער שווער.

ער איז אָבער געווען יונג און פון דעם שווערסטן האָט ער זיך גאָרנישט געמאַכט. געלייגט זיך שלאָפן אָן עסן... אָך, דאָס איז נישט דער עיקר, אין אַ שוך ריננט אַריין... דאָס איז אויך נישט דער עיקר.

דער עיקר איז אַריינצוקוקן אין זיך, אין דער נשמה און אַרויסצוגן פון דאָרט אַ שיין לידל.

וואָכנלאַנג האָט ער קיין מיטאָג נישט געגעסן. פאַרדיגט האָט ער אויף אַ פאַרשידענעם אופן: ער פלעגט באַקומען איבערצו־שרייבן מאַנוסקריפטן בײַ עטלעכע שרייבער, האָט געמאַכט זייערע קאָרעקטורן, נאָר באַקומען פלעגט ער גראָשנס. האָט שוין געאַר־בעט צוויי וואָכן אין אַ גלאָז־געשעפט, שוין געווען אַ קאַסיר בײַ איינעם אַ פּראָפעסאָר, וואָס פלעגט לייענען לעקציעס אין דער ביליקער קיך, לעקציעס וועגן שלאָף און פאַנטאַזיע, וועגן היסטע־ריע און חלשות, וועגן היפּנאָז. פאַר אַ טאָג און אַן אָוונט, וואָס ער פלעגט אָפּזיצן אין דעם קאַלטן קאַסע־צימערל פלעגט זעליק באַקומען פינף און זיבעציק קאָפּעקעס און געהיטן האָט זעליק דעם גראָשן... איין זאַך האָט ער געוואָלט, אַז די זאָרג וועגן שטיקל ברויט זאָל נישט צונעמען בײַ אים דעם גאַנצן קאָפּ, די גאַנצע ענערגיע און אַלע חושים... ווייל ער באַדאַרף דעם רויִקן קאָפּ, כדי אַרומצוקוקן זיך ווו ער איז דאָ אין דער וועלט, ער באַדאַרף זיין האַרץ, כדי צו פילן און אונטערשיידן דאָס שיינע פון דעם מיאוסן, דאָס גוטע פון דעם שלעכטן...

און טאַקע...

אין די פרייע טעג, ווען אין קעשענע קלינגען עטלעכע זילבערנע מטבעות, דאַמאָלס איז זעליק געווען אַ גאַנצער מענטש, אַ מענטש פאַר זיך און די וועלט האָט עקזיסטירט פאַר אים, כדי ער זאָל אויף איר קוקן און זיך צוהערן צו אַלע קלאַנגען פון טומל, ער האָט זיך קנאַפּ גענומען צום האַרץ, וואָס אים באַמערקט קיינער נישט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט אַלץ און אַלעמען געזען.

איצט האָט ער אייגנטלעך נישט געוווּסט ווו און צו וועמען ער גייט?

ער האָט געוואָלט טראַכטן פון דעם ריגער מיידל, וועלכע האָט זיך אַריינגעקליבן צו אים אינטער דער וואַנט.

די נאַכט האָט אים אַזוי ווי גענומען שוועבן פאַר די אויגן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז זי מוז אים נאָכגיין, אָדער זי וועט אים באַלד אַנטקעגן קומען...

יאָ, צום בעט האָט זי אים צוגערופן, געלאָזט זיצן און רעדן און אַליין געדעדט. זי מוז זיין אַ דרייסטע, ווער ווייסט זי, וואָס זי איז און ווער זי איז?

ער האָט געוואָלט פאַרטיפן זיינע געדאַנקען וועגן איר און פלוצלינג האָט ער דערפילט, ווי ער זינקט אַראָפּ, ערגעץ טיף-טיף זינקט ער אַראָפּ אין אַזאַ פּוכיקער ווייכקייט...

דאָס איז געווען דער ווייכער שניי און דאָס האָט זיך אים בלויז אויסגעדאַכט, אַז ער זינקט...

בעקומען איז עס פון הונגער. דער בחור האָט געוואָלט שטאַרק עסן, נעכטן האָט ער זיך אויך געלייגט שלאָפן נישט אי-בעריק זאַט.

נישט צום ערשטן מאָל האָט ער דורכגעלעבט אַזאַ שווער געפיל און געשראָקן האָט אים דאָס דערפאַר, ווייל ער האָט גע-שפּירט, אַז דאָס עסן ווערט זייער עיקר. דער הונגער פּאַראַליזירט די געדאַנקען, דער הונגער לאָזט אים נישט טראָגן גלייך דעם קאָפּ.

ער גייט צו נענטער צום צענטר פון שטאָט. אין די שוי-פענסטער שטייען אַלע מינים שפּייזן און עס דאַכט זיך אים אויס, אַז די האָבן עס אויף צו להכעיס אַוועקגעלייגט די אַלע געבעקסן און מילכוואַרג, די אַלע פרוכטן...

כדי מיט אים זיך צו רייצן.

ער איז צו קיינעם נישט אַריינגעגאַנגען. אַלע קאָמבינאַציעס וועגן ביין באַרגן באַ עמעצן האָבן אים אויסגעזען צוועקלאָז. עס האָט אים באַליידיקט דער געדאַנק, ווי יענער וועט אויף אים אַ

קוק געבן, ווי מען וועט אים דערלאַנגען די געבעטענע מטבע און די פיס זענען אַלץ מער שוואַכער געוואָרן, ווען ער זאָל איצט באַגעגענען אַ באַקאַנטן, וואָלט ער קיין כוח נישט געהאַט צו רעדן מיט יענעם...

גאַסן און הייזער, שוי-פענסטער, מענטשן, דראָזשקעס, אַלץ האָט געשוועבט און געשווינדלט פאַר זיינע אויגן און כדי נישט צו מאַטערן די אויגן האָט ער זיי אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, גע- קוקט אויפן בּרודיקן און ריינעם שניי, געזען סימנים פון מענטשנס טריט, אָפּצייכנונגען פון אָפּצאַסן און קליינע שפּרינקעלעך פון נישט אויסגעריבענע קאַלאָשן...

פלוצלינג...

בּאַ דער סאַמע וואַנט, ווו דער שניי איז ריין געווען, ריין ווייס און אומגערירט. אויפן שניי האָט אַ בּליק געטון אַ זילבערנע מטבע, איך זילבער-ווייסקייט האָט קאָנקורירט מיט דער מילך- ווייסקייט פון שניי. אַ מטבע, צען קאָפּעקעס.

פּונקט ווי עמעצער וואָלט עס אונטערגעוואָרפן פאַר אים, פאַר זעליקן.

פאַר צען קאָפּעקעס קען מען אָפּעסן און ער איז אַריין אין אַ גאָרקיך.

בּרויט, טיי און ווייסער פרישער קעז. ער האָט געגעסן מיט אַ יונגן אַפּעטיט און נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פון וואונדער, וואָס מיט אים האָט דאָ פּאַסירט, אין אַזאַ הונגעריקן טאָג געפינען צען קאָפּעקעס.

נישט אַנדערש דער גרינער פּאַפּוגאַי פון זיין שכן דעם קאַ- טערישטשיק טרייבּט כישוף מיט אים.

די שכנטע וואָס האָט נעכטן זיך אַריינגעקליבּן צו אים.

דאָס צויבּערט דער גרינער פויגל.

די מטבע אויפן שני — אויך זיין ארבעט.

דעם גאנצן טאָג איז אים היינט געגאַנגען, ער האָט באַקו־מען איבערצושרייבן עטלעכע בויגן און זעלבער דער קריטיקער, וועלכן ער האָט שפּעטער באַגעגנט בא האַלפּערין, האָט זיך צו אים אַליין אָנגערופן, אַז זיין לעצט ליד אין „ארבעטער־זשורנאַל" איז זייער שיין אָנגעשריבן... זעליקן האָט עס אַ ביסל געוווּנ־דערט, ווייל דאָס ליד איז אים אַליין נישט געפעלן געוואָרן, נאָר שפּעטער האָט ער פאַרשטאַנען די סיבה; זעלבער האָט זיך צע־ווערטלט מיט שמואל רובין און לויבנדיק זעליקן האָט ער דער־וויל מיט דעם געשטאָכן רובינען.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די מענטשן, נאָר אַלע זייערע ענינים, וואָס זענען אויך געווען צעגויפגעמישט מיט זיינע ענינים, האָבן איצט נישט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט, ער האָט געטראַכט פון זיין אָרימען הויף אויף דער נאָווגאָראָדער גאַס...

פון דעם מיידל האָט ער געטראַכט.

עטלעכע נעכט איז זי נישט געקומען שלאָפן זעליקס שכנטע, און דאָס האָט די געשיכטע געמאַכט נאָך געהיימער.

ווער איז דאָס מיידל?

זי האָט זיך אַליין אָנגערופן: „אַנאַרכיסטין", אָבער די לאַכנ־דיקע אויגן, דאָס גאַנצע יוגנט אירס האָט אַזוי נישט געקליידט צו דער דאָזיקער פאַרשטעלונג וועגן איר...

נאָר זעליק קאַמיענעצקי האָט זיך פעסט געלערנט פון קיין זאַך נישט איבערראַשט צו ווערן, איז אויך דאַסמאָל נישט איבערראַשט געוואָרן, האָט איצט געהאַט אַ נייע נייגעריקייט: דערוויסן זיך, ווער זי איז און ווי זי קומט צום רעוואָלווער און צו דער גאַנ־צער געהיימניש, וואָס אַרום איר...

מיט אַ נאַכט שפּעטער איז זי געקומען, אָנגעקלאַפּט אין

דער טיר. די באַלעבאָסטע איז שוין געשלאָפן און זעליק איז גע־לאָפן עפּענען.

זי איז אַרייַנגעקומען, רייך אָנגעטון. איר פיגור, איר אויס־זען האָט אַזוי נישט געקליידט צו דער אָרימער קוואַרטיר, ווו זי האָט זיך פארקליבן.

אין איין האַנט האָט זעליק געהאַלטן דעם לאָמפּ, מיט וועלכן ער האָט צוגעלויכטן.

די צווייטע האַנט האָט ער איר דערלאַנגט און אַ רגע האָבן זיי זיך ביידע אָנגעקוקט:

— איר שלאָפט נאָך נישט, פּאָעט?

— איר שלאָפט ווייזט אויס אינגאַנצן נישט, שוין פיר נעכט ווי איר קומט נישט. ווו זענט איר געווען?

זי האָט אים האַלב שמייכלענדיק, האַלב מיט ערנסט אָפּגעהאַקט:

— ווו איך בין געווען איז נישט אייער זאַך, אַז איר וועט וועלן מיט אַמאָל אַלץ וויסן, וועט איר גאָרנישט וויסן. קומט אַרייַן צו מיר אין צימער, וועלן מיר אַ ביסל רעדן...

איז ער אַרייַנגעגאַנגען צו איר אין צימער.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און נישט אַראָפּגענומען דעם הוט פון קאָפּ, דעם מאַנטל:

— איך בין מיד, נאָר שלאָפן וויל איך נישט.

— טוט אויס דעם הוט.

— און איר קענט עס נישט מאַכן? קאַוואַליער מייַנער!

דעם „קאַוואַליער מייַנער" האָט זי שוין אַרויסגערעדט מיט אַן אַנדער קול, פּונקט ווי איר גאַנצער ערנסט איז ערגעץ אַראָפּגעפאַלן.

זעליק האָט לייכט אַראָפּגענומען איר קאָטיקן היטל, האָט אַראָפּגעצויגן לאַנגזאַם איר פּעלצענעם מאַנטל, וועלכער האָט זע-

ליכן אויסגעוויזן אומנאַטירלעך לייכט, דער ויידענ׳ער אונטערשלאַק פון איר מאַנטל האָט זיך צוגערירט צו זעליקס פינגער און ער האָט לייכט אַ ציטער געטון: דער אונטערשלאַק איז געווען אָנגע-וואַרעמט פון איר לייב.

און דאָס איז געווען גענוג דער קאָפּ זאָל אים זיך פאַר-דרייען. אַ פּרוי... און ער איז אַזוי אויסגעבענקט. באַהאַלטן איז בײַ אים די בענקשאַפט.

אַ מאָדנעם געפיל האָט ער דורכגעלעבט אין דער רגע, אַן אויפרעגונג, אַ ציטער איז אַריבער איבער זיין גאַנצן קערפּער; אָט דאָס מיידל מיט אירע לאַנגע שלאַנקע הענט, מיט איר בויגיק רייצנדער פיגור, זי... זי האָט אים איצט דערמאַנט, שטאַרק דער-מאַנט, אַז ער איז אַ מאַן, אַז אין זיינע אָרעמס איז שוין לאַנג נישט געווען קיין פרוי און די ליידיקע אָרעמס פאָדערן אַ קרבן. אַליין איינס, אַ הייליקן, צי אַ זינדיקן קרבן.

דער דרייסט פון דער ערשטער רגע איז אַוועק, נאָר דאָך האָט ער מיט דרייסט אַרויסגערעדט אַזאַ פראַזע:

— אַ מאָדנע זאַך, איך זע אייך צום צווייטן מאָל, איך ווייס אפילו נישט ווער איר זענט, פון וואַנען איר זענט געקומען, אייער נאָמען ווייס איך אפילו נישט.

און...

זיין דרייסטקייט האָט אים נאָך נישט אָפּגעלאָזט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַריינגעקוקט אויף איין אויגנ-בליק אין זיך: דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן האָט געמוזט גע-זאָגט ווערן.

עס האָט זיך געבעטן אויף די ליפּן, דורכגעלייטערט פון איינזאַמקייט און ריינקייט. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ האַלבן שמייכל אויף די ליפּן, פּונקט, ווי זי וואָלט אים אויף דער

העלפט צעטיילט: פון אַ האַלבן זעליק בעשפּאַסט און צום צווייט
עליק זיך געוואַלט צוטוליען...

— רעדט שוין, בחור

האָט ער אַרויסגעצויגן אויף די ליפּן אַ פרעמדן שמייכל און אַרויסגערעדט:

— איך וואָלט אייך שוין וועלן קושן, אַרומנעמען אייך פעסט און קושן.

ער האָט זיך אַליין פאַרוואונדערט, ער האָט זיך כמעט ווי דערשראָקן פון זיינע ווערטער און דערצו האָט זי נאָך געגומען לאַכן, געקוקט אים אין די אויגן אַריין און געלאַכט...

אָבער דאָס, וואָס זי האָט אים גלייך נישט אַרויסגעטריבן פון איר צימער, האָט אים עטוואָס באַרויקט:

— וואָס לאַכט איר, ווייל איך האָב דאָס גערעדט צו אייך?

— ניין, ווייל איר האָט אויפגעהערט צו רעדן.

זי האָט אַלץ געוואָרפן אַזעלכע פראַזן, פון וועלכע זעליק האָט נאָך אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין איר כאַראַקטער.

דאָס, וואָס ער האָט נישט געוווסט, מיט וועמען ער האָט צו טון, האָט בעהאַלטיק גערייצט און אינטריגירט. דאָס איז געווען די ערשטע פרוי, וואָס ער באַגעגנט אויף אַזאַ אופן. די ערשטע וואָס האָט זיך בעקענט אַזוי פאַרשלייערן, און אַזוי זיך שפּילן מיט ווערטער, ווערטער, וועלכע זאָגן צו און נעמען אָפּ יעדע האָפנונג.

זי איז געוואַקסן צוליב דעם אַלעם אין זיינע אויגן און געוען בּאַ אים רגעס, אין וועלכע ער האָט איר באמת געדאַנקט אין האַרצן פאַר דעם, וואָס זי באַפעלט אים נישט צו פאַרלאָזן איר צימער.

ווו שלאָף? ער האָט שוין געטראַכט, אַז מען קען מיט איר אַזוי אַן אייביקייט זיצן...

— ווי רופט מען אייך? — האָט זי אים פלוצלינג אַ פרעג געטון...

— קאַמעניעצקי!

— נישט קיין שיינע פאַמיליע...

— רופט מיך מיטן נאָמען, איך הייס זעליק...

— אַ שווערער נאָמען, איך וועל אייך רופן „פּאָעט!"

— ניין, טיט מיר די טובה, נאָר נישט „פּאָעט".

— פאַרוואָס, איר שעמט זיך מיט דעם?

און ער האָט זיך גענומען איר צו דערקלערן, אַז ער האָט נישט ליב קיין צונעמעניש, אַז אַ פּאָעט איז ער פאַר זיך אַליין און וויל זיין אַ פּאָעט פאַר זיך אַליין, עפּעס איז נישט קלאָר פאַר אים אַליין, ער וויל זיך נישט אַרויסטראָגן אויף דער גאַס, עפּעס בונטעוועט אין אים, עפּעס פאָרמירט זיך אין אים, ער קען זיך נאָך אַליין נישט...

פאַרוואָן דאָך מאָמענטן, ווען דער מענטש זינגט פאַר זיך אַליין אַזוי ווי אַ פויגל... און איז שוין אַמאָל ווען אַ פויגל קריטיקירט געוואָרן פון אַ קריטיקער זעלצער צי פון אַן אַנדערן גריבלער. ער האָט פאַר איר גענומען דערציילן זאַכן, מיט וועלכע זי איז ווייניק באַקאַנט געווען... אַ לידל.

— איר ווייסט דען, וואָס אַנדערע מענטשן זענען גרייט צו טון צוליב אַ לידל? דערשטיקן, צעטרעטן איינער דעם צווייטן.

האָט זי זיך אָנגערופן:

— איר רעדט מיט אַזאַ כעס, מען האָט אייך אַוודאי שטאַרק באַליידיקט?

— ניין, נישט אַזוי שטאַרק און דער עיקר, בשעת איך בין מיט זיי, איז נאָך מעגלעך אַ חעלכע עס איז באַליידיקונג, גיי

איך אָבער אַוועק אַביסל פֿון דער זייט, דאַמאָלס לאָך איך פֿון זיי, זייערע קוילן ווערן טעמפּ, אינגאַנצן טעמפּ.

— ווי איך זע, האַלט איר פֿון זיך אַביסל.

ער האָט געפֿנוי ניט געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט און גערעדט ווייטער:

— עס קען זיין, איך וועל ווערן אַ בייזער מענטש, עס קען זיין, איך וועל ווערן אַ גוטער מענטש, אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז מען דאַרף מיטן קאָפּ אַראָפּגיין, אַבי ניט זיין ענלעך צו אַלעמען און אַמאָל ווידער ווילט זיך באַהאַלטן פֿון אַלעמען, אין אַלעמען, פּונקט אַזוי ווי אַ זאַמדעלע צווישן זאַמדעלעך.

זי האָט זיך צוגעהערט צו אים, צוגעהערט זיך מיט ערנסט, ניט אַראָפּגעלאָזט פֿון אים די אויגן און אין דער זעלבער צייט פֿונאַנדערגעלאָזט אירע טונקעלע האָר, זיך געשפּילט מיט זיי, נאָר דאָס איז אויך געטון געוואָרן מיט אַזאַ מין ערנסט, וועלכער האָט זעליקן צוגעגעבן מוט, עס האָט זיך אים געוואָלט רעדן... יאָ, ער האָט שוין לאַנג געשוויגן...

— ווען איר וואָלט וויסן מיט וואָס פֿאַר אַ נייגיריקייט איך קוק אַ מענטש אַריין אין די אויגן, איך וואָלט וועלן אין יעדערן זען דעם מענטש, עפּעס מער, ווי אַ מענטש.

— און...

— איך ווייס נאָך ניט, איך האָב נאָך קיין פּסק ניט אַרויסגעטראָגן, נאָר איך האָב שוין מורא פֿאַר די מענטשן, פֿריִער האָב איך געהאַלטן אין איין גלייבן און איצט וויל איך שטאַרק ווערן, פּונקט, ווי מיך וואַרט אַ סכּנה, אומעטום אַ סכּנה... איך פֿיל, אַז קיינער וועט ניט ווערן ענלעך צו מיר און איך אַליין מוז ווערן ענלעך צו אַלעמען, מיין יעדער קאַפּריז וועל איך מוזן צופּאַסן צו זיי, צו זייערע סימעטרישע געדאַנקען. אָפּטמאָל, ווען איך דערפֿיל צופֿיל די אַנדערע אין זיך, ווען איך נעם רעדן זייער

לשון און פריי זיך מיט זייערע פריידן — אנטלויף איך פון אלע מען אויף צוויי טעג, אויף דריי טעג... און איך לעב אָפּ, ווי אַ בלום, וואָס מען באַשפּריצט מיט וואַסער...

אינמיטן זיין רעדן האָט זי זיך אויפגעהויבן פון שטול, צוגעגאַנגען צו איר בעטל און זיך אָוועקגעלייגט:

— פּאָעט, ציט מיר אַראָפּ מיינע שיכלעך!

האָט זיך אויך באַ זעליקן גלייך געביטן די שטימונג:

— איך בין גרייט צו דינען, פריילין!

— ציט מיר אַראָפּ די שיך... איך בין זייער מיד...

און בשעת ער האָט זיך אַזוי געשפּילט מיטן אַראָפּציִען אירע שיכלעך האָט זי געשמייכלט און גערעדט:

— אפשר וועט איר אַמאָל ווערן אַ גרויסער מענטש, וועל איך עס האָבן אין מיין אַרכיוו: דער פּאָעט, דער דאָזיקער פּאָעט קאַמעניעצקי האָט אַמאָל אַראָפּגעצויגן באַ מיר מיינע שיך...

— און איך האָב שוין איצט דעם כבוד, איך בין שוין גליקלעך מיט מיין אַרבעט...

און געוואָלט האָט ער זאָגן: איך וואָלט אייך גערן די זאָקן אויך אויסגעטון. — האָט ער זיך דערשראָקן און אָפּגעהאַלטן זיך, אָבער די פראַזע איז שוין געלעגן אויף דער צונג, שוין כמעט אַרויסגערעדט.

פונוואַנען נעמט זי באַ אים די דרייסטקייט און די העזה צו אַזעלכע האַלב-פרעכע געדאַנקען?

ער האָט געלייענט ביכער וועגן דרייסטקייט, פרעכע מענער, וועלכע שטעלן זיך נישט אָפּ: באַגעגנט אַ פרוי, באַזיגט און ווייטער געגאַנגען און ער האָט דאָ אַזעלכע מאָדנע חלומות... פאַר אים איז יעדע פרוי אַ גאַנצע וועלט און צו יעדער וועלט מוז מען

געפינען באַזונדערע וועגן... ווי צו באַזיגן, ווי אַליין באַזיגט צו ווערן... יעדע פרוי.

נעכטן איז זי אים פרעמד געווען, היינט זענען זיי נעענטער, מאָרגן וועלן זיי גאָר נאָנט זיין, אָבער אין אַלץ איז דאָ אַ רעגל-מעסיקע געזעצלעכקייט... אַפילו אין שטורם.

און דאָך...

ער האָט שוין אומבאַוווסטזיניק געלויערט אויף איר, אין אירע פראַזן געוואָלט כאַפּן איין וואָרט, כדי צו דערוויסן זיך, וואָס זי טראַכט פון אים, צי ער געפעלט איר? אַנדערע האָבן דאָך אים דאָס שוין געזאָגט פיל מאָל, אַז ער איז נישט קיין מיאוסער בחור, אַז אַזעלכער האָט דערפאָלג בײַ פרויען. ווער איז זי? וואָס געפעלט איר אין אַ מענטש?

ווי אַ מייזעלע האָט זיך געגנבעט אַ געדאַנק: זיי בייַ-ע דאָ אין אָרימען צימערל... און אַ צווייטער געדאַנק גיט באַלד אַ שפרונג, ווי אַ קאַץ און שלינגט איין דעם ערשטן גע-דאַנק:

אַ נייגעריק צעלאָזן מיידל, שפּילט זי זיך מיט רעוואָלווערן, שפּילט זיך אין אַנאַרכיזם... ווער ווייסט, וואָס נאָך קען איר איינ-פאַלן?

זי איז געלעגן אויפן בעט, האָט אויסגעזען זייער מיד און אין דער זעלבער צייט האָט זיך גאָרנישט געגלייבט זי זאָל וועלן שלאָפן. אויפגעלייגט איז זי געווען צו רעדן, צו הערן דעם צווייטן רעדן.

אַרום דער שטוב איז געווען שטיל, דער קוואַרטאַל, דער אָרימער איז געשלאָפן און אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז די שטיל-קייט אַליין שעמט זיך מיט די אָרימע געסלעך, אַז דער ווינט אַפילו וויל זיך דאָ אויך נישט דורכשפּאַצירן...

ווען זעליק פלעגט אַליין זיין בײַ זיך אין צימערל, האָט ער

ביז אומעט ליב געהאַט אָנצושטרענגען זיין געהער אינמיטן נאַכט און אויסהאָרכן דאָס טויט-לעבן, וואָס שוועבט אונטער די לאָדנס... באַלד ענדיקן זיך די הייזער און עס הייבט זיך אָן פעלד, גייט דער ווינט אַ פרייען קאַראַהאָד מיט זיך אַליין און ווי צו די טרוקענע בלעטער און גראָזן, וואָס פאַלן אַריין אין דעם קאַראַהאָד, אַן עלנטער פחד באַזיגט די וויסטע וועלט.

און איצט אויך:

אויף הפקר איז געבליבן די נאָוואָראָדער גאַס און דאָ אין דעם האַלב-באַלויכטענעם צימער האָבן זיך צונויפגעטראָפן צוויי יונגע מענטשן, זיי שפּילן מיט די בליקן, מיט די ווערטער, מיט נישט דערזאָגטע ווערטער.

פון גאָרנישט, גלאַט אַזוי; זי האָט אַ שמייכל געטון און זעליק קען באַ איר נישט דערגיין פון וואָס זי האָט געשמייכלט, אויף אַ רגע פאַלט זיין שטימונג איינגאַנצן אַראָפּ, עס פאַרדריסט אים, וואָס ער האָט נישט קיין מוט צו פאַרלאָזן איר צימער און אויב ער בלייבט דאָ שוין יאָ, באַדאַרף מען אַזוי פיל נישט שווייגן און ווען וואָס צו רעדן איז פאַרהאַן:

געוואָלט האָט ער באַ איר פרעגן, ווער זי איז, פון וואַנען געקומען?

און געוואָלט האָט ער רעדן גאָר פון אַנדערע זאַכן.

אָט אַזוי נעמען און דערציילן פאַר דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן מיידל, אַז ער זעליק, וועלכער איז נאָך אַזוי יונג, האָט שוין דורכגעלעבט צוויי אינטערעסאַנטע געשיכטעס מיט פרויען, געוואָלט האָט ער, אַז די טעמע פון זייער איצטיקן שמועס זאָל זיך האַלטן אַרום פרויען, אַרום ליבע, פאַרליבטע... ווייל, עס איז געווען נאַכט, ווייל ער איז געווען באַזונדער אין איין צימער מיט אַ מיידל, מיט אַ מיידל וואָס האָט געהאַט אַ שמאָל פיגורל מיט שוואַרצע לעבעדיקע אויגן און אַלעכע דינע הענט, קינדערישע פינ-

נער, וועלכע האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל צוגערירט צו אים אין באַלד ווידער אַראָפּגעפאַלן פון מידקייט.

איר גאַנץ גוף האָט זיך געבעטן שלאָפן, די אויגן האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל צוגעמאַכט און באַלד ווידער זיך אויפגעעפנט מיט שפּילענדיקער עקשנות, מיט אַ שמייכל...

די ברעמען אַ ביסל לענגלעכע, פון צייט צו צייט פלעגן זיי לייכט ציטערן, ווי די אָפּגעהאַקטע לאַפּקעס פון אַ שטין... איצט ערב שלאָף זענען די באַקן בײַ איר בלייכער געוואָרן, די בלוזע האָט זי פונאַנדערגעשפּיליעט, דער האַלדז אירער האָט איצט אויסגעזען לענגלעכער, צוויי דייטלעכע ביינדלעך און אַ ביסל נידעריקער האָט זיך געזען דער פאַרוגדלטער אָנהייב פון אַ קליין שטיקל ברוסטל.

עטלעכע מאָל האָט זי די בלוזע צוגעמאַכט, ווי פאַר זיך אַליין, ווי זי וואָלט זיך דערמאַנט, אַז זי באַדאַרף אַזוי טון. מיד איז זי געווען ביז גאָר, דעם גאַנצן צימער האָט זי פול געמאַכט מיט איר מידקייט.

— אפשר ווילט איר שלאָפן? וועל איך גיין צו זיך.

זי האָט אויסגעזען, ווי אַ קראַנק קינד, וואָס מאַכט זיך מיט געוואַלט שטיפן. זי, וועלכע וואָלט אים דאָ כּסדר געהאַלטן, ווי אַ געפאַנגענעם... ער האָט געפילט אַן אומבאַוווסטן רחמנות צו איר פונקט, ווי זי וואָלט אַ צו גרויסן שפּרונג געמאַכט און זיך שטאַרק צעקלאַפּט.

— אפשר ווילט איר שלאָפן? — האָט ער נאָכאַמאָל געפרעגט.

— ניין, בלייבט, איך האָב ליב די דאָזיקע מידקייט פאַרן שלאָף, איך האָב עס ליב מער ווי דעם שלאָף אַליין, אפשר איז

מיר גוט דערפֿאַר, ווײַל איר זיצט דאָ אויף מײַן בעט און ווײַל איר פֿלאַפּלט.

— איך? מיט מיר איז אײַך גוט? איר קענט דאָך מיך אַזוי ווייניק, איך קען אײַך נישט.

— נישט ריכטיק, מענטשן דערקענען זיך באַלד. אָט אַזוי ווי די עפּל, אַ זויערען בײַסן מיר אײַן און מיר וואַרפֿן גלײַך אַוועק.

— און אַ זיסן עפּל בײַסל מיר כּסדר, ביז מיר עסן אים אויף... יאָ?

ביידע האָבן שטיל געלאַכט אין דעם אָרימען צימערל...

— איך בין שטאָלץ, וואָס איר זאָגט אַזעלכע ווערטער... הייסט עס, אַז איך בין נישט אַ זויערער עפּל...

— אַזוי דאַכט זיך מיר...

און דערבײַ האָט זי צוגעמאַכט די אויגן. לײַכט געאָטעמט, עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט. זעליק איז געווען זיכער, אַז איצט שלאָפֿט זי שוין אויף אַן אמת, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן אָרט און גענומען זיך גנבֿענען צו דער טיר.

געוואָלט און נישט געוואָלט אַוועקגיין, געוואָרפֿן בליקן אויף איר. אים איז שוין טײַער געווען איר רו: זאָל זי שלאָפֿן!

— וווּ אײַלט איר? — האָט זיך דערהערט איר קול. זעליק האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— איר מוזט זיך אָפּרוען. איך זע דאָך, ווי מיד איר זענט.

— ווײַזט אויס, אַז איר אַליין ווילט שלאָפֿן, וואָס איר אײַלט זיך אַזוי.

— איך וואָלט אַזוי געזעסן מיט אײַך, לעבן אײַך אַ גאַנצע נאַכט, אָבער...

— זעצט זיך און זיצט... ניין, גנבעט זיך אריין צו דער אַלטער באַלעבאָסטע אין קיך און מאַכט אַ גלעזל טיי, מיר ווילט זיך טרינקען.

זעליק איז געלאָפן מיט שמחה דערפולן איר בקשה, פונקט ווי מען וואָלט אים געגעבן די שענסטע שליחות. ער האָט קוים געפונען די נאַפט-מאַשינקע און מיט דעם גרעסטן אומגעדולד גע־וואַרט דאָס וואַסער זאָל הייס ווערן.

די אַלטע באַלעבאָסטע איז געשלאָפן געשמאַק און האָט קיין זאַך נישט געהערט...

בלויז פון אירע קליידער האָט זיך געטראָגן אַ שווערער זאַלץ-ריח. זי איז דורך און דורך געווען אָנגעזאַפּט מיט די הע־רינג, מיט וועלכע זי האָט געהאַנדלט.

און אפשר איז זי גאָרנישט געשלאָפן די אַלטע און בלויז זיך געמאַכט, אַז זי שלאָפט. זי איז געווען זייער אַ גוטע יידענע

זעליק אַליין האָט שטאַרק געציטערט, ער זאָל זי [illegible] אויפוועקן; אַ גאַנצן טאָג האָרעוועט זי — זאָל זי זיך כאָטש אויס־רוען

פאַר דער צייט, וואָס זעליק האָט צוגעגרייט טיי, האָט זיין יונגע שכנטע זיך אויסגעטון און אַריינגעשפרונגען אין בעט. די האָר צעלאָזן און די קליידער צונויפגעלייגט אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען בּאַ דעם בעט.

— אָט אַזוי וועט מיר זיין באַקוועמער, איר האָט דאָך נישט קעגן דעם...

זעליק איז געשטאַנען אַ ביסל צוטומלט מיט דעם גלאָז טיי אין דער האַנט...

עפּעס האָט זיך אים דערמאַנט אַ פרוי, וועלכע האָט אים

אַמאָל פאַרדרייט דעם קאָפּ און די יאָרן, יענע האָט אים קראַנק געמאַכט... אפשר קומט צו אים אַ נייע אומרויִקייט.

אונטער דער לייכטער קאָלדרע האָט זיך באַוועגט איר אומרויִק גופל און עס האָט געררייצט יעדע באַוועגונג.

באמת וואָלט ער איצט וועלן זיין אינגאַנצן רויִק. ער האָט אַזוי פיל פלענער, ער וויל אַזוי פיל אַרבעטן...

— וואָס שטייט איר ווי אַ סטאַטוע, וואַזש אַהער די טיי!

און זי האָט אויסגעצויגן צו אים אַ נאַקעטע האַנט, אַ דינע קינדערישע האַנט...

דער שלאָף איז אַוועק פון אירע אויגן, זי איז געוואָרן לע-בעדיק, גענומען לאַכן פון זעליקן, גוטמוטיק שפּאַסן:

— און איר פאָלגט, איך טרייב אייך אין קיך אַריין און איר פאָלגט...

— עס ווילט זיך פאָלגן...

ער האָט דאָס געזאָגט, ווי אַ שעמעוודיק יינגל און איר איז געפעלן געוואָרן זיין טאָן, זיין אונטערטעניקייט.

און פלוצלינג אַזאַ פראַגע פון איר זייט:

— אַז מען דאַרף, קענט איר זיין דרייסט אויך?

זעליק האָט נישט פאַרשטאַנען איר פראַגע.

— איר פאַרשטייט... איך האָב שוין געזען דרייסטע מע-נער, נאָר צו פרויען זענען זיי געווען ווי יינגלעך, איר דערמאַנט מיך אייבעם אַזאַ, מיר דאַכט זיך, אַז איר קענט זיין דרייסט...

— איך אַליין ווייס נישט פון דעם, איך האָב נאָך נישט געהאַט אַזאַ צופאַל אַרויסצווייזן זיך.

— און אַז אַזאַ צופאַל וועט זיין?

— איך ווייס נישט ווען און וו...

— אַז איך וועל אייך בעטן...

ווערן פירט זי מיט איר געשפרעך, וואָס פאַר אַ רמזים וואַרפט זי צו אים און ער האָט זיך איצט דערמאַנט, אַז זי איז אַן אַנאַרכיסטין, זי האָט דאָך אַליין געזאָגט, ער האָט זיך דער־מאָנט דעם רעוואָלווער, וואָס זי האָט געוויזן אין דער ערשטער נאַכט פון זייער באַקאַנטשאַפט. ער איז געוואָרן מאָדנע אומרויִק, ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל מיט אים אין בלענדעניש שפּילן...

— איר ווילט, איך זאָל זיין דרייסט. איך בין שוין דרייסט...

— מיט וואָס? ווי אַזוי? וואָס מיינט איר מיט אייערע ווער־טער?

— איך וועל אייך אָן קונצן פרעגן...

— וואָס?

— איר זאָלט מיר זאָגן, ווער איר זענט און וואָס איר זענט, אויב איר האָט צו מיר אַ ביסל פאַרטרויִונג...

זי האָט געשמייכלט:

— און אויב נישט, אויב איך וועל אייך נישט זאָגן.

— וועט דאַמאָלס אונדזער קורצע קאַנטשאַפט בלייבן בלויז אַ קורצע קאַנטשאַפט.

ער האָט אַליין נישט געוווּסט פון וואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ דרייסטקייט, נאָר געפילט האָט ער, אַז ער מוז אַזוי האַנדלען.

און אויף איר האָט עס געווירקט.

זי האָט נאָך אַלץ געשמייכלט, נאָר דערביי זיך אָנגע־רופן:

— פאַרטרויִונג צו אייך האָב איך און איך וועל אייך אַלץ דערציילן. אייער האַלטן זיך געפעלט מיר, נאָר פאָדערט נישט פון מיר אַלץ מיט אַמאָל, איך וועל דאַרפן ווערן צו ערנסט דערצו און איך קען פשוט נישט זיין צו ערנסט...

— אָבער עפּעס דערציילט, עפּעס... איך וויל זייער הערן
פֿון איר זינגט...

זי האָט זיך אָפּגערופֿן:

— פֿריִער, ווען איר בעט עס מיך... איצט בין שוין איינ־
גענצן נישט איך, דער שלאָף נעמט מיך אַרום, איר זעט נישט?

דער קאָפּ איז איר אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן קישן, די צעלאָזע־
נע האָר האָבן אַזוי ווי אַ שמיר געטון אויף שוואַרץ איר קישן, זי
האָט צוגעמאַכט די אויגן, אונטער דער קאַלדרע האָבן זיך אויס־
געגלייכט די פֿיס אירע...

— אַ גוטע נאַכט, האָט זעליק שטיל אַרויסגערעדט, אַ גוטע
נאַכט. ער האָט זייער געוואָלט זי זאָל אים ענטפֿערן, נאָר ווען
זי האָט אויך באַם צווייטן מאָל נישט געענטפֿערט. האָט ער זיך
שטיל אַרויסגעגנבעט פֿון איר צימער.

III

אַ פּלאָנטער...

אין אַן אָוונט שפּעטער, נאָך האַלבע נאַכט האָבן זיי זיך ווי דער צוזאַמענגעטראָפן אין איר קליינעם צימערל. געווען ערנ־סטער ווי נעכטן, נאָר דאָך אַריינגעוואָרפן שטיף־ווערטער אין אירע רייד, דאָס ערנסטע געוואָלט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, זי האָט איצט גערעדט וועגן זיך:

— איך האָב אייך שוין געזאָגט פריִער, אַז איך בין אַן אַנאַרכיסטין, נאָר איך מוז זיך מודה זיין, אַז אַלץ וואָס איך טו איצט, איז נישט מער, ווי מיינער אַ קאַפּריז... איך בין זייער אַ קאַפּריזנע, איצט ווען איך ווער רייפער, עלטער און דערפאַרע־נער, הייב איך זיך אַליין אָן צו פאַרשטיין.

זעליק האָט געשוויגן און נייגעריק זיך צוגעהערט.

— וואָס גלאָצט איר אַזוי מיט די אויגן אויף מיר, — האָט זי זיך פּלוצלינג אָנגערופן צו אים.

— איך בין נייגעריק צו וויסן וועגן אייך.

— נייגעריק זענט איר?... — אפשר וועט איר מיך אמאל באשרייבן?

— איך באשרייב נישט קיינעם, איך באשרייב זיך אליין אין מיינע לידער.

— אבער אויב איר וועט מיך אמאל באשרייבן, זאלט איר דאס מאכן אזוי: א מיידל פון ריגע, פון רייכע עלטערן, א ברונעט מיידל, וואס ווייסט אליין נישט, וואס זי וויל, וואס קריכט אין פייער צוליב לאנגווייליקייט אין לעבן, אן אוואנטוריסטין, א משוגע מיידל. א יידיש מיידל, וואס ווייסט אזוי פיל פון יידישקייט. וויפיל זי ווייסט פון יאפאנישקייט.

— אפשר וועט איר אליין ווערן א שרייבערין?

זי האט זעליקן איבערגעשלאגן מיט דער פראגע.

— איר רעכנט, אז דאס איז נישט לאנגווייליק?

און באלד ווידער גערעדט:

— איך בין שוין אלט, קוקט נישט, וואס איך בין אזוי שמאל און קליין... איך בין עלטער פון אייך.

— אפשר נישט...

— זאגט אייערע יארן!

— דריי און צוואנציק...

— און מיר איז שוין אריבער פיר און צוואנציק... געדענקט עס און האט פאר מיר דרך-ארץ!

— ווי מען רופט מיך, ווייסט איר?

— ניין, פון וואנעט?

— מיין נאמען איז עטא פין... פין! א לייכטער נאמען, אמת?

— איר וועט זיין אין ריגע, ווען איר וועט פרעגן וועגן פין, וועט מען אייך אנקוקן מיט דרך-ארץ.

— איר קענט די פינס?...

— איר קומט אַריין צו די פּינס?

— מיר זענען דאָרט גרויסע יחסנים, די רייכסטע פון שטאָט און איך ווייס ניט, צי אויף דער וועלט איז פאַרהאַן נאָך אַזאַ לאַנגווייליקע שטוב, ווי בײַ אונדז, די פליגן פּגרן דאָרט פון לאַנג־ווייליקייט, אַלץ איז אַזוי צירלעך־מאַנירלעך, טאַטע־מאַמע שטעלן לאַנגזאַמע טריט און רעדן לאַנגזאַם. קומט אַמאָל אַריין אַ קרוב, רעדט ער אויך לאַנגזאַם. איך האָב דאָרט אַ שוועסטער מיט צוויי יאָר ייִנגער פאַר מיר, איז זי זייער געראָטן אין מײַן מאַמען, איך האָב דאָרט צוויי ברידער. איצט זענען זיי גרויסע שאַרלאַטאַנעס, נאָר ווען זיי וועלן אַביסל איבערבערענען, וועלן זיי זײַן זייער ענלעך צו מײַן טאַטן... לאַנגווייליק איז בײַ אונדז אין שטוב, די טירן זענען שטענדיק פאַרמאַכט פאַר דער גאַס ווײַל די גאַס האָט טומל און באַוועגונג, ווײַל די גאַס האָט דלות און קאַמף... און בײַ אונדז ווייסט מען ניט, וואָס דאָס איז אַזוינס און מען וויל ניט וויסן...

און זיי האַלטן זיך שטענדיק פאַר די בעסטע, צו זיי טאָר זיך קיינער ניט צורירן און זיי גייט ניט אָן די פרעמדע וועלט... יחסנים.

פינף דורות לעבן שוין אַזוי רויק, איין דור דעם צווייטן לאָזט איבער דאָס פאַרמעגן און דאָס לאַנגווייליקייט...

זעליק האָט באַמערקט, ווי זי צינדט זיך מער אָן, זי רעדט שוין ניט גלאַט אַזוי זיך, איצט איז זי אַליין געוועזן פּאַראינטע־רעסירט, מען זאָל זי הערן און פאַרשטיין, זי איז ניט געווען אַזוי לייכטזיניק, ווי מיט אַ האַלבע שעה צוריק.

— איך בין די צרה פון שטוב, איך האָב שוין פון קינד־ווייז אָן פּראָטעסטירט קעגן די אַלע „מ׳טאָר" און „מ׳טאָר ניט", קעגן די באַנעס וואָס האָבן בעצוימט מײַן יעדן טריט און מײַן יעדן חלום... אין מיר ווײַזט אויס איז אַריין אַ גלגול ניט פון

אונדזער משפּחה. איך האָב געוואָלט זיין אַ פרייַ קינד, שפּילן און שטיפן ווי אַלע קינדער, האָט מען דאָך מיך נישט געלאָזט. פלעג איך ברעכן טעלערס, צערייסן און צעפליקן, וואָס אין די הענט פלעגט אַריינפאַלן. זיי האָבן געוואָלט פון מיר מאַכן אַ מאַנעקין, נאָר דער פּראָטעסט אין מיר האָט געזיגט, איך האָב מיך נוקם געווען...

זי האָט גערעדט לאַנג, מאָמענטאַל איבערגעשפּרונגען אין איר דערציילונג גאַנצע יאָרן פון איר לעבן אָדער זיך אָפּגעשטעלט געגנוי אויף אַנדערע טעג, שעהן, דערנאָך זיך פּלוצלינג געווענדט צו זעליקן:

— אפשר וועט זיין גענוג אויף היינט?

— ווי איר ווילט...

— איך וויל שלאָפן.

געזעגנט זיך מיט אים, דערלאַנגט אים די נאַקעטע שלאַנקע האַנט, וואָס האָט אַ בליץ געטון, ווי אַ שווערט אין דעם טונקעלן חדר.

און פון דער נאַקעטער האַנט האָט זעליק אַ ציטער געטון. עס האָט זיך אים נישט געוואָלט אַוועקגיין פונדאַנען...

זי קנעפּלט שוין אָפּ איר קלייד און זעליק שפּרייזט לאַנגזאַם צו דער טיר.

דאָס מיידלשע געלעכטער האָט גערייצט און דאָס מיידל האָט אים אויסגעזען געהיים...

מיט רויקע טריט איז ער דאָך אַוועק. מיט אַן אומבאַוווּסטע לייכט-צעטומלטע פרייד האָט ער זיך געלייגט שלאָפן...

מיד איז ער געווען...

שטיקלעך שלאָף האָבן זיך געראַנגלט אין זיין קאָפּ מיט שטיקלעך געדאַנקען, געפּלאָנטערט זיך איינס אין אַנדערן, צוגעדעקט און אָפּגעדעקט זיך. געבאָדן האָבן זיך די געדאַנקען אין

אַ רויקע טונקלקייט. געוואָלט זיך אַרויסדראַפּען אויף נישט ווילנדיק אַליין געקראָכן אין דער ווייכער טיפעניש...

דער שלאָף האָט אים שוין באַלד באַזיגט. נאָך איין אַכטל סעקונדע...

מיטאַמאָל דערהערט ער זיין נאָמען:

— קאַמעניעצקי!

— האַ?

אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז מען רופט אים ערגעץ פון אַ קעלער, צי פון אַ בוידעם, ערגעץ פון ווייט-ווייט און די ווייטקייט איז דאָך אַזוי נאָענט...

גערופן האָט אים די שכנטע זיינע, דורך דעם דינעם ווענטל...

— איר שלאָפט שוין?

— יאָ, ניין...

און עס האָט זיך אָנגעהויען אַ שמועס דורך דער וואַנט. זי האָט ווידער דערציילט פון זיך.

— איר האָט געהערט וועגן דעם אַנאַרכיסט מיכעלסאָן...

— ניין, נישט געהערט.

— ס'איז אַ שלממזל איר זענט, קיין זאַך ווייסט איר נישט...

— זידלט זיך נישט!

— איר ווייסט נישט, אַז עס זענען פאַרהאַן אַנאַרכיסטן, איר האָט נישט געהערט וועגן מיכעלסאָנען, איר לעבט דאָך, איר זענט יונג, מען מוז זיך מיט אַלץ אינטערעסירן.

— גוט, איך וועל זיך סטאַרען...

זעליק איז איצט געווען גוט געשטימט.

זייער צונויפרעדן זיך דורך דער וואַנט האָט אים גערייצט און געמאַכט פרייליך.

דער שלאָף זײַנער האָט גלײַך זיך אָפּגעטראָגן, ער האָט זיך כּמעט נישט דורכצולאָזן קײן אײן וואָרט און אַלײן גערעדט נישט הויך, אין זינען געהאַט די אַלטע בעלהביתטע, וואָס האָט גערוט אין קיך.

און די עטאַ פֿין האָט גערעדט וועגן דעם מיכעלסאָנען, האָט דערצײלט, אַז ער איז אַ גרויסע מיאוסקײט, כּמעט אַ מאַלפּע און דאָך האָט זי דעם מענטש ליב געהאַט, שטאַרק ליב געהאַט. מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען זי האָט אים באַגעגנט, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי האָט דעם טײוול באַגעגנט.

— יאָ, דעם טײוול, און אין אַזאַ האָב איך זיך געוואָלט פֿאַרליבן, נאָר דאָ איז שוין נישט געגאַנגען אין מײַן ווילן, מײַן ווילן האָט מיך אינגאַנצן פֿאַרלאָזן, איך בין געווען באַזיגט און דאָס האָט מיר אימפּאָנירט... ביז אַ צײַט...

— ביז אַ צײַט...

— יאָ, איצטער קוק איך אַנדערש אויף אַ סך זאַכן, איך פֿיל אַנדערש, נאָר דאַמאָלס...

ער איז געווען אַן אָנפֿירער פֿון אַ גרופּע, וואָס איז גרײט געווען צוליב זײַן אײן וואָרט אין פֿײַער צו גײן. עטלעכע זונבע־לײַט האָט מען געהאָנגען, עטלעכע זענען צעריסן געוואָרן פֿון די־נאַמיט, אים האָט גאָרנישט אָפּגעשטעלט. אין דעם ערשטן אָוונט, וואָס איך האָב אים באַגעגנט האָט ער אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן פֿון אַ צווײפֿיסיקער חיה, ער האָט מיך שוין נישט אָפּגעלאָזט, די קלײדער צעריסן אויף מיר, דאַכט זיך, אַז ער האָט דאַמאָלט געריטשעט און איך בין געווען אַזוי איבעראַשט, צעשראָקן און צערײצט, איך בין באַזיגט געוואָרן און טיף אין מיר איז עפּעס געווען אַזוינס, וואָס האָט געבענקט נאָר אַזאַ ווילדקײט.

דערנאָך האָב איך דעם מענטש ליב געקרויגן און פֿון אים נישט אָפּגעטרעטן. ס'איז אָבער געשען נאָך אײן זאַך: ער האָט

ג י ך ליב באַקומען, ליב באַקומען, ווי אַ יינגל און די חיה האָט
געגומען נאַריש אייפערן. אָט אַזוי, פונקט ווי אַלע.

זי איז שטיל געוואָרן און נאָך עטלעכע סעקונדן זיך ווי-
דער אָנגערופן:

— איר הערט, צי איר שלאָפט שוין?

— איך הער, איך הער מיט דער גרעסטער נייגעריקייט...

— יאָ, דערנאָך האָט זיך געצויגן אַ צייט פון האַלב-ליבע,
האַלב-האַס און אַ ביסל געוווינהייט. איצט איז מיכעלזאָן אין ווילי-
נער טורמע און צוליב דעם בין איך געקומען אַהער.

די ווערטער אירע האָבן זיך איצט עטלעכע מאָל איבער-
געריסן, דערנאָך האָבן זיי זיך שוין גאָרנישט געלאָזט הערן.

ווייזט אויס זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן, זעליק האָט שטיל אַ
פרעג געטון:

— זייר שלאָפט?

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן, נאָר זעליק אַליין האָט
זיך לאַנג בעראַנגלט ביז ער איז איינגעשלאָפן.

פאַרן שלאָף האָט ער געטראַכט, וועגן דעם, ווי שווער עס
איז צו לעבן רויק אויף דער ערד, גייסט אַוועק פון די מענטשן
מיט דיינע צרות, קומען די מענטשן צו דיר מיט זייערע צרות און
מיט זייער אומרו.

דאָס געשטאַלט פון עטאַ פין האָט זיך היינט געביטן אין
זיינע געדאַנקען, ער האָט געפילט, אַז אונטער אירע אַלע שפּאַסן
לעבט אַן אויסגעפייניקטע נשמה, די זאָרגלאָזיקייט און אַלע אירע
קאַפּריזן זענען איינגעפּלאָנטערט אין אַ קנויל פון ווידערשפּרעכן. ער
האָט עס נישט פאַרשטאַנען געגוי... צווישן זייביידע איז געשטאַ-
נען דאָס ווענטל.

און ווי פרי זעליק זאָל נישט אויפשטיין — די שכנטע זיי-
נע איז שוין אין דערהיים נישט געווען.

ו ווערט זי פארשווּנדן?! — זעליקן האָט עס שטאַרק גע-
נייגערט.

זיין גאַס, די נאָווגאָראָדער אָרימע גאַס איז אים איצט נײַ-
געריקער און ליבער געוואָרן, זיין אָרים צימערל, ווו די באַלע-
באָסטע פלעגט זיך אַרײַנכאַפּן באַלד נאָך זיין אוועקגיין אויפרוי-
מען, זיין צימערל מיט דער הערינג-באַלעבאָסטע. אויף אַלץ האָט
זיך איצט געלייגט אַן אַנדערער שאָטן.

נייגעריקייט, דערוואַרטונג, אומרו. ווען ער פלעגט גיין אַליין
פון דער היים, צי אין דער היים...

דער שמאָלער קאָפּ מיט די שוואַרצע אויגן קומט אים גע-
דאַנקלעך אַקעגן. פרעמד איז אים די עטאַ פון נאָך געווען, נישט
אַלץ האָט ער געוווּסט פון איר און שוין איז זי איינגעפלאָנטערט
אין זיינע מחשבות, שוין צעדרודערט אַ ביסל פון איר...

דאָס טראַכטן וועגן איר איז שטענדיק באַגלייט געוואָרן מיט
דעם ספק, מיט אַ קליין פראַגעלע צו זיך אַליין: „צו וואָס באַ-
דאַרף איך עס?“ אַ ספק וואָס פלעגט באַלד פון זיך באַלד אַוועק.

ער האָט פאַר קיינעם נישט דערציילט וועגן דער אומגע-
ריכטער באַגעגעניש, אייגנטלעך האָט ער נישט געהאַט פאַר ווע-
מען: זיינע אַלע חברים זענען געווען פאַרנומען מיט זיך אַליין,
מיט זייערע לידלעך, איינער דעם צווייטן האָט קריטיקירט, אָפּ-
געלאַכט און מיט אַ פאַרביסענער עקשנות געזוכט אַ וועג נאָר פאַר
זיך אַליין...

אָט די עקשנות האָט זעליקן געפעלט. ער האָט נישט פאַר-
שטאַנען דעם באַדייט פון דעם טומל, וואָס מען מאַכט אַרום זיך,
פאַר זיך. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער עיקר איז נאָר דאָס,
ווען דו פילסט אין זיך דאָס גוטמוטיקע פייערל צו שאַפן, ווען דו
פילסט דעם אומרו אין זיך...

און אַלץ, וואָס דו פילסט באַדאַרף זיין פאַרבאָרגן אינע־ווייניק אין דער נשמה, ווי אַ נר תמיד אין אַן אוהל, נאָר אין געציילטע רגעס באַווייזן זיך מיט אַ ליד, ווי אַ תפילה.

ער האָט נישט געהאַט קיינעם, ווער עס זאָל אים שטענ־דיק לויבן, וועד עס זאָל אים קלאַפּן איבער דער פּלייצע און אַרויסרופן:

— ביסט אַ טאַלאַנט, ברודערקע, ביסט דער גרעסטער בײַ אונדז...

און כמעט אַלע פון זיינע חברים האָבן יאָ געהאַט אַזעלכע פאַרטיידיקער און חסידים.

פאַרדינט, צי נישט, נאָר יעדערער פון זיי איז געווען אַרומ־גערינגלט מיט חסידים.

זעליק האָט נישט געבענקט נאָך אַזעלכע בראַוואָ־שרייערס, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער געפילט, אַז ער ווערט אַלץ איינזאַמער, ער ווערט אפילו אָפּגעטשויסן פון אַלע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, זיין נאָמען ווערט נישט אַזוי אָפט דערמאָנט, ווי אַנדערע נעמען, כאָטש יענע האָבן נישט אויפגעטון מער פאַר אים און אַ סך מאָל פיל ווייניקער.

ער האָט דערפילט, אַז אויסער דעם שרייבן, אויסער די אויפריכטיקע איבערלעבונגען איז נאָך עפּעס נייטיק...

— מען דאַרף זיך קענען אָרגאַניזירן, האָט אַמאָל צו אים רובין אין אַ שפּאַס געזאָגט...

— וואָס הייסט? — האָט זעליק מיט פאַרוווּנדערונג גע־פרעגט...

— מען באַדאַרף, מען דאַרף זיין אַ מענטש... מיר דאַכט זיך, אַז דו ווייסט קיין סך אין לעבן נישט דערגרייכן.

— פאַרוואָס?

— דו קענסט נישט די קונצן פון לעבן.

וואָס איז דאָס אַזוינס „קונצן פון לעבן?" שוין נישט איינ־מאָל האָבן אים מענטשן דאָס פאָרגעוואָרפן. גיין גלייך איז, דאַכט זיך, דער בעסטער וועג... אָנגעצייכנט אַ ציל פאַר זיך, אויפגעזאַמלט דאָס ביסל כּוח, וואָס מען פאַרמאָגט און גע־שטרעבט צום ציל... וואָס נאָך באַדאַרף מען? וואָס נאָך איז נייטיק?

שמואל רובין איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, אַ שטיק באַרימער איז ער געווען און אַזוי ווי ער האָט יאָ געקענט די קונצן פון לעבן, האָט ער זיך מיט דעם באַרימט.

זעליק האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס:

— וואָס פאַר אַ קונצן? וואָס באַדאַרף איך דאָ קענען? איך לעב...... אַמאָל זיגט דאָס בעסערע אין מיר, אַמאָל דאָס ערגערע.

- ניין, ברודערקע, מיר זענען טאַקע פּאָעטן, נאָר מיט פּאָ־עזיע אַליין איז שווער צו לעבן, מען דאַרף גיין צו מענטשן, מען באַדאַרף זיך צופּאַסן צו זיי... דו מיינסט, אַז זעלצער דער קרי־טיקער, וואָלט אַזוי ענטוזיאַסטיש געשריבן וועגן מיר, ווען איך קום נישט אַריין צו אים אין שטוב, ווען איך גיב נישט אַמאָל אַ שמייכל צו זיין שוועסטער מיט דער לאַנגער נאָז, מען מוז קענען באַשאַפן אַן אַטמאָספערע אַרום זיך, דו קענסט עס נישט, דו וואַרטסט מען זאָל דיר קומען זינגען אונטער דיין פענסטער!

— איך וואַרט דאָס גאָרנישט און איך וויל דאָס גאָרנישט, איך אַרבעט און איך וויל, אַז מיין אַרבעט זאָל קודם־כּל מיך אַליין צופרידן שטעלן.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו אים אָט צו זיינע איבער־לעבונגען די לאַנגע נאָז פון זעלצערס שוועסטער?

און שמואל רובין טרעט נישט אָפּ:

— אַלץ אין לעבן מוז אויסגענוצט ווערן: אַ לאַנגע נאָז, אַ קורצע נאָז און דער עיקר שפּילט די גרעסטע ראָל די אייגענע נאָז, מען מוז קענען שמעקן, אויסשפּירן.

— וואָס זענען מיר היינט צו מענטשן?

— מענטשן, מיר זענען מענטשן מיט הינטישע אינסטינקטן און אַז מען האָט נישט אַ ביסעלע פוקס אין זיך מוז מען בלייבן אַ בטלן...

ער איז אַוועק אַן אויפגערעגטער פון שמואל רובין. ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען אויף וועמען ער איז אין כעס: אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער בלייבט אַזוי אָפּגעשטאַנען, פאַרוואָס אים גיט זיך אַזוי ווייניק איין אין לעבן...

צי ער איז געווען אין כעס אויף שמואל רובין, פאַרוואָס יענער האָט אַזוי זיך אַזוי ציניש און אָפנהערציק באַרימט פאַר אים...

שמואל רובין...

זעליק האָט אַ טראַכט געטון, ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט: ער האָט שוין געהאַט אַזאַ חבר. יענער איז געווען אַ משרת אין אַ מאַנופאַקטור געשעפט, חיים גאָלדענבערג האָט ער געהייסן, ער איז אַזוי ענלעך צו שמואל רובינען... ביידע ווילן זיי לעבן מיט קאָמבינאַציעס, ביידע זענען זיי פרעמד זעליקן און דאָך האַלט ער זיך מיט אַזעלכע, ווייל קיין אַנדערע פריינט האָט ער נישט... צי זענען דען אַלע אַזעלכע? די גאַנצע וועלט.

עס איז אים נישט לייכט געווען אויף דער נשמה. ער איז אַוועק בלאָנדזשען מיט זיך אַליין און פּלוצלינג האָט ער זיך דערזען אין דעם פּלאָנטער פון די ווילנער אַלטע געסלעך, ער האָט גענומען קוקן אויף די פאַרעלטערטע הייזער, אויף די שמאָלע פענסטערלעך אויך אויף די מענטשן, וואָס האָבן געצײַלט און

נאָכגעגאַנגען אײנער דעם צװײטן אויף די שמאָלע טראָטו-אַרן.

װילנע איז אַן אַלטע שטאָט, אין די קװאַרטאַלן לעבן ײדן שוין הונדערטער יאָרן, דור נאָך דור װערן זײ דאָ געבוירן און שטאַרבן... געװאָלט האָט זיך אים אין דער רגע אַרײנדראַפּן זיך אין די אַלטע װענט און דערגײן די סודות פון די אַלע דורות, דעם ציל פון זײער לעבן... װאָס האָט זײ געגעבן פרײד און װאָס האָט זײ געמאַכט צער... די װענט, די גרױע מױערן װײסן דאָך אַלץ. געװומען האָט זיך אין אים װעקן אַן אומבאַקאַנ-טע בענקשאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענהײט, ער האָט פאַרגעסן זײן פאַרביטערונג קעגן שמואל רובין, קעגן אַלעמען...

אָפּגעמעקט האָט זיך פון האַרץ-טאָפּעל דאָס שאַרע, װאָס איז פאַרצײכנט געװאָרן דורך דעם חברס האַנט.

אַ מאָדנע װאַרימע רױקײט האָט זיך געלײגט אויף זײן נשמה, עפּעס האָט זיך אױפגעװועקט אין דער נשמה אַ באַנטקײט, אַ קרובהשאַפט צו די אַלע הײזער און אָט גײט אים אַנטקעגן אַן אַלטע ײדענע, קוים װאָס זי גײט אײנגעװיקלט אין אַן אָבגענוצטן אַלטן בגד, נאָר דאָס בגד איז אײגנאַרטיק, די קנײטשן פון איר קלײד זענען ײדישע, אַזױ װי די קנײטשן פון איר פּנים.

ער האָט דערפילט, אַז די ײדענע, װעלכע איז פאַרבײגע-גאַנגען קרעכצנדיק, די ײדענע מיט װעלכער ער האָט קײן אײן װאָרט נישט גערעדט און װעט קײנמאָל מיט איר נישט רעדן — זי איז אים נאָנט, זי איז טיף אין האַרץ אײנגעװאָרצלט צוזאַמען מיט די אַלטע הײזער, צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַרגאַנגענהײט פון ײדישן פאָלק...

ער איז אַזױ געגאַנגען איבער די געסלעך און נישט באַ-מערקט, װי דער שנײ האָט זיך לאַנגזאַם גענומען שיטן אויף אַלץ און אויף אים...

עס האָט זיך געוואָלט שפּרייזן און זיין נאָנט לעבן די דאָ־זיקע הייזער. שפּעטער, ווען ער איז אַריין אין צענטר פון שטאָט האָט ער אין אַ גרויסן גאָס־שפּיגל דערזען זיין גאַנץ געשטאַלט אין ווייסן און געדאַכט האָט זיך אים, אַז די דאָזיקע אומשולדיקע ווייסקייט, האָט ער געבראַכט פון יענע שמאָלע גאַסן...

אַרום יעדן העלן לאָמפּ האָבן געשימערט טויזנטער שנייעלעך, ווי ווייסע פליגן... אַזעלכע טויטע און דאָך פרייליכע פלאַטערן זיי פאַר אַ סעקונדע גוט-לעבן, פאַר אַ רגע ז י י ן אויף דער גרויסער וועלט...

און ער, וואָס לעבט שוין אַזוי לאַנג און וועט אַוודאי נאָך לעבן און לעבן; טעג און וואָכן, חדשים און יאָרן... גאָט האָט אים געגעבן נשמה־אויגן, ער קען אַלץ זען און פילן, דורכלעבן און ליידן...

וואָס שפּרייזט ער מיט אַזאַ מרה־שחורה אין דעם ווייסן טומל פון דער באַלעבעטער גאַס?

ער. ער וואָלט זיך איצט הויך פונאַנדערגעזונגען פאַר די הייזער, פאַר די מענטשן, נאָר די מענטשן וועלן קוקן אויף אים, ווי אויף אַ משוגענעם און אינעווייניק האָט שוין אין אים אַלץ געזונגען...

שווייגן די ליפּן און דאָס האַרץ זינגט פאַר זיך...

אָט שטרעקט ער אויס דעם הויפּן און די ווייסע פליגלעך פאַלן און שטאַרבן אויף זיין האַנט, עס בלייבט בלויז אַביסל טוי-נאַסקייט, ווי אַ הייליקער אייל, מיט וועלכן עס ווילט זיך אַליין זאַלבן...

און אַז פרייד גייט אַוועק, קומט באַלד אַ בילד, ער דערמאַנט זיך זיין צימערל אויף גאָוואַראַדער גאַס און אין צווייטן צימעל, די שכנטע...

עס איז שוין שפעט, זי איז שוין זיכער אינדערהיים.

ער האָט געהאַט אַזאַ געפיל, אַז דאָס איז נישט צופעליק, דער שיקזאַל האָט אָנגעצייכנט פאַר אים אַ ליניע...

אויף דער ליניע שטייט דאָס מיידל מיט די טונקעלע ברעמען.

זי איז נישטאָ אינדערהיים. אויף זיין אויסגעשריי: „פריילין עטאַ" האָט זיך דורך דער וואַנט קיינער נישט אָנגערופן.

לאַנגוויילי̈ק און ליידיק איז אים געוואָרן זיין צימערל, געוואָלט לייענען — עס האָט זיך נישט געלייענט. איז ער אָן אַ שום ציל אַרויסגעגאַנגען צוריק אויף דער גאַס, נאָר אומעטום איז שוין אַלץ געשלאָפן, בלויז דער שניי האָט זיך געשטעלט אַ ציל אַלץ צו פאַרדעקן.

עס האָט לאַנגזאַם געשאָטן און זעליק איז געשטאַנען בײַם טויער, געלאָזט זיך, אַז דער שניי זאָל פון אים אַ ווייסע סטאַטוע מאַכן. אַ טעמפּער געפיל האָט אים אַרומגענומען און אָפּגעהאַלטן אַ לענגערע צייט.

דערנאָך אָן שום ווילן אַריין צו זיך, געלייגט זיך שלאָפן און פאַרן שלאָף באַטראַכט זיך, ווי דעם עלענדסטן מענטש פון דער וועלט.

אין יענער נאַכט איז עטאַ נישט געקומען שלאָפן, נאָך עטלעכע טעג און נעכט זענען אַריבער — זי האָט זיך נישט באַוויזן און זעליקן האָט געקרענקט, וואָס ער וואַרט אויף איר מיט אַזאַ אומרויִקייט. אין זיין צימערל האָט ער זיך פריִער גוט געפילט, זי מיט איר קומען האָט זי צעשטערט זיין רויִקייט, איצט פאַרלאַנגט ער עפּעס.

עס איז אַוועק אַ וואָך צייט. די באַלעבאָסטע די אַלטע פלעגט יעדן טאָג פרעגן:

— וואָס איז דאָס מיט אונדזער קוואַרטיראַנטין ? פאַרפאַלן געוואָרן !

נאָר זעליק האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז דאָ אוודאי אין שטאָט, נאָר דאָס צימערל איז איר נמאס געוואָרן, ווי פריער איר רייכע היים.

און עס האָט אים אַ פרייל׳עכער קלאַפּ געטון אין האַרץ. ווען ער האָט זי פלוצלינג באַגעגנט אויף דער גאַס ;

פריילין עטאַ ?

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען האַסטיק רעדן און דערציילן.

איר פאָטער איז געקומען פון ריגע, זי האָט געהאַט מיט אים אויסצושטיין אַ גרויסן קאַמף.

— ער מיינט נאָך אַלץ, אַז איך בין אַ קליין מיידעלע...

זעליק האָט געקוקט אויף איר מיט איבעראַשונג : זי האָט אויסגעזען איצט אויף דער גאַס גאָר אַן אַנדערע. זי איז געווען אויסגעפּוצט, אָבער נישט שרייענדיק אויף איר פיגורל איז יעדער טייל פון אירע בגדים געווען צוגעפּאַסט, אַלץ האָט האַרמאָניזירט.

דאָס שוואַרצע סאַמעט-היטעלע האָט געשפּילט מיט אירע אויגן.

— איר וועט אַרויפגיין מיט מיר צו מיין טאַטן ?

— וווּ איז דאָס ? וואָס וועל איך דאָרט טון ? — האָט זעליק געפרעגט, — פאַר נייע מענטשן האָט ער שטענדיק מורא געהאַט.

— מיין פאָטער לעבט אין „געאָרגעווסקי”. דאָס איז געווען דער רייכסטער האָטעל אין שטאָט.

— וואָס וועל איך דאָרטן מאַכן ? — האָט זעליק נאָכאַמאָל זיך געבעטן.

אָבער זי האָט אים געגומען אונטער דער האַנט און גע־שפרייזט מיט אים.

זי האָט געשמעקט מיט אַ ציטערדיקן פּערפום, אונטערן פּאַ־קענעם מאַנטל האָט געשאָרכט אַ זיידן קלייד...

דאָס זייד האָט גערעדט בײַ יעדן קנייטש, בײַ יעדער באַ־וועגונג, וואָס זי האָט געמאַכט.

זי איז דאָס?

די זעלבע עטאַ?

די וואָס לעבט אין אַזאַ אָרים צימערל אויף דער נאַוואַ־ראָדער גאַס. ווו אַלע קאַטעריגאַזשעס לעבן, ווו אַלע פורמאַנעס קומען באַנאַכט רוען...

און דאָרט, ווו ער, זעליק האָט זיך אין דלות פאַרקליבן...

זי איז דאָס? וועלכע איז דאַ געקומען צוליב אַ מיכעלסאָן, וואָס זיצט אין תפיסה פאַר זיינע אַנאַרכיסטישע אידעען...

אַזאַ שפּילעווודיקע, אַ קאָקעטין, אַ טאַנס אַ טעכטערל, וואָס פּערפומירט זיך...

זיי האָבן געגומען שפּרייזן אויף די טרעפּ פון האָטעל, אויף איר האָבן זיך אַלע אַרומגעקוקט, נאָר זעליק האָט אין אַ גרויסן שפּיגל זיך דערזען אינגאַנצן... און עס איז אים שווער געוואָרן אויפן האַרץ...

זיינע צעקנייטשטע בגדים, וועלכע ער האָט שטענדיק מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט אָפּגעהיטן, האָבן איצט אויסגע־זען אָרימער ווי אַלע מאָל. דאָ אין האָטעל אויף די רייכע באַ־שפּיגלטע טרעפּ.

אַנטקעגן דער אויסגעפּוצטער עטאַ...

ס'איז אים ביטער געוואָרן אויף דער נשמה, אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז אינעווייניק איז ער שענער, שטאָלצער, מען ז־

לעכער און אויסנווייניק זעט ער געבעכדיקער אויס, פונקט, ווי ער וואָלט אַרייגעקראָכן נישט אין זיין פעל.

נאָכאַמאָל אַ קוק געגעבן אין שפיגל, אַזוי אַז זיין באַגלייטע־רין האָט עס באַמערקט.

— וואָס שפיגלט איר זיך אַזוי?

— איך ווייס נישט, צי איר וועט מיך פאַרשטיין.

זיי זענען געגאַנגען אין שטילן ליידיקן קאָרידאָר פון האָ־טעל, אויף אַ ווייכן טרעטער, די נומערירטע טירן האָבן גע־שוויגן...

— רעדט!

— איך האָב זיך דערזען אין שפיגל און אַ מאָדנע גע־פיל האָט מיך אַרומגעכאַפּט, איך האָב זיך נישט דערקענט, אין מיינע געדאַנקען האָב איך זיך אויסגעאַרבעט אַן אַנדערן „איך"... אַן אַנדערן קאַמענייעצקי?...

— ווי זאָלט איר אויסזען? איר האַלט זיך פאַר אַ פּרינץ? אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן... וואָס שטעלט איר זיך פאָר?

— ערשטנס באַדאַרף איך לויט מיין „איך" האַלטן פעס־סער דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס, צווייטנס באַדאַרפן די פּלייצעס אַליין זיין ברייטער בײַ מיר... דריטנס די בגדים — צו אָרים...

— איר געפעלט זיך נישט?

— נישט פאָלקאָם...

— נו, וועל איך אייך זאָגן, אַט־וואָס.

— וואָס?

— איר באַדאַרפט זיך נישט קלעמען... מ'ר געפעלט איר און דאָס באַדאַרף בײַ אייך האָבן אַ שטיקל ווערט...

זיי זענען שוין צוגעגאַנגען צו דער טיר, צום נומער, וווּ איר פאָטער האָט געוואַרט אויף איר.

ביידע זענען אנטשוויגן געוואָרן, זי האָט אָנגעקלאַפּט, אין צימער איז געלעגן אויף אַ קאַנאַפּע אַ נידעריקער הער. ווען ער האָט דערזען אַ פרעמדן מענטש, האָט ער זיך געוואָלט פון העפלעכקייט אויפהייבן, נאָר ווען ער האָט אַ ביסל מער באַטראַכט זעליקן מיט דעם אָפּגעריבענעם פּאַלטאָ, האָט ער אַ טראַכט געטון, אַז דאָס לוינט נישט.

ער האָט בלויז אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו זעליקן.

אַ גרויס צימער, אַ שטאַרקער זייף האָט געשמעקט, אַ פּאַק צייטונגען האָבן צוגעדעקט כמעט דעם גאַנצן טיש.

עטאַ האָט זעליקן געבעטן זיצן און זעליק האָט זיך געזעצט...

געפילט האָט ער זיך דאָ נישט גוט, צוליב דעם שווייגנדיקן טאַטן, וועלכער האָט שוין עטלעכע מאָל אָפּגעריסן די אויגן פון דער צייטונג און געוואָרפן צו זעליקן אַ בליק, ווי ער וואָלט באַ זיך געטראַכט:

— ווער איז ער, דער פּאַרשוין?

צום גליק איז מען אים געקומען רופן צום טעלעפאָן, ער האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעטון די שטעק-שיך און איז אַרויסגעגאַנגען.

אַ געראַזירט פּנים האָט ער געהאַט, האָט אויסגעזען ווי אַן אַדוואָקאַט צי אַ דאָקטאָר. די אויגן אַ ביסל אין זיך פאַרטיפט, אַ שלעכטע פרעמדשאַפט האָט זיך געטראָגן פון דעם דאָזיקן מענטש. אַן אומאייגענע אָפּגעזונדערטקייט.

— צוליב וואָס האָט איר מיך דאָ געבראַכט? — האָט זעליק געפרעגט באַ זיין שכנטע...

— איך ווייס אַליין נישט, אַ דאגה האָט איר.

זי האָט אוועקגעשטעלט שאָקאָלאַד אויפן טיש און אַליין אַרונטערגעקראָכן אונטער דער שאַפע זיך איבערטון.

אין צימער איז געווען ווארעם און רויק, עפעס האָט זיך גענומען בענקען זעליקן נאָך אַזאַ רויקייט און באַקוועמלעכקייט און דאָס באַוווּסטזיין, אַז ער איז אָרים האָט אים צוגעדריקט צום האַרץ, ער איז מקנה געווען די יונגע עטאַ פין, וואָס זי האָט אַ רייכן טאַטן. יענער בייזערט זיך אויף איר און דאָך לאָזט זיך איר אויספירן אַלע אירע קאַפּריזן און פאַרלאַנגען.

„ווען איך וואָלט זיין רייך“.

יאָ...

„איך וואָלט געאַרבעט, נאָר געאַרבעט“. אַזוי האָט ער געטראַכט ביז די עטאַ איז אַרויסגעקומען אָנגעטון אין אַ טונקל-גרין קלייד...

דאָס קלייד האָט געגלאַנצט און געפאַליעט אויף איר קערפּער, ווי אַ שלאַנגען-פעל.

וואָס פּוצט זי זיך אַזוי? זי איז דאָך אַן אַנאַרכיסטין. זעליק האָט עס באַ איר געוואָלט פרעגן. אין דעם איז אַריינגעקומען איר פאָטער. ער האָט זיך לאַנגזאַם און שווייגנדיק גענומען גרייטן צום אוועקגיין.

מיט אַ קאַלטן „אדיע“ איז ער אַרויס פון צימער.

— ער איז עפּעס בייז אייער פאָטער?

— ניין, דאָס איז זיין אַריסטאָקראַטישע נאַטור, ער פאַרטראָגט נישט קיין מענטשן נישט פון זיין קרייז.

— מיר איז אומאָנגענעם געווען, ווען ער האָט אַזוי געשוויגן —

— מאַכט זיך פון דעם גאָרנישט!

זי האָט געלאַכט און גוט געווירקט אויף זעליקן. אויפן טיש זענען געשטאַנען ציגאַרן, האָט ער פאַררייכערט.

איז אים שווער געווען דער שטאַרקער ציגאַר, גענומען הוסטן און זי האָט געהאַט אַ פּאָר ווילעט צו לאַכן, עס האָט אים שוין

גענומען פונ דריסן וואָס זי לאַכט, האָט ער אָבער באַמערקט איר גוטמוטיקן שמייכל און זיך בארויקט. דער ציגאַר האָט אויף צו להכעיס ווייטער געראויכערט.

זעליק האָט געזען, אַז זי איז אויך צופרידן, וואָס דער פּאָטער אירער איז אַוועקגעגאַנגען, זי האָט זיך אָנגערופן:

— איצטער לייגט זיך צו אַ ביסל אויף דער פּלושענער קאַנאַפּע.

— מיט מיינע קבצנישע ביינער...

— יאָ, און מיט די נאַסע שיך...

— זאָגט אַליין קאַמענעצקי, כאַפּט אייך נישט אָן אַ מאָל אַ חשק צונויפמען מיט אייער אָרימקייט צעשטערן די גאַנצע רייכקייט פון דער וועלט, די פרעמדע, ווייטע און רייצנדע רייכקייט...

— ניין, מיין גרעסטער חלום איז אַרבעטן.

ער איז שוין געלעגן אויף דער קאַנאַפּע און מיטאַמאָל האָט אים עפּעס אַ הייב געטאָן פון אָרט, ער איז צוריק אַרויס אין מיטן צימער און זיך אָנגערופן צו עטאַן, וועלכע האָט גענומען מאַכן אָרדענונג אויפן טיש.

— אויב איר האָט שוין געשטעלט די פראַגע, וויל איך אייך ענטפערן, איך גלייב נישט אין צעברעכן דעם טיפסטן אינסטינקט פון מענטשן, דעם אינסטינקט פון שטאַרקן, פון וועלן הערשן, דאָמאָלס בשעת אין יעדן איינציקן פון אונדז לעבט דער זעלבער אינסטינקט, נישט קוקנדיק אויף דעם, מיט וועלכן מאַנטל ער איז צוגעדעקט... ליב האָבן אַלע מענטשן? גענוג וועט זיין פאַר מיר ווען איך וועל די אַלע נישט פיינט האָבן... ליב האָבן אַלעמען, טאָג אין נאַכט רעדן פון דעם, פריידיקן, פּאַרטיידיקן, מאַכן פון דער וועלט־אַרענע אַ גרויסע צדקה־פּושקע. איך ווייס נישט, איך בין נאָך יונג, איך האָב דערצו נישט קיין לוסט... די גאַנצע וועלט, די

מיליאָנענדיקע מענטשהייט איז פאַר מיר אַ ספינקס, גאַנץ אָפט, אַ טעמפּער ספינקס און אין דער זעלבער צייט איז מיר יע־דער מענטש באַזונדער די גאַנצע וועלט...

יעדער מענטש מיט נשמה, מיט עקשנות, וואָס שלייפט, וואָס שענערט זיין „איך".

ער האָט זיך אַ ביסל פאַרפּלאָנטערט אין זיין רעדן, עפּעס האָט אין אים געברויזט, געשטורעמט, נאָר נישט אַלץ איז נאָך געווען פאָרמירט... איינס האָט זיך געפילט, אַז די ווערטער גייען אַרויס פון אַ האַרץ, וואָס האָט זיי דורכגעלעבט.

עטאַ האָט אים אָנגעקוקט מיט נייגעריקייט, זי האָט פאַר־געסן איר פראַגע, וואָס זי האָט אים געשטעלט, אינטריגירט האָט איר דער טאָן, מיט וועלכן זעליק האָט גערעדט:

— און איך האָב געטראַכט, אַז איר קענט נאָך רעדן וועגן אייערע לידלעך.

— צומוויניקסטנס רעד איך וועגן מיינע לידלעך...

— באַליידיקט זיך נישט, אַז מען האָט עפּעס ליב מיטן גאַנצן האַרץ מעג מען עס פאַרטיידיקן מיטן גאַנצן האַרץ.

— פריילין עטאַ! ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איך האָב ליב, דאָס וואָס איך שרייב... פאַרקערט! פיל מאָל פיל איך צו דעם אַ שנאה, איך האַס עס... איך גלייב, אַז יעדער דיכ־טער אפילו די גרעסטע האָבן זיך נישט אַרויסגעזאָגט אינגאַנצן און אין מינוטן פון קלאָרן חשבון באַטראַכטן זיי זייער ווערק, ווי מפיל־קינדער...

איצט זענען זיי שוין געשפּרונגען פון טעמע צו טעמע, גערעדט וועגן שרייבער און ליטעראַטור, זעליק האָט גע־זאָגט:

— איר לייענט האַמסונען? אויב אירווילט אַריינגיין אין אַ באַזונדערע שטימונג, לייענט אים. דער איינציקער שריי־

בער, וואָס רירט אויף מיר און מאַכט מיר ציטערן די נשמה... יאָ, עס זענען באַשטימט פֿאַרהאַן פֿיל גרעסערע קינסטלער ווי ער, נאָר וואָס איז אין דעם פֿאַל קונסט? דו פֿאַרגעסט עס, בײַ אים זינגען די שורות און עפּעס זינגט צווישן די שורות, ער מאַכט מיך שטענדיק אומעטיק, נאָר אַזאַ אומעט איז פֿאַר מיר די גרעס־טע פֿרייד...

ער איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע צופֿרידן, וואָס זי ער אים אַזוי נײַגעריק אויס און אַ ביסל אומצופֿרידן וואָס... ער איז הונגעריק, ער האָט הײַנט ווײַניק געגעסן. קליינגעלט האָט ער גע־האַט, נאָר אַוועקגיין פֿונדאַנען האָט זיך נישט געוואָלט, ער האָט געפֿילט, אַז זי איז צופֿרידן, וואָס ער פֿאַרברענגט דאָ...

און זי האָט געשוועבט איבערן צימער, יעדע רגע געפֿונען עפּעס אַנדערש, וואָס צו טון.

אין דעם ווייכן האָטעל־צימער אויף די ווייכע שטולן. זי האָט כּסדר געביטן דאָס אָרט, געפּלאַפּלט, געלאַכט און דערציילט מעשׂיות פֿון דערהיים.

זעליקן האָט זיך נישט געוואָלט געזעגענען מיט איר. ער איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע און אָפּגעריוט די ביינער זײַנע.

— אײַער פֿאָטער וועט געוויס באַלד צוריקקומען? ווי רעכנט איר?

— ניין, ער האָט דאָ זײַנע ריגער באַקאַנטע, ער וועט שוין בײַ זיי בלײַבן ביז שפּעט אין אָוונט, זיי שפּילן דאָרט אין וויסט...

דאָס האָט אים געפֿרייט, וואָס דער אַלטער פֿין, דער קאַל־טער גביר וועט אַזוי גיך נישט קומען... אָבער וואָס טוט מען מיטן הונגער. צום סוף האָט ער זיך באַשלאָסן

— איך בלייבט דאָך געווים אין דער היים, פרײַלין עטאַ?

— וואָס איז, קאַמעניעצקי?

— איך וועל אַראָפּגיין אויף אַ האַלבע שעה.

— צו וועמען? ווו אײַלט איר זיך?

אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז זי איז אַ ביסעלע אומעטיק געוואָרן...

— איך וויל עפּעס צובײַסן, איך וועל אַראָפּגיין אין ערשטן רעסטאָראַן.

האָט זי זיך פונאַנדערגעלאַכט און איז צוגעלאָפן צום גלעקל.

אין דריי מינוט שפּעטער איז שוין געשטאַנען דער קעלנער פאַר אירע אויגן און זי האָט באַפוילן:

— ברענגט צום עסן!

זעליק האָט געוואָלט פּראָטעסטירן, נאָר דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אַזוי גיך, אַזוי זיכער, אים האָט זי פּראָסט צום וואָרט נישט געלאָזט קומען.

זי האָט אויך געהייסן ברענגען שנאַפּס פאַר זעליקן.

— איך טרינק נישט קיין סך, איך טרינק זעלטן.

— וועט הײַנט זײַן דער „זעלטן".

שוין געזעסן מיט איר בײַם טיש און געגעסן. די שפּײַזן זענען געווען צו געשמאַק פאַר זעליקס אַפּעטיט, זי האָט פאַר אים געזאָרגט אין דער רגע, אויסגעפרעגט, וואָס ער האָט ליב און וואָס פײַנט אין עסן...

— עס איז נישט וויכטיק, פרײַלין עטאַ, האָט מען אַפּעטיט איז שוין גוט.

פּלוצלינג פאַלט אים איין אַ געדאַנק און ער האַלט אים לאַנג נישט בײַ זיך

— פריילין עטאַ, אַז איר קענט לעבן אַזאַ לעבן, צוואָס קריכט איר דאָרטן אין די חושכדיקע געסלעך פון אָרימען קוואַר־טאַל?

עפּעס אַזוי ווי אַ שאָטן איז אַראָפּגעפאַלן אויף איר פּנים...

זי איז געוואָרן ערנסט און אָנגעהויבן רעדן:

— איך טו שטענדיק, וואָס איך וויל. היינט געפעלט מיר איינס און מאָרגן עפּעס אַנדערש. דעם אמת מוז איך זאָגן, אַז זיי האָבן מיר שוין אויך דערעסן...

— ווער?

זעליק האָט געפרעגט און אין דער זעלבער צייט האָט ער געוווּסט וועמען זי מיינט.

— די אַנאַרכיסטן, — האָט זי געענטפערט, — באַ זיי איז אויך נישט אַלץ אַזוי, ווי זיי שטעלן דאָס פאָר, איך וואַרט נאָר אויף איין זאַך: איך וויל מיכעלסאָן זאָל באַפרייט ווערן פון טור־מע און דאַמאָלס וועל איך אַלעמען אָנפייפן מיט מיכעלסאָנס אײַנאײַנעם...

— ווידער מיכעלסאָן?

— איך האָב אים אַמאָל ליב געהאַט און אפשר נישט ליב געהאַט, איך בין משוגע געווען צוליב אים.

— און איצט?

— איצט וויל איך, ער זאָל זיין פריי. דאָ גרייט זיך אַ שטיקל אַרבעט. איר וועט איבערגיבן זיך דערוויסן צוליב וואָס איך זיץ דאָ אין ווילנע...

מיט אַמאָל, מיט די עטלעכע ווערטער האָט זי זיך שוין ווידער געביטן אין זעליקס אויגן דאַכט זיך, אַ טיגערל האָט אויפ־געשפרונגען, אַ קאַץ וויל זיך אין וועמען איינדראַפּען.

באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, פונקט, ווי זי האָט מורא באַקומען פאַר דעם פרעמדן מענטש.

— לאָמיר איצט וועגן דעם נישט רעדן, שפּעטער, ווען דער פּאָטער מײַנער וועט אַוועקפאָרן.

— איך צווינג אײַך נישט, פרײַלין עטאַ.

זי איז איצט צוגעלאָפן צו דער שאַנק און אַרויסגעכאַפּט פון דאָרטן אַ שטיק גרינעם זייד, קרויזן, סטענגעס.

— געפעלן אײַך די פאַרבן?

— זאָל איך זאָגן, אַז דאָס איז שיין? איר ווייסט דאָך בעסער פאַר מיר די זאַכן.

אַרויפגעוואָרפן אויפן אַקסל דעם שאַרכעדיקן שטאָף, צוגעשפּילעט אַ סטענגע און אַזוי אַרומגעשפּרונגען איבערן צימער, פון שאַנק צום שפּיגל, פון שפּיגל צו זעליקן.

— שיין, האַ?...

זי האָט אים כסדר געוויזן די מתנות, וואָס דער פּאָטער האָט איר דאָ אײַנגעקויפט, אַפילו די זאָקן די זיידענע געוויזן, די פּאַנטאָפל און דעם נײַעם הוט.

אין דעם מאָמענט איז זי געווען ענלעך צו אַלע מיידלעך, וועלכע פרייען זיך שטענדיק מיט די אַלע קלייניקייטן, ווי מיט די גרעסטע דערגרייכונגען אין לעבן.

אין דעם שפּילן זיך מיט די פאַרביקע שטאָפן אין דעם גאַנג פון איר פלאַפּלעריי, האָט זיך זעליק געטראַכט דאָס זייניקע: איר רייכקייט, איר זאָרגלאָזיקייט האָט אים געקלעמט באַם האַרצן, געווען בײַ אים אַפילו אַ שטיקעלע געפיל פון קנאה. אויסגעטראַכט האָט זיך אים, אַז ווען ער וועט איצט אַרויסגיין פון דעם צימער, וועט אים דאָס לעבן, זיין לעבן אויסזען נאָך אָרימער.

אין צימער איז געוואָרן טונקל, אויף די פענסטער האָט

זיך געצויגן דאָס פּרעסטל, איין הייטל פּראָסט נאָכן צווייטן, אָבער אין צימער אַליין איז געווען געמיטלעך.

זעליק איז ווידער געלעגן אויף דער קאַנאַפּע. עטאַ האָט גערופן די דינער פון האָטעל עטלעכע מאָל, זיי זאָלן מאַכן אָרדנונג.

ער איז געווען צופרידן, וואָס זי איז איצט מיט עפּעס פאַרנומען, געוואָלט טראַכטן זיינס און געוואָרפן אַן אייגל אויף איר, ווי באַוועגלעך זי איז, ווי יונג, און מיכעלסאָן איז אים כּסדר געקומען אויף די געדאַנקען...

זי איז דאָך געווען זיינע, מיכעלסאָנס און וואָס נאָך האָט ער געוואָלט דער מענטש, אז מען האָט אַזאַ געליבטע, באַדאַרף מען דאָך שוין מער נישט פאַרלאַנגען...

אַלץ איז דאָך קלענער און בלייבער פאַר דעם איינציקן געדאַנק, אַז אַזאַ עטאַ איז דיינע.

זי איז צו אים צוגעגאַנגען:

— וועגן וואָס טראַכט איר?

— וועגן מיכעלסאָנען...

— איר? ווי קומט צו אייך מיכעלסאָן? איר קענט דאָך אים נישט...

— איך טראַכט פון דעם, וואָס ער איז געווען פאַר אייך, און וואָס איר זענט פאַר אים.

— הע... איר פּלאָנטערט זיך נישט אין אייער נעץ.

האָט זעליק דערפילט, אז ער האָט געמאַכט איין טריט צופיל, ער האָט זיך גענומען לאַנגזאַם צוריקציען:

— איך בין נישט שולדיק, אַ מענטש איז נישט איידל, מען לאָזט אים אַריין אין אַ גאָרטן און ער צעטרעט די בלומען...

— ס'איז נישט אַזוי געפערלעך, אז מיר וועלן ווערן בעסע-

יע פריינט, וועט איר אַלץ וויסן און איר וועט האָבן מער רעכ־
דאָס אַלץ צו וויסן.
— איר רעכנט, אַז מיר וועלן ווערן בעסערע פריינט, דאָס
פרייט מיך...
— דאָס ווענדט זיך אָן אייך, אָן מיר און אָן מיינע קאַפּ־
ריזן... איר פאַרשטייט! באַ מיר קען פּאַסירן, אַז איך זאָל אי־
אַ שיינעם טאָג פאַרשווינדן ווערן פונדאַנען און אַ „זיי געזונט"
אַפילו... איך בין שוין אַזעלכע...
אַ טאָג אַוועק, צוויי, דריי טעג, ער פלעגט אַרויפקומען אין
האָטעל אַריין, אַפּרעדן פריער, ווען צו קומען אין דאַנקען גאָט,
ווען איר פאָטער פלעגט נישט זיין.
זי האָט ווייניקער גערעדט אין די טעג פון אירע חברים
פון מיכעלסאָנען...
זי האָט ליב געהאַט זיידנס, ווי אַ קעצל שפּילט זיך מיט די
פעדערלעך פון אַ צעפליקטן פויגל, אַזוי פלעגט זי זיך שפּילן מיט
די שטיקלעך שטאָף, טאַנצן און טוליען זיך אין דעם זיידענעם
שאַרף, צולייגן עס צום מיידלשן פּנים און געדאַכט האָט זיך,
אַז זי שמעקט אויס אַ ריח, וואָס נישט יעדער איינער פילט
עס...
זעליקן פלעגט זי צעטומלען מיט די אַלע משוגענע קאַפּריזן
און אין דער זעלבער צייט איז ער געבליבן איינגעהאַלטן רויק.
פונקט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אָט דעם יונגן
מיידל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן צו אים, ווי פון אַן אַנדערע
וועלט.
זי פלעגט אים איצט נישט אָפּלאָזן.
אַפּרעדן פלעגט זי, ווען אין וועלכער שעה ער זאָל קומען
און בייזערן זיך אויף אים, השעת ער פלעגט אַ ביסעלע פאַרשפּע־
טיקן...

— איר בייזערט זיך אויף מיר פריילין עטא, טאקע ווי איף א פריינט, מיר זענען נאך נישט קיין גוטע פריינט.

— אזוי? מיר זענען מער ווי פריינט...

— וואס? ווער זענען מיר איינס צום צווייטן?

— נאראנים זענען מיר, און זי האט זיך פונאנדערגעלאכט אויפן קול.

און זעליק ווערט פילאזאפיש געשטימט:

— אלע מענטשן לעבן מיט ז י י ע ר ע אליין אויסגעטראכטע נארישקייטן, דאס שענסטע, וואס מיר פארמאגן איז נישט דאס ערנסטע, דאס לייכטזיניקע... אט אזוי, ווי די שפילצייגן פון קינדער.

— טא פארוואס זענט איר שטענדיק אזוי ערנסט?

— דאס איז בא מיר אזא מאסקע, אינעווייניק לעב איך מיט קארטן-שטיבלעך.

לאכט זי און רופט אים:

— אויב אזוי, טא קומט טאנצן, כאפט אים און פירט אים עטלעכע מאל איבערן צימער אין אומגעלומפערטע קאראהאדן, ער קען א פוס נישט שטעלן.

איר פאטער איז נאך אלץ געזעסן אין ווילנע. צו זיך אין צימערל איז זי נישט געגאנגען, זי האט מיטגעגעבן זעליקן געלט פאר דער באלעבאסטע, געהייסן באצאלן און גריסן די הערינגיידענע.

— צו וואס באדארפט איר די קאנורע אויף נאוואגאראדער גאס? לאזט עס אפ.

— רעדט נישט קיין נארישקייטן, דעם האטל מיט מיין טאטן האבן מיר שוין דערעסן, איך בענק שוין א ביסל נאך מיין קליין פאלאצל צווישן די ארימע געסלעך.

און דערנאך האט זי צוגעגעבן:

— מיר וועלן דאַרטן נאָך אַ סך פאַרברענגען:

אין אירע אַלע ווערטער איז שטענדיק געווען עפּעס נישט דערזאָגט אַ רמז, אַ סוד...

געוואָלט האָט זיך זעליקן כאַפּן אַמאָל אָט דאָס דאַזיקע מיידל, אָנבויקערן איר גוטמוטיק די דינע פּלייצעס און אויסשרייען:

— דערציייל אײנגאַנצן ווער דו ביסט און וואָס דו ווילסט? פּלאָנטער צעלאָזטער, צעבאַלעוועטער קאַפּריז! זאָג, וואָס דו ווילסט פון מיר?

אויסגעזען האָט, אַז זי דערלאַנגט אים אַ דין זיידן שנירעלע, ער כאַפּט עס אָן און רייסט עס גלייך איבער...

און לאַכט דערביי.

אימפּאָנירט האָט אים וואָס אַזאַ נישט געווינטלעך מיידל האַלט זיך מיט אים, רעדט, פלוידערט און שפּאַצירט מיט אים...

זיינע באַקאַנטע האָבן אים געפרעגט:

— מיט וועמען שפּאַצירט איר דאָס, זעליק? אַז אינטערעסאַנט פנים באַ איר.

און איינמאָל האָט זיך ווער צו אים אָנגערופן:

— איר זענט געוואָרן אַן אַנאַרכיסט, קאַמעניעצקי?

— איך?

— יאָ, ער שפּאַצירט אַרום מיט דער ריגער, זי איז אַ באַוווסטע אַנאַרכיסטין.

— איך ווייס אַליין נישט, ווער זי איז, — האָט זעליק נאַיוו אָפּגעענטפערט.

און ער האָט עס טאַקע נישט געוווסט, געווען אַפילו מאָמענטן, בעת דאָס פלעגט אים אויפהערן צו אינטערעסירן.

און ער האָט אַלץ מער געטראַכט וועגן איר און שוין געוואָרט אומגעדולדיק דעם פאַרנאַכט, די שעה ווען ער בייט צו איר. זיי האָבן זיך אַזוי איינגעטיילט: ווי נאָר דער אַלטער פֿין פלעגט אַרויסגיין פון האָטעל, קומט גלייך זעליק. דער פאָטער טעטע האָט זעליקן געוואָלדיק נישט געליטן. זי האָט עס פאַר זעליקן דערציילט און געלאַכט דערביי:

— וויפיל באָמבעס האָט ער שוין געוואָרפן דער חבר דרייגער?

— פאָטער, ער וואַרפט נישט קיין באָמבעס, ער שרייבט לידער, ער איז אַ פּאָעט.

אַזעלכע שמועסן פלעגן פאָרקומען צווישן טאַטע און טאָכטער און דערנאָך פלעגט זי דאָס זעליקן איבערגעבן.

איצט איז ער געקומען פון גאַס, אַ פאַרשנייטער פון קאָפּ ביז די פיס. אויף דער גאַס איז נאָך געלעגן אַ ביסל פאַרפרוירעגעס ליכט פון טאָג, נאָר אין האָטעל־צימער האָט שוין געלויכטן דער עלעקטרישער לאָמפּ...

זי איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע מיט אַ בוך אין דער האַנט.

זעליק איז אַריין און זי האָט דאָס בוך אַ שלײַדער געטון אויף דער ערד...

— איר זענט דאָ? אַך, שניי, פרישער שניי, איצט וואָלט גוט געווען צו גיין אין בערנאַדינער גאָרטן...

זעליק איז געווען מיד, ער האָט אין וועג געחלומט פון איר קאַנאַפּע, נאָר אַז זי האָט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „גיין" האָט ער מיד אָבגעענטפערט:

— קומט, לאָמיר גיין

ווען ער האָט איר געהאָלפן אָנטון דאָס מאַנטל איז זיין האַנט אומגערן צוגעפאַלן צו איר וואַרעמען בעקל. ער האָט זיך אַנטשולדיקט און זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— וואָס לאַכט איר?

— גאָרנישט...

— וואָס לאַכט איר? — האָט ער שוין מיט אַ העכער קול געפרעגט, אַזוי ווי ער וואָלט באַפוילן, אַז זי זאָל ענט־פערן...

און ער איז צוגעשפרונגען צוויי טריט, אָנגעכאַפּט זי און צוגעדריקט צו זיך.

— פון מיר לאַכט מען נישט — האָט ער זיך געהעל־דישט...

— און אַז יאָ? — האָט זי געפרעגט און אַרויפגעקוקט צו אים, אין די אויגן אים אַריינגעקוקט.

ווידער אַן אַנדערער טיפּ, דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ שע־מעוודיק נאַיוו מיידעלע, אַזאַ מיידעלע, וואָס בייזערט זיך אַ ביסל, בשעת מען קושט זי און דאַך לאָזט זי זיך ווידער קושן.

איצט האָט ער פאַר איר קיין מורא נישט געהאַט און קיין דרך ארץ אויך נישט.

ווייל־יונגעריש האָט ער זי אַרומגעכאַפּט און אויסגעקושט פאַר דער גאַנצער צייט...

ווי ער וואָלט זיך אָנגעטרונקען נאָך אַ לאַנגן דורשט, ברייט אָפּגעאָטעמט...

ווי יעדע פרוי האָט זי זיך אַ ביסל געראַנגלט און צום סוף זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט.

געבליבן שטיין אייגער אַנטקעגן צווייטן.

ער האָט דערוואַרט אַ בייזן פּסק.

און זי האָט גאָר געמאַכט אַ גרימאַסע און געוויזן אים די צונג...

ניין, זי בייזערט זיך נישט און זי הייבט גאָר אָן צו רעדן אַזעלכע דבורים:

— איר ווייסט, דו ווייסט, פּאַעט! ווען דו טוסט דאָס נישט הייַנט און נישט מאָרגן, וואָלט איך דיך סוף־כּל־סוף אַרויסגעטריבן פונדאַנען...

ער האָט געשמייכלט... אַ ביסל צערודערט האָבן זיי זיך ביידע געלאָזט צו דער טיר.

... געגאַנגען און געשוויגן...

אפשר האָט יעדער איינער באַטראַכט, וואָס דאָ איז נאָר וואָס פאָרגעקומען.

אַ קוש איז אָן אויפנאַם וואָס איין האַרץ גיט דעם צווייטן, אַ קוש איז אַ שפּיל, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך אַ פאָר־שפּיל צו אַ טראַגישן קאַמף, וואָס קומט גאַנץ אָפט צווישן צוויי נשמות.

זעלטן ווען ליבע ענדיקט זיך מיט ליבע. אויב עס זינקט נישט אַראָפּ אין זומפּ פון דער וואָכעדיקייט, קומען דאַמאָלס די בייזע גרימאַסן פון פּאַראַט, שקר און אייפערזוכט...

דאָס פּאָרל איז געגאַנגען לאַנגזאַם

זיי זענען געגאַנגען צום גאָרטן. דער שניי האָט געפרוירן אונטער זייערע פיס און האָט לייכט זיך געבראָכן.

פון איין אָרט גאַס, ווו די הייזער זענען נידעריקער געווען, האָט זיך געזען אַ רויט שטיק הימל, קאַלט פאַרפרוירן בלוט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דעם ווייסן פראָסט פון די פענס־טער.

אויף דער גאַס האָבן שפּאַצירט די רוסישע אָפיצירן און

געקלאַפּט מיט די שפּאָרן, יונגע מיידלעך זענען געגאַנגען מיט סטודענטן און שילער, מיט ליזשוועס זענען זיי געגאַנגען צום גליטש-פּלאַץ.

דאָס שטאָל פון די גליטשערס האָט קאַלט און אומאָנגענעם געלויכטן, ווי אַ בייזקייט אין דער פריילעכער פּראָסטיקייט.

די בעקלעך באַ די מיידלעך זענען געווען אָנגעפּאַרבט פון פראָסט, אויגן האָבן געשמייכלט און דאָ אין געשמאַקן פרעסטל האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ הויך וואָרט, אַ שפּאַס, אַ געלעכטערל. מיט אַ ציטער האָט עס אַלץ אָפּגעקלונגען אין דער פרישער לופט פון ווינטערדיקן פאַרנאַכט.

שליטעלעך זענען געפלויגן אַהין און צוריק און צוגעקלונגען.

די געוויינטלעכע געאָרגיעווסקע גאַס האָט איצט אויסגעזען אומגעוויינטלעך מונטער און גוט-אָוונטיק.

דאָ און דאָרט האָבן זיך אין די שוי-פענסטער אָנגעצונדן די פייערן, דערנאָך האָבן אויך די גרויסע גאַסן-לאָמפּן געעפנט זייערע מילך-ווייסע אויגן...

איינס, צוויי, דריי.

אַלע לאָמפּן ברענען שוין און די לעצטע שטיקלעך פון טאָג פאַרשווינדן אין די שפּאַרעס פון צווישן די מויערן.

ס'איז גליטשיק און דעריבער האַלט זעליק זיין שכנטע אונטערן אָרעם. זיין האַנט וואַרעמט זיך אונטער איר קאָטיקאָווען אָרבל.

זי שמעקט, זי איז יונג, זי איז רייך און צעלאָזט.
פון אַ צווייטער שטאָט איז זי געקומען, פון אַ רייך הויז.
מאָדנע פאַרלאַנגען האָט זי און מאָדנע קאַפּריזן.
זעליק פאַרשטייט זי נישט, נאָר דערפאַר, ווייל זי מיט איר

גלאַנציק־שטורמישן לעבן איז דער גרעסטער קעגנזאַץ פון זיינע גרויע טעג און וואָכן, דערפאַר, ווייל ער איז אַזוי אָרים און אָפּגעזונדערט פון לעבן...

זי ווייטע שטראַלן, די ווייטע אָפּקלאַנגען זענען צו אים אַלע געשעענישן פון לעבן און וועלט דערגאַנגען.

רייץ פון לעבן... דאָס איז אים אינגאַנצן פרעמד געווען. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ לעבן מיט ווייניק אָדער מער צרות, נאָר אינגאַנצן זאַרגלאַז זיין און נעמען קריכן פון זאַרגלאָזיקייט אויף די גלייכע ווענט, ווי דאָס טוט עטאַ...

דאָס איז אים אומבאַקאַנט געווען און זי, די ווייטע, פרעמדע עטאַ האָט אים צעטומלט דעם קאָפּ.

נישט זי מיט זיך אַליין. זי מיט דער גאַנצער סביבה, אין וועלכער זי איז אויסגעוואַקסן. זי מיט אירע היינטיקע באַקאַנטע, מיט דעם אַנאַרכיסט מיכעלסאָן, מיט די זיידענע קליידער...

ער האָט זיך אָנגעהויבן שעמען פאַר זיך אַליין, זעליק.

אומזיסט איז געווען דאָס באַהאַלטן זיך פון לעבן. אין קאַנורעס איז ער געקראָכן, באַהאַלטן זיך פון אַלעמען און דער סוף איז אַזאַ, אַז קיינער באַמערקט אים נישט, קיינער וווּנדערט זיך נישט, בשעת ער קומט נישט צו זיינע באַקאַנטע אַ גאַנצע וואָך...

שמואל רובין לעבט שוין גאָר אַנדערש. פאַר אים איז נישטאָ קיין פאַרמאַכטע טיר.

די אַלע געדאַנקען זענען שטיקלעכווייז געקראָכן אין זיין מוח, איצט, בשעת ער איז מיט עטאַן געגאַנגען צום בערנאַדינער גאָרטן.

זי האָט געשוויגן, געטראַכט אירס און ערשט, ווען זיי זענען אַריין אין גאָרטן, האָבן זיי גענומען רעדן:

— מער איז דאַ קיינער נישטאָ. — האָט זי זיך אָנגע־רופן...

— חברה גליטשן זיך דאָרט אין יענער זייט פון גאָרטן, איר הערט די געשרייען?

זיי האָבן געפונען אַ באַנק. אַראָפּגעשאָרט דעם שניי און זיך אַוועקגעזעצט.

ס'איז געווען נאָנט באַם טייכל. בײַ דער ווילייקע. אין איין אָרט איז דאָס וואַסער נישט געפרוירן געוואָרן.

איבער שטיינער האָט זיך געריסן אַ שטראָם. געשוימט און געשריגן, אין גאָרטן איז קאַלט געווען...

און די קעלט האָט אַ ביסל געשמידט די שטענדיקע אויפ־געלייגטקייט פון עטען.

— דערציילט עפּעס פון אייער לעבן, — האָט זי זיך אָנגע־רופן צו זעליקן, — דערציילט, נו, דערציילט, אַ גליק, וואָס יעדער טראָגט מיט זיך זיין פּעקל יאָרן, אַנדערש וואָלטן מענטשן אַ סך מאָל נישט געהאַט פון וואָס צו רעדן.

— פאַרוואָס? מען קען רעדן פון דער צוקונפט — האָט זיך זעליק אָנגערופן.

— פון דער צוקונפט רעדן נאָר אידיאָטן — האָט זי זיך געבייזערט און צוגעגעבן:

— אַ קלוגער מענטש האָט נישט קיין צוקונפט, מיט דער דערפאַרונג פון זיין נעכטן שמידט ער זיין היינט און אַ סך מאָל פאַלן אַראָפּ שטיקלעך פאַר דער צוקונפט, אָבער דאָס מאַכט זיך נישט ווילנדיק.

— איר ווערט אַזוי ערנסט, פריילין עטאַ!

— פריילין עטאַ, פריילין עטאַ... זי האָט אים געמומען נאָכקרימען...

— וואָס איז?

— אַ מיידל, וואָס מען קושט אזוי אויס, ווי איר האָט מיך היינט אָויסגעקושט, זאָגט מען נישט יעדע רגע: „פריילין עטאַ״ „פריילין עטאַ״ עס רעגט אויף, יעי־באָגו ?

— טאָ ווי זאָל איך אייך רופן ?

— ווי דו ווילסט !

— וועל איך אייך...

— אָן אייך...

— וועל איך דיך רופן משוגענע, גוט!

זי האָט געטופּעט מיט די פּיסלעך אין שניי. פון קעלט ווי פון אויפרעגונג.

— איך האָב דאָך דיך געבעטן זאָלסט עפּעס דערציילן, וואָס שווייגסטו ?

— דערציילן, רעדן פון דער פאַרגאַנגענהייט ? דאָס איז גוט אין אַ זומער־נאַכט, אין אַ וואַלד אויפן גראָז, אָבער דאָ פרירט די צונג...

האָט זי זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון פּלאַץ און גענומען לויפן.

זעליק איז איר נאָכגעלאָפן:

— ביסט אין כעס !

זי איז געגאַנגען ווייטער און נישט געענטפערט.

„אַי, בין איך אַ שלימזל״.

ער האָט אזוי אַ טראַכט געטון און זי אָנגעיאָגט:

— לויף נישט !

זי האָט אויף אים אַ קוק געטון, בייז און שוין אַ ביסל אונטערגעגעבן.

— מען טאָר נישט, מען טאָר נישט זיין אַזוי פיל משוגע איך בין דאָך אויך אַ מענטש, איך האָב שטימונגען און קאַפּ־ריזן.

— וועלכע קאַפּריזן האָסטו?

— אַט אַזעלכע...

פון אויבן איז איר פּנים קאַלט געווען, נאָר ווען ער האָט זיך שטאַרק איינגעקושט אין איר בעקל האָט ער דערפילט די זיסע וואַרימקייט פון איר בלוט...

און דאָס האָט געווירקט:

זי איז געוואָרן רעדעוודיק און זיך גענומען אויף איר שטיינער חנדלען:

— זיצט אויף דער באַנק און רעדט נישט. דו האָסט דאָך געוווּסט, אַז מיר איז קאַלט.

און זעליק האָט אין דער רגע געטראַכט, אַז זי איז גאָרנישט ערנסט, זי איז נאָך קיינמאָל ערנסט נישט געווען.

גענומען זי אונטערן אָרעם און אַוועק צום אַרויסגאַנג פון גאָרטן:

— דו ווילסט זיך כּסדר קושן?

— און דו נישט?

— יאָ, נאָר איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט גאָר אַן אַנדערע...

— אין דער הינזיכט בין איך אַזוי ווי אַלע.

זיי האָבן ביידע גענומען לאַכן.

כאָטש איין בוים זאָל זיך אָנרופן אין גאָרטן...

— דו ביסט טאַקע אַלט פיר און צוואַנציק יאָר? פרעגט ער בא איר.

לאַכט זי זיך פונאַנדער:

— האַ! דו מיינסט דאַמאַלס, אין מיין צימערל האָב איך דיר געזאָגט מיינע יאָרן... וואָס איז?

— איך גלייב נישט. בא פיר און צוואַנציק יאָר שפּרינגט מען נישט אַזוי.

— קען מען טאַקע נישט זאָגן קיין ליגנט? איך זאָג אַלע־מען, אַז איך בין עלטער, נאָר דיר מוז איך זאָגן דעם אמת, איך בין אַלט איינאונצוואַנציק, געווען איינאונצוואַנציק. ווען איך בין אַ בחור וואָלט מען מיך דאָך שוין געגומען פאַר אַ זעלנער און איך וואָלט געגאַנגען מיט אַ ביקס... ראַז, דוואַ, ראַז, דוואַ... זי האָט שלאַנק געגומען שפרייזן, ווי אַ זעלנער און אירע לייכטע פיסלעך האָבן געקרישלט דעם צוגעפרוירענעם שניי. זעליק איז איר נאָכגעגאַנגען, אין האַרץ האָט אים געפרייט דאָס, וואָס ער איז דערגאַנגען, אַז זי איז מיט דריי יאָר יינגער. אויף אַזאַ אופן האָט ער געהאַט מאָטיוון צו באַרעכטיקן פיל פון איר צעלאָזנקייט...

ווידער די געאָרגיעווסקע גאַס. זיי שטייען בײַ אַ בלומען־געשעפט און זי לערנט אים:

— אָט איז די רויטע און די ווייסע בלומען וואָס זען אויס ווי די שפיצן פון פאַרצייטיקע פיקעס — דאָס זענען טוליפּאַנען...

און דאָס ביימעלע, וואָס זעט אויס ווי אַ דורכזיכטיקע גאַרדין, ווי אַ קרויזן־שלייער, דאָס איז בעז, ווינטער־בעז, איצט איז דאָס אַ גאַנצע מציאה, אין פרילינג וואַלגערט זיך אָבער אַזאַ בלום אונטער די פיס.

— בײַ אונדז הייסט עס „פייגל־מילך” — האָט זיך זעליק אָנגערופן.

— ווייל די פייגל זייגן אויס מיט זייערע שנעבעלעך דעם זאַפט פון די שמעקעדיקע צווייגעלעך?

— יאָ! איך רעכן, אַז דערפאַר.

— און דאָס בערגעלע אויפגעבלאָזענע געלקייט זעסטו?

— יאָ, דאָס מאַכט אַן איינדרוק, ווי עס וואָלט זיך שרעקן

פאַר וועמען.

דאָס איז אַ מימאָזע, בײַ אונדז וואַקסט עס נישט, נאָר אין די וואַרעמע לענדער, אין איטאַליען.

דערמאָנט זיך זעליקן... פאַרבענקט ער זיך... ווײַטע לענדער, זון, בלומען, טײַכן, ימים. אוי, וואָלט זיך אים וועלן זען די וועלט.

— וואָס שווײַגסטו און וואָס טראַכסטו?

גאָרנישט. איך טראַכט, אַז מען דאַרף זיך נעמען לערנען אַ ביסל באָטאַניק, איך הייב דאָך כמעט נישט אָן צו וויסן, ווי אַ בלום הייסט, פאַר אַלע ביימער האָב איך איין נאָמען: „בוים". בלומען קען איך שוין אַ ביסל.

— וואָס וועלן דיר ביכער געבן? מען דאַרף צוגיין צו דער נאַטור, צו דער באַקעטער נאַטור, מיט די אייגענע אויגן זען, מיט די אייגענע פינגער אָנרירן.

— איר זענט... דו ביזט גערעכט, עטאַ! דאָס ביסעלע וואָס איך ווייס, בין איך אַליין דערגאַנגען, איך בין אַמאָל געווען אין אַ קליין שטעטעלע מסטיבאָווע.

— האָסטו דאָרט באַגעגנט אַ מיידל פּאַיע, האָסט מיר שוין דערציילט.

— און דו געדענקסט...

— איך געדענק און וויל דאָס נישט געדענקען, דערמאָן מיר נישט אַזעלכע זאַכן, קיינמאָל נישט.

— פאַרוואָס דערמאָנסטו מיכעלסאָנען?

איידער ער האָט נאָך נישט געענדיקט די פראַגע, האָט זי שוין אַרויסגעריסן איר אָרעם פון זיין האַנט און זיך געלאָזט האַסטיק אַוועקגיין.

ער האָט זי קוים דעריאָגט און קוים איבערגעבעטן, אי-

בערגעבעטן מער מיט זיין אָנגעשראָקענעם שווייגן, ווי מיט זיינע ווערטער.

דאָך, ווען זי איז אַריין אין האָטעל און ער איז געבליבן אַליין אויף דער ברייטער גאַס, וועלכע האָט נאָך געניג געטומלט, האָט ער ז י ך באַלד אינגאַנצן דערפילט...

אָפּגעריסן האָט זיך זיין מונטערקייט, אין אַ ביטערן פּאַרדרוס האָט זיך איינגעוויקלט זיין נשמה: נאָר וואָס געווען מיט איר צו־זאַמען, גלייך אויף גלייך און איצט...

זי, וואָס האָט אַ צימערל אין אָרימען קוואַרטאַל איז דאָך אַוועק שלאָפן אין טאַטנס באַקוועמען צימער.

און דו, זעליק, שפּרייז זיך מיט דיין ביסל אָרימקייט אַהין צו דער באָוואַראָדער גאַס!

נישט געשלאָפן מיט זיין רויִקן שלאָף, ווי אין אַנדערע נעכט.

נאָר מאָרגן, איבערמאָרגן... ווידער אַזעלכע באַגעגענישן מיט עטאַן.

שעהן, וועלכע פלעגן אים געבן אַ סך צו פילן און נאָך מער צו טראַכטן.

פריילעך צי אומעטיק. נאָר אַלץ איז געווען ניי, אינטריגירט דורך עפּעס נישט דערזאָגטס... אַלץ איז געווען יום־טובדיק.

ער איז אַרויס פון זיין רעגלמעסיקן גרויען לעבן פון דער וואָכעדיקייט.

עטאַ האָט אים געפירט...

און עס טרעפט גאַנץ אָפט בײַ שטאַרקע מענטשן — עס פאַרגלוסט זיך מיטאַמאָל אָפּלאָזן יעדע אָנשטרענגונג, לאָזן שטראָמען די צייט מיט איר גאַנג, נישט שטעלן זיך דעם קלענסטן ווינטל אַנטקעגן.

און ווען דאָס קלײנע ווינטל איז אַ פרוי... דאַמאָלס

טעג זענען געגאַנגען.

זיי פלעגן כסדר אַרומגיין איבער די גאַסן. איר ווילן האָט בעהערשט: פלוצלינג פאַרשמעקט זיך איר אַ שליטן. דינגט זי אַ שליטן און לאָזט זיך יאָגן איבער ווילנע. ניין, אין שטאָט איז ענג אונטער דער שטאָט איז באַקוועמער דאָס פערד מיטן שליטן מוז זיך אַזוי פונאַנדעריאָגן, ביז עס זאָל בעמען פלִען, ווי אַ פויגל, אָדער עס זאָל זיך אויסדאַכטן, אַז דאָס פערד פליט. און וואָס פלינקער און ווילדער דאָס פערד איז געפלויגן, אַלץ גלאַנציקער האָבן געלויכטן אירע אויגן און אַלץ העכער האָט זי געלאַכט און געשריגן.

אויסגעזען האָט זי אין די רגעס ווי משוגע פון גליק.

— וואָס טוט זיך מיט דיר, עטאַ?

— וואָס?

דאָס קול זיינס איז איר פרעמד געווען און אינגאַנצן איז ער אַ פרעמדער?

— וואָס?

זי קוקט אים אָן און עס דאַכט זיך, אַז זי וויל זיך דער־מאָנען, פונוואַנען דער יונגערמאַן קומט דאָ צו איר, מיט איר צו־זאַמען אין איין שליטן... ווער איז ער?

זי איז געפלויגן, דאָס ווילדער געיעג [illegible] פעלד האָט איר דאָס בלוט צערייצט, זי א פויגל, אַ [illegible] און וואָס וויל דאָ דער בלייכער יונגערמאַן מיט זיין [illegible]בענעם מאַנטל?

ביסלעכווייז קומט זי צו זיך.

— זעליק!

— וואָס טוט זיך מיט דיר, עטאַ? ער פרעגט נאָכאַמאָל די פראַגע און ער בארויקט זיך שוין, זי איז שוין אַראָפּגעפאַלן צו־ריק אויף דער ערד, זי האָט שוין זיין האַנט אין איר האַנט

און אָטעמט ברייט אָפּ, פּונקט, ווי זי וואָלט איצטער דורכגעלבט עפּעס אומגעווייניטלעכעס.

— אַי, גוט געחען...

— און איצט?

— איצט איז אויך גוט.

אַרום איז נאַכט, זיי געפינען זיך איצט אונטער אַ באַרג, וועלכער פאַרשטעלט די שטאָט פון זייערע אויגן. נישטאָ דאָ קיין אַנדער ליכט, ווי דער גלאַנץ פון די שטערן.

נישטאָ קיין רויש, קיין טומל פון מענטשן, נישטאָ קיין הענט...

עטלעכעביימלעך, ווי די פאַרפּאַסטנס פון אַ וואַלד קוקן שטום אויף זיי, אויף דעם פּאָרל, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון שטאָט אין ווילדן פעלד אַריין.

דער שליטן גליטשט זיך לאַנגזאַם — באַרג אַרויף.

ווי פריילעך, ווי לעבנס־לוסטיק אַ מענטש זאָל נישט זיין, ווען ער באַגעגנט זיך פּלוצלינג מיט דעם גרויסן שווייגן פון דער נאַטור...

ווירקט עס אויף אים, ווירקט און פּאַראַליזירט.

אַזוי האָט אויך איצט עטאַ אויף אַ ווײַלע פאַרלוירן דאָס לשון.

זי האָט אַריינגעקוקט אין דער ווייסער ווייטקייט, האָט אויפגעהויבן אויף אַ קורצע סעקונדע די אויגן צום הימל און באַלד זיך אָפּגעריסן פון דאָרטן, פונקט, ווי זי וואָלט דערביי פּראַקטיש אַ טראַכט געטון...

— ס'לוינט נישט צו גלאָצן מיט די אויגן אויף די שטערן — זיי זענען צו ווייט.

און באַלד רופט זי זיך אָן צו זעליקן:

– ווי לאַנג וועלן מיר אַזוי שווייגן? פּע, איך בין שוין באַלד געראָטן אין דיר מיט דיינע לידלעך דאָרט.

אין האַרץ האָט אים געטון הנאה, וואָס זי איז אויך געוועזן אַ קורצע צייט איבעראַשט פון דעם שווייגן אַרום, עס האָט אים בלויז פאַרדראָסן, וואָס דאָס פערד האָט מיט די פּאָד־קאָוועס געקלאַפּט איבערן שניי און געבראָכן דעם דינעם אייז פון די מיניאַטור־סאַזשלקעס.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל און, ווי גוטע קינ־דער צוגעלייגט זיך קאָפּ צו קאָפּ, די קאַלטע באַקן זייערע האָבן זיך אָנגערירט.

עפּעס אַן אָנגעהייב צי אַ סוף פון אַ קינדער־מעשהלע האָט זיך אים דערמאַנט, אין דער גוטער רגע איז אויך געוועזן אַ שטי־לע נאָגנדיקע... ווער ווייס וואָס? אפשר קומט אין אַזאַ רגע דער געדאַנק פון טויט, אפשר דערפאַר, ווייל דאָס פעלד איז אין תכריכים, ווייס און עלענד?

ביי רופט אויס אַלע „אפשרס״!

זיי זענען שוין פריינט. זי איז די יחסנטע, זי קאָמאַנדע־וועט, אירע קאַפּריזן פירט זי אויס, אָבער דאָך איז דער זעליק קאָמעניעצקי באַ איר נישט אַבי־ווער, זי טוליעט זיך צו אים, זי קושט אים, זי בענקט נאָך אים, ווען ער קומט צו שפּעט.

איז דאָך... עס איז פאַרהאַן אַ וואַנט צווישן זיי. די באַנטס־טע נאָענטקייט איז נאָך נישט געקומען.

מיכעלסאָן.

מיט עטלעכע טעג צוריק איז אין האָטעל צו איר אַריינ־געקומען אַ יונגערמאַן און זי האָט זיך מיט יענעם אַזוי לאַנג גע־שושקעט, אַרויס מיט אים אין קאָרידאָר און אַריינגעקומען צוריק אַ ביסל אויפגערעגט. ער זעליק האָט גאָרנישט געפרעגט, זי האָט

איך גאָרנישט געזאָגט, עס האָט אים פאַרדראָסן... און מער פאַר אַלץ האָט אים געקרענקט דאָס, וואָס ער האָט געפילט, אַז זי שפּילט אין אַ געהיימעניש, שפּילט נישט איר ראָל...

געוווּסט האָט ער איינס: אַז מיכעלסאָן זיצט איצט אין תּפיסה

און דעם זעלבן מיכעלסאָן מוז מען באַפרייען.

און דערנאָך וואָס וועט זיין?

אַ געדאַנק פאַלט אים איין און ער ציטערט אויף: עס קען דאָך געשען, אַז זי זאָל אין ערשטן בעסטן טאָג פון אים פאַרשווינדן ווערן, צוגענומען ווערן פון אים... ער וועט צוריק אַראָפּפאַלן פון בערגל, אויף וועלכן זי האָט אים אַרויפגעפירט.

דער נאָמען מיכעלסאָן פּאַראַליזירט זעליקן שטענדיק.

זי פרעגט בײַ אים:

— פון וואָס טראַכסטו שטענדיק אַזוי פיל. שטענדיק, ווען דו ביסט מיט מיר צוזאַמען.

ער ענטפערט איצט גלייך אָן באַקלערן זיך:

— איך טראַכט פון מיכעלסאָנען...

— ווידער מיכעלסאָן! — וואָס האָסטו פון אים אַזוי צו טראַכטן...

— איך טראַכט, צי דו טראַכסט פון אים, עטאַ!

— און אַז איך טראַכט יאָ?

— דאַמאָלס קענסטו דאָך וועגן מיר נישט טראַכטן...

— אָך, דאָס מיינסטו...

זי האָט זיך פונאַנדער צעלאַכט.

— איך זאָל זיך פאַרליבן אין דיר, מוזסטו אַנדערש ווערן.

— ווי אַנדערש?

— איך ווייס? אַנדערש, אינגאַנצן אַנדערש, אַרויסטרייבן פֿון מײַן געדעכעניש דעם מיכעלזאָן, דאָס ווענדט זיך אָלץ אָן דיר, אָלץ קענסטו דאָס מאַכן...

— ווי אַזוי? דו רעדסט אַלץ אַזוי געהיים.

זי האָט זיך פֿאַרטראַכט:

— צי איך האָב אים ליב מיכעלזאָנען? ניין, דאָס האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט, נאָר איך האָב אים איינמאָל צוגעזאָגט, אַז איך וועל אים באַפֿרייען פֿון תּפֿיסה, איך בין געווען אויף אַ זעונג... יאָ, צוגעזאָגט און כּל זמן ער ווערט נישט פֿריי, וועל איך פֿריי נישט זיין.

— און איך? וואָס קען איך דערבײַ טון? עס קען זיין, אַז דו ווערסט מיר אין עפּעס מוזן העלפֿן...

— איך? ווי קום איך צו די זאַכן?

— האָסט שוין מורא?

זי האָט אים שטאַרק אַרייַנגעקוקט אין די אויגן, ער האָט פֿון איר בליק אויפֿגעציטערט...

זי האָט גערעדט ווייטער:

— פֿאַרשטייסט, עס פֿעלן מענטשן בײַ די אַנאַרכיסטן, די עלטסטע זיצן אין תּפֿיסה...

תּפֿיסה... אַנאַרכיסטן... מיכעלסאָן... ווי קומט ער זעליק צו די אַלע זאַכן און דאָך איז ער דאָ צוגעבונדן צו אירע עניבים מיט דער גרעסטער ניגעריקייט.

און ער וואָלט שוין וועלן הערן פֿון איר, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל קלאָר אויסהערן, וואָס זי פֿאַרלאַנגט פֿון אים, וועלכן קרבן?

נאָר זי אַליין האָט נישט געוואָלט אַרייַנגיין איצט אין אַן אַנדערע שטימונג, זי האָט געזען, אַז אירע ווערטער פֿאַרטרייבן די פֿריילעכקייט, וואָס ס'איז פֿריִער געווען.

אומויסט...

האָבן זיי איצט גערעדט פון פאַרשידענע זאַכן. זי — אַז דער פּאַפּאַ אירער פּאַרט איצגיכן אַוועק. זאָל ער שוין אַוועקפאָרן, טאָג און נאַכט זאָגט ער איר מוסר און זיין שווייגן איז אויך — מוסר.

זעליק ווידער האָט דערציילט, אַז זיין גאַנצע פאַמיליע איז אַריבערגעפאָרן קיין לאָדז:

— אָפּט בענקט זיך מיר שטאַרק נאָך זיי, נאָר ווען איך דערמאָן זיך אונדזער דלות פון די לעצטע יאָרן, דאַמאָלס קען איך נאָר פאַרקריצן מיט די ציין און שווייגן.

דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך האָב נישט קיינעם.

האָט זי זיך גענומען בייזערן:

— דו ווערסט שוין זויער.

און אים האָט פאַרדראָסן דער אויסדרוק „זויער". דאָס האָט נאָך מער קאַליע געמאַכט די שטימונג.

דער שליטן האָט זיך איצט שוין צוריק אַריינגעשאַרט אין די גאַסן. פון ליידיקן פעלד איז נאָך געבליבן אַ ביסל פראָסט אויף זייערע ברעמען און אַ קוים-באַמערקטע קעלט פון איינעם צום צווייטן.

יעדער איינער פון זיי איז זיך אַוועק אין זיינע געדאַנקען.

צו יענער צייט האָבן זיך אין שטאָט אָנגעהויבן פאַרשידענע אַנאַרכיסטישע אָנפאַלן, מען האָט כסדר דערציילט וועגן עקספּראָפּריאַציעס בײַ רייכע מענטשן...

— די אַנאַרכיסטן...

— דאָס איז זייער אַרבעט...

ווער? ווו? אויסגעדאַכט האָט זיך זעליקן, אַז דאָס זענען

עפּעס שדים, נישט קיין מענטשן. ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיי, אין דער זעלבער צייט האָט ער באַוווּנדערט זייער דרייסט-קייט.

עטאַ האָט געשוויגן.

פיל מאָל איז זעליק צוגעשטאַנען צו איר און זי גע-פאָרשט:

— זאָג מיר, דו ווייסט עפּעס פון די מענטשן? צוואָס טוען זיי דאָס?

עטאַ האָט געשמייכלט און זיך שטענדיק אַרויסגעדרייט פון אַ קלאָרן ענטפער...

דאָך איינמאָל האָט זיך בּאַ איר אַרויסגעריסן:

— איך ווייס ווער דאָס מאַכט אַלץ, איך קען די מענטשן, נאָר זיי גייען מיך נישט אָן. פריִער יאָ, פריִער פלעג איך אַליין אָפּטון אַזעלכע מעשים... איצטער וויל איך איין זאַך: מיכעלסאָן זאָל זיין פריי, ווייטער גייט מיך נישט אָן.

אין עטלעכע טעג נאָך דעם געשפּרעך האָט מען אין שטאָט געוואָרפן אַ באָמבּע בּאַ איינעם אַ רייכן ייִד, זאַלקינד, עס זענען דאַמאָלס געווען מענטשלעכע קרבנות.

זעליק איז געקומען אַ בּלייכער צו עטאַן...

— מענטשן האָבּן זיי געהרגעט, עטאַ!

— טאַ וואָס איז?

זי האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע שפּיציקע אייגעלעך און בּייז אַריינגעלאַכט אין זיין אויפגעציטערטער פלאַטערנדיקע נשמה...

— וואָס איז? מענטשן געהרגעט, ווו הרגעט מען נישט קיין מענטשן?

זי האָט עס אַזוי ערנסט געפרעגט און אין דער זעלבער צייט אָפּגעפּאַסט פון זעליקן.

אין האָט זיך שוין ווידער אויסגעדאַכט, אַז ער האָט עפּעס אָפּגעטון אַ נאַרישקייט... יאָ, טאַקע, וואָס איז געשען? ער האָט אַליין געוואָלט פאַרקלענערן זיין אויפרעגונג.

— וואָס איז געשען?

מענטשן, יונגעלייט, פאַרבאָרגענע פאַרשטעלטע האָבן אַריינגעשיקט צו זאַלקינדן אַ בריוו, ער זאָל זיי געבן געלט ביז אַ באַשטימטן טערמין און אויב נישט, וועלן זיי זיך מיט אים אָפּרעכענען.

זאַלקינד האָט קיין געלט נישט געשיקט, זענען געקומען די געהיימע יונגעלייט און געוואָרפן אַ באָמבע און געהרגעט מענטשן.

זעליקן האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס גאַנצע בילד. שטיקלעך צעריסענע גלידער פון מענטשן...

ער איז צוגעגאַנגען צו עטאַן און גענומען רעדן מיט אויפרעגונג:

— דו רעדסט וועגן דעם אַזוי רויק, בּאַ דיר איז אַ מענטש גאָרנישט.

דאָס איז פאָרגעקומען אין האָטעל, אויף דער ערד זענען געווען אָנגעוואָרפן טשעמאָדאַנעס מיט פאַרשידענע זאַכן, קליידער, שיך, און פּאַפּירן. דאָס אַלץ האָט איצט עטאַ אַריינגעפּאַקט אין די טשעמאָדאַנעס: איר פאָטער פאָרט היינט אַוועק און זי איז באַשעפטיקט מיט דעם צוגרייטן פון זיין אוועקפאָרן.

דער אַלטער פּין איז נישט געווען, ער איז אַוועק זיך געזעגענען מיט זיינע קרובים און פריינט.

זעליק איז צוגעשטאַנען צו עטאַן:

— זאָג מיר, בּאַ דיר איז אַ מענטש גאָרנישט.

גיט זי פּלוצלינג אַ שפרונג פון אָרט און דערלאַנגט אַ בליק מיט די אויגן

— וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס ביסטו געקומען קאַנטראָ־לירן מיין נשמה, גיב נאָר אַ קוק!

אין דער רגע האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי ווייסט פון דער באָמבע. זי ווייסט פון דער מערדעריי... אָט טאַקע דאָס וואָס זי איז אַזוי אין כעס געוואָרן, באַווייזט צומבעסטן, אַז זי ווייסט פון דעם...

זיי האָבן זיך אַ רגע אָנגעקוקט בייז און שווייגנדיק. עטאַ האָט זיך באַלד ווידער גענומען צום טאַטנס טשעמאָדאַנעס און זעליק האָט געזוכט זיין הוט.

ער האָט זיך רויִק אַרויסגערוקט פון גרויסן האָטעל־צימער און אַוועקגעגאַנגען איז ער איבער די גאַסן.

אַליין, אומעטיק און צעטראָגן איז ער געווען. דאָ אין די רייכערע גאַסן איז געווען זייער פריילעך. אין די שוי־פענסטער האָבן געלויכטן בריליאַנטן, גאָלד, שיינע פאַרביקע שטאָפן, פרוכטן, זיסקייטן.

עס איז געווען אַ לינדער ווינטער־פאַרנאַכט. זעליק איז גע־בליבן שטיין אַ רגע ווי צעדולט, צעטומלט...

פון עטאַן איז ער אַוועקגעגאַנגען, אָפּגעריסן זיך פון לעצטן שטראַל...

יעדעס מאָל, וואָס ער איז צו איר געקומען, האָט אים זיך אויסגעדאַכט, אַז ער בינדט זיך אַלץ מער צו צום לעבן און דאָס לעבן דערנענטערט זיך צו אים. דעם גאַנצן טאָג פלעגט ער טראַכטן פון איר און אויב ער האָט געאַרבעט רויִק איז דאָס גע־ווען צוליב איר און אויב ער האָט לייכט געקענט אַריבערטראָגן דעם הונגער, איז דאָס אויך געווען איר צו דאַנקען...

ווייל יעדע באַגעגעניש מיט איר פלעגט אים אויפלעבן, אויפהייבן אים העכער בײַ זיך אין די אויגן...

מיט די בליקן אירע, מיט האַלבע נישט דערזאָגטע ווערטער פלעגט זי אים אַלץ צוזאָגן, די גאַנצע וועלט...

אָבער? ווי קומט זי צו יענע העלדישע מערדער?

ער איז איצט געוואָרן ווי פאַרגליווערט פון חרפה, בשעת ער האָט זיך דערמאָנט, ווי עטאַ האָט פון אים גענומען לאַכן...

— שלימזל!...

זי האָט אים דאָס אין דער נשמה אַריינגעשריגן און איצט שרייען צו אים די ווערטער אַרויס.

צי דען איז ער טאַקע אַזאַ שלימזל? און פאַרוואָס? ווייל ער קען נישט פאַרשטיין, ווי מען גייט און מען הרגעט אַ מענטש, אַ לעבעדיק־צאַפּלדיקן מענטש צערייסט מען אויף שטיקלעך...

זי האָט אים איצט אויסגעזען, ווי אַ טייוול און דאָס ביטער־סטע איז געווען אין אים דאָס, וואָס ער האָט געבענקט נאָך איר, דעם קאָפּ וואָלט ער איצט אָפּגעגעבן, לייב און לעבן וואָלט ער איצט אַוועקגעגעבן, כדי ער זאָל קענען אויף איר אַ קוק טון, רעדן צו איר און הערן איר וואָרט...

צו וואָס איז ער אַנטלאָפן? אַ קליינטשיקער איז ער איצט אָן איר, אָן דעם געדאַנק, אַז ער וועט זיך מיט איר זען און זי וועט מיט אים שפּאַסן.

ער האָט זיך דערמאָנט אַלע קלייניקייטן פון דער לעצ־טער שעה...

יאַ...

ער איז אַרויס פון צימער און זי האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט, נישט גערופן אים מיט קיין איין בליק צוריק...

אָבער אויפגערעגט איז זי געווען... דאָס האָט זעליק באַ־מערקט, בשעת זי האָט גענומען פּאַקן אין טשעמאָדאַן דעם טאַטנס בגדים האָבן די הענט באַ איר געציטערט...

פאַרוואָס איז זי געווען אַזוי אויפגעציטערט? מאָדנע פראַגן זענען געקראָכן אין זעליקס געדאַנקען, ער איז אַליין נישט געגאַנגען אויפן טראָטואַר, יעדע רגע האָט אים אַ צווייטער מענטש אָנגעשטויסן און אָפּגעוואָרפן אַ ביסל ווייטער...

און דאָס וואָס דער שניי האָט איצט גענומען ווערן ברודנע, האָט אים נאָכמער פינסטער געמאַכט די נשמה.

פערד האָבן געשליידערט דעם שניי-מיסט מיט די פיס, רעדער האָבן עס צעמאָלן אין אַ קויטיקער קאַשע...

און די מענטשן אַליין האָבן נישט געזען מיט די אויגן, ווי זייערע פיס העלפן מיט צום צעשטערן די ווייסקייט פון די גאַסן.

אַ חורבן... אַ שמוציקער פערד-טראַמוויי שלעפּט זיך, ווי אַ לוויה-וואָגן, אָרימע דראָזשקעס, אויף די מענטשן די בגדים זענען איצט אויס אָרים, נאַס... ווי אַ גרויסע אומגעלומפּערטע טראַנטע האָט איצט אויסגעזען די גאַס, דער הימל, די ווייטקייט איבער די דעכער... אויף אַלץ איז געלעגן האָפענונגסלאָזיקייט.

זעליק האָט זיך אַרומגעפּלאָנטערט אָן אַ ציל אויף די גאַסן.

עס איז שוין געווען שפּעט נאַכט, ווען ער איז אַהיימגעקומען. אַ ליידיק צימער — איצט נאָך ליידיקער, ווי אַלעמאָל. ער האָט געקוקט אויפן פאַרפרוירענעם פענסטער, די ווייסקייט פון פראָסט האָט גענומען פון דער וואַרעמקייט צערינען. פון זיין מידערנע נאַפט-לעמפּל און די עטלעכע שויבן מיטן טראָסט האָבן אַזוי פיל דערציילט פון קעלט און נעץ, פון ווייטע פאַרפרוירענע וועלטן, אין וועלכע נשמות פון צאַפּלדיקע מענטשן ווערן פאַרגליווערט אין קורצע רגעס אויף אייביק...

אַן אָרים טישל, אַ בענקל מיט אַ שמאָל בעטל, עטלעכע ביכער מיט אָפּגעריסענע רוקנס... צו יעדער חפץ פון זיין צימער

האָט זיך צוגעקלעבט זיין עלנט, עס האָט נישט געשריגן, נישט געקריעכצט, נאָר מיט אַ טעמפּי־ ווייטיק געדריקט די נשמה ווינע...

דאַכט זיך אים איצט, אַז דאָ אין זיין צימער איז ער גע־בוירן געוואָרן, קיינמאָל נישט אַרויס פונדאַנען, קיינמאָל די זון נישט געזען...

די דאָזיקע גרויע דעקאָראַציע האָט אים שטענדיק געדריקט שטענדיק, אייביק, טאָג־איין, טאָג־אויס. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ שוואַרצער טינטער, לעבן טינטער איז געלעגן אַ פעדער, גע־קוקט האָט ער צו דער פעדער, נאָר די האַנט האָט זיך נישט גע־וואָלט צורירן צו דעם, מורא געהאַט, פונקט ווי צום טינט און פעדער האָט זיך אויך צוגעקלעבט זיין נאָגנדער עלנט.

געבליבן איז ער זיצן אויף דער שטול און געקוקט אויף דער וואַנט, דערמאַנט זיך דעם טאָג, דערמאַנט זיך אָן עטאַן און זי האָט אים איצט אויסגעזען פרעמד... פרעמד מיט איר ביי ן פאָטער, מיט דער גאַנצער שטוב, פון וועלכער זי איז געקומען מיט איר מיכעלסאָן און מיט אירע געהיימע חברים.

ער האָט זיך צוגערירט צום לעמפּל און אַראָפּגעדרייט אַ ביסל די קנויט.

זאָל זיין נאָך פינסטערער, אָט אַזוי:

אַמאָל באַם זיידן, ווו ער האָט זיך געהאָדעוועט, אַ קליין ייִנגעלע איז ער געווען, אַנהייב אָונט, ווינטער, די פענסטער זע־נען פאַרפרוירן.

דער זיידע האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ברייטער היל־צערנער באַנק, וואָס איז געשטאַנען אין עס־צימער, האָט זיך אוועק־געלייגט און אונטערגעלייגט צוקאָפּנס אַ שמוציק קישעלע...

עטלעכע מינוט און דער זיידע שלאָפט שוין.

שלאָפט ער, איז דאָס גאָרנישט, נאָר דער זיידע כראָפּעט,

אָ', ווי גוואַלטיק ער כראַפּעט, פּונקט ווי אין אים אין זיין אינע-ווייניק קומט פאָר אַ מלחמה מיט שווערטן, מיט ביקסן, מען הרגעט מענטשן אויף טויט און דער טויט, דער גערא־נגל שרייט אויס...

אָדער חיות האָבן זיך צונויפגעטראָפן: הינט, קעץ און אַ ווילדער אָקס: די הינט בילן, די קעץ מיאַוקען און דער אָקס קלאַפּט טעמט מיט זיינע אויסגעדרייטע הערנער. און פּלוצלינג דאַכט זיך זעליקן אויס, אַז דער בייזער ווינט ברומט און שטורעמט דער זיידע כראַפּעט.

פילמאָל האָט דער קליינער זעליק זיך געוואָלט אונטערן טיש באַהאַלטן פון שרעק, אויף דער גאַס אַרויסלויפן.

אַ ברייטער ייד איז געווען דער זיידע, כמעט אַזוי ברייט ווי די שאַנק, וואָס איז געשטאַנען באַ דער וואַנט. אַ געזונטער ייד מיט אַ שטאַרק קול און ער זעליק איז דאַמאָלט געווען אַ קליין יינגל, דער זיידע פלעגט אים אָפט נעמען אויף די קני, אַזאַ ברייטע קני, אַז נאָך אַ האַלב טוץ אַזעלכע זעליקס האָלטן זיך דאָרט אוועקגעזעצט.

און איצט, אַז ער שלאָפט און כראַפּעט דער זיידע, ווילט זיך אים עס זאָל זיך גיכער ענדיקן...

ער ווייס עס נישט אויסהאַלטן. מער איז אין חדר קיינער נישטאָ, אין צווייטן חדר שלאָפט די בייזע באָבע.

און דאָ קלאַפּט דער אַלטער זייגער זיין „טיק-טאַק".

און אַ גריל צעגרילט זיך אין דער וואַרעמקייט.

דעם זייגערס קלאַפּן, דעם זיידנס כראַפּען און דער גרילס גרילן, די אַלע טענער גיסן זיך צונויף, די טענער ציען צו זעליקס נשמה, ציען זיך מיט אַ קריכעדיקן נודנעם אָטעם און מאַכן טעמפּ זיינע יונגע אָנגעשויאָקענע געדאַנקען.

פון וואָס האָט ער געטראַכט? פון וואָס האָט ער נאָר וואָס געטראַכט? ער פאַרגעסט. נאָר ווען די שטיפערס אויף דער גאַס

געמען ווידער שרייען, דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט נאָר וואָס גע־
טראַכט טאַקע פון שטיפערס, וועלכע שרייען און שפּילן זיך דעם
ווינטער אויף צו להכעיס, זיי וואַרפן זיך מיט שניי די שטיפערס.
ער וואָלט אַליין וועלן אַרויסגיין צו זיי, נאָר ער גייט נישט, ער
שפּילט זיך נישט מיט די קינדער, ער האָט מודא פאַר זיי פאַר די
פרעמדע שטיפערס. ער. ער האָט אַ ציידן מיט אַ באָבען און מער
קיינעם נישט, ער גייט נישט צו די קינדער, קיינער טוט אים נישט
אָן אין אַ וואַרעם מאַנטעלע און אין וואַרעמע הענטשקעלעך.

איינמאָל, געדענקט ער, ווען דער זיידע האָט זיך צעלאָזט
מיט זיין כראַפּען און דער זייגער מיט דער גריל האָבן צוגע־
האָלפן...

אין זעליקן זייער שווער געוואָרן, האָט ער זיך פונאַנדער־
געוויינט אויפן קול...

דער זיידע האָט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען פרעגן:

— וואָס וויינסטו? נישט געוווּסט האָט זעליק וואָס צו ענט־
פערן...

— וואָס וויינסטו? דער זיידע האָט זיך גענומען בייזערן און
די באָבע איז אַרויסגעקראָכן פון איר צימער.

און דיביידע אַלטע האָבן לאַנג געפּייניקט דאָס יינגל, זיי
האָבן אַלץ געוואָלט דערגיין, פאַרוואָס זעליק האָט געוויינט.

געענדיקט האָט זיך דאָס מיט דעם, וואָס די באָבע האָט ווי־
דער געזאָגט:

— אַ צרה אויף מיין קאָפּ.

און דער זיידע האָט גענומען אַראָפּשלעפּן די שווערע שטיוול,
ער האָט זיך גענומען גרייטן צום אמתן שלאָף.

דערביי האָט ער צוגעקרעכצט.

און די באָבע האָט אויך געקרעכצט.

אין חדר איז באַלד פינסטער געוועז, אַט אַזוי ווי איצט אין זיין צימערל אויף דער באָוועגאָראָדער גאַס.

אַט אַזוי ווי איצט...

און עפּעס אַ קינדערישער געדאַנק איז אים איינגעפאַלן: צי וואָס איז ער אויסגעוואַקסן? צי דען איז ער איצט נישט דער זעלבער זעליק, וואָס האָט זיך מורא אַרויסצוגיין אין גאַס. אַריינטומלען זיך אין טומל פון לעבן, מיט שקר, מיט דער פויסט, מיט די ציין זיך איינבייסן אין לעבן.

שטענדיק דאַכט זיך אים, אַז ער באַדאַרף נאָך איין טריט מאַכן און ער וועט זיין אַזוי ווי אַלע און עס וועט אים זיין גוט...

אַ שטילקייט אַרום, אין דעם אָרעמען קוואַרטאַל הערט מען באַנאַכט קיין גערויש נישט, קיינער שפּרייזט נישט, קיינער פאָרט נישט.

די נאַכט איז דאָ רויקער, עלטער און פינסטערער.

אָן ווילן האָט זיך זעליק דערשלעפּט צו זיין געלעגער און אַזוי ליגן געבליבן אַ לענגערע צייט אין די בגדים.

אָפּגעשטעלט האָבן זיך זיינע געדאַנקען, ער איז נישט געשלאָפן און האָט אויך פון גאָרנישט געטראַכט, אַ טעמפּע רייף האָט אַרומגענומען זיין קערפּער און נשמה.

ער האָט גאָרנישט געפילט.

און גאָרנישט געהערט.

די נאַכט, וואָס האָט אונטער די לאָדנס געלויערט, האָט אַריינגעדרונגען אין זיין צימער, זי האָט איינגעפּרעסט זיין נשמה. אַ גרויסע שוואַרצע נאַכט-וועלט האָט זיך אים אומבאַוווּסטערהייט געשפּענסטערט.

אַ וועלט — אַ שוואַרצע טרומנע.

דער ווינט האָט נאָך הונדערטער דורות קדיש געזאָגט. פון

די דעכער האָט געדונען האסטיק, לאַנגזאַם און טראָפּנווייז... די אָרעמע דעכער האָבן געוויינט. הייזער — קברים. מענטשן — מתים, זיי האָבן גערוט, אָפּגערוט זיך פון איין מידן גאָרנישט און זיך געגרייט צו נייע איינגערעדטע ציילן... די קראַפט פון אָפּגאַרן זיך אַליין איז די שטאַרקסטע קראַפט.

V

שפּיל און ערנסט...

פון אונטער דער וואַנט האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל געהערט אויסרופן צו אים:

— קאַמעניעצקי. איר שלאָפט?

— קאַמעניעצקי!

— פּאָעט!

— זעליק, ביסט אויף מיר אין כעס!

ס'קען זיין, אַז ער האָט יאָ געהערט עטלעכע קול, נאָר עס איז אים אַלץ איינס געווען: ענטפערן צי נישט ענטפערן, אָדער דאָס איז געווען אַ נישט ווילנדיקער ברוגז פון זיין זייט.

זי איז שטיל געוואָרן און פון איר שווייגן האָט זיך זעליק גיכער אויפגעכאַפּט ווי פון איר רופן.

איצט האָט אים שוין פאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך נישט אָפּגערופן, עס האָט זיך אים געוומען דאַכטן, אַז איר קול איז געווען פול מיט פריינטלעכקייט און בקשה.

אַזוי רופט און וועקט אַ פריינט. אַ געליבטע...

ער איז אַליין בייז געוואָרן, אויף זיך פאַר זיין איינגע־שפּאַרט שווייגן, נאָר אָפּגערופן זיך איצט נאָך זיין לאַנגן שווייגן האָט ער נישט געוואָלט...

שטיל איז געווען אין ביידע צימערן, זעלטן ווען האָט זיך געהערט עטאָס אַ באַוועגונג, אַ טריט...

פּלוצלינג האָט זיך אויפגעעפנט די טיר פון זיין צימער און זי איז אַריין מיט רעש...

— דו שלאָפסט, משוגענער?

זעליק האָט אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אויגן און גאָר־נישט געענטפערט.

זי איז צוגעגאַנגען נענטער און זיך אָוועקגעזעצט אויף זיין בעט...

באַנאַכט אין דער האַלב־טונקלקייט פון אָרימען חדר, זי האָט אויסגעזען מיד און צאַרט, עפּעס אַזוי ווי זי האָט פאַרבלאָנ־דזשעט ערגעץ.

געקוקט אויף אים, געזוכט זיין בליק.

די אַלע קאַפּריזן און משוגעתן פון טאָג, די אַלע אָבאַר־ביסטישע ווידערשפּרוכן, אין וועלכע זי איז שטענדיק געווען איינ־געוויקלט.

אַלץ איז דאָס אין ערגעץ אַראָפּגעפאַלן.

לעבן זעליקן איז געזעסן אַ מיידל, וועלכ האָט זיך פאַר־בענקט נאָך איר געליבטן, זי גאַרט זיינע קושן, זיין גלעט, זיין גוט וואָרט...

און באַטאָג האָט זי אים, ווי אַ שלאַנג איינגעביסן, באַטאָג האָט זי אים בייז באַליידיקט.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַזעלכע אויגן, ווי מען קוקט

אויף אַ שונא, אָדער גאָר אויף אַ נישטיקן מענטש... און פאַר־וואָס?

ווייל ער האָט זיין בליק, ווייל עס ציט אים נישט צו די, וועלכע איבערקערן די וועלט...

ווייל ער האָט אָן קונצן צו איר געזאָגט, אַז בלוט פון אַ מענטש איז טייער און הייליק.

איצט...

אַזאַ פרעמדע, אַזאַ ווייטע פון זעליקן און דאָך זיצט זי לעבן אים אויף זיין בעט. זי שוויגט, ווייל ער שוויגט. זי וויל אים איבערבעטן, זי טראַכט מיט וואָס אים צו נעמען: מיט אַ גוט־וואָרט, מיט אַ שמייכל, מיט אַ קוש.

זי פילט, אַז ער איז בייז און אפשר נאָך ערגער ווי בייז: ער איז גלייכגילטיק צו איר, צו אַלץ, צו אַלעמען.

ער האָט זיך אַזוי ווי צוגעמויערט צו זיין געלעגער, זיין בליק לעבט נישט אויף דעם האַלב־טונקעלן צימער.

עטלעכע מאָל האָט זי שוין גענומען רעדן, געהערט האָט זי מיט אַ מיד קול, זי האָט זיך געמאַכט אומשולדיק און אונ־טערטעניק...

— וואָס ליגסטו אין די שיך אויפן בעט?

און זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אים אַראָפּצוציִען אַ שוך, ער האָט זיך אַ טרייסל געטון, פונקט ווי אַ שלאַנג וואָלט אים איינגעביסן.

ער האָט איצט דייטלעך דערפילט, אויף אַ רגע דערפילט, אַז זי איז נישט אויפריכטיק און ער האָט עס באַלד פאַרגעסן און בסדר באַדויערט, וואָס ער באַליידיקט זי.

און אפשר איז ער איר טאַקע נאָענט? מיט וואָס איז ער איר נאָענט... זי, אַזאַ אויסקלויבערקע און קאַפריזנע. וואָס האָט זי גע־פונען אין אים?

נישט געוואָלט און דאָך געטראַכט פון די דאָזיקע אַלע זאַכן.

זי האָט געוווּסט, אַז דער פּאַרטרוימטער און פיל מאָל נאָכ־געביקער זעליק קען ווערן איינגעשפּאַרט מיט דער גרעסטער עקשנות. זי האָט שוין געהאַט מיט אים אַזעלכע שעהן און אַפילו גאַנצע טעג; אַ וואָרט נישט אַרויסצוקריגן פון אים און איצט האָט זי שוין געטראַכט, אַז דאָס שווייגעניש האָט אים ווידער באַ־זיגט...

האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ קינד, אויף וועלכן דער טאַטע איז בייז געוואָרן און אַזאַ קינד הייבט יעדע רגע אויף די אויגן און קוקט אויפן טאַטן, צי זיין בליק איז נאָך בייז...

זי...

וואָס האָט זי געוואָלט פון זעליקן? וועלכע געפילן האָבן זיך געוועבט אין איר צו אים?

מיט אירע שאַרפע געדאַנקן, מיט אירע פלינקע באַוועגו־גען און מעשים, די נישט איבערגעטראַכטע עטאַ פּין פון ריגע... וואָס האָט זי געוואָלט פון דעם שווייגנדיקן בחור, וועלכער האָט גע־שריבן לידלעך?

אפשר איז דאָס געווען אירער אַ קאַפּריז? באַזיגן און מאַכן אונטערטעניק.

אָדער, זי האָט יאָ געהאַט צו אים אַ געפיל, באַ איר אין דער נשמה זענען געווען אַזוי פיל ווידערשפּרוכן, איין געדאַנק האָט געחוזקט פון צווייטן. און איצטער אין דעם אָרימען צימער, ווו די האַלב־פינסטערניש האָט פאַרעלענדט וועלט און לעבן...

ווי אַ קעלער האָט אויסגעזען דאָס קליינע צימער. זי האָט דאָס פייער פון לאָמפּ נישט פאַרגרעסערט, נישט געוואָלט דאָס טון אָן זעליקס דערלויבעניש.

אפשר האָט זיך איר געוואָלט איצט רעדן מיט עמעצן, אויסדערציילן, אויספרעגן? ס'איז געווען אַ שטימונג און זעליק שווייגט. יאָ, ווי אַ געפּעטעטער פון כעס ליגט ער אויפן בעט, זי נעמט אָן זיין האַנט, קוקט אים אַריין אין די אויגן, ער זאָל כאָטש אַ פּינטל טון מיט אַן אויג.

און עס קען זיין, אַז ער וואָלט אַזוי אַ גאַנצע נאַכט אָפּ־געלעגן און נישט געענטפערט אויף אירע צערטליכקייטן, נאָר עס איז געווען אַ קלייניקייט, וואָס האָט געווירקט אויף זעליקן און אים לאַנגזאַם אויפגעוועקט פון זיין לעטאַרגיע...

עטאַ האָט געשמעקט מיט פּערפום, ווי שטענדיק. זי האָט נישט אָפּגעלאָזן אירע געוווינהייטן, וועלכע זי האָט געבראַכט פון דער רייכער היים

אין היינטיקן אָוונט, אין זעליקס קליין צימערל האָט דער ריח זיך שטאַרקער געפילט.

זעליק האָט נישט געהערט, וואָס זי רעדט, האָט נישט גע־פילט איר נאָענטקייט, נאָר דער ריח פון פּערפום האָט צורו נישט געלאָזן זיינע נאָז־לעכער..

און זי איז נישט אָפּגעטרעטן. ער שווייגט — שווייגט זי אויך אַ קורצע צייט...

זי האָט איר אינסטינקט: זי גלייבט אין זיך, אַז זי וועט זיגן, זי וועט אויספירן פון אַלע געגלעך פּרווט זי אים אויס.

רופט זיך אָן צו זיך אַליין:

— אפשר איז ער נישט געזונט?

זי לייגט צו איר האַנט צו זיין קאָפּ: — אפשר האָט ער היץ?

די האַנט שמעקט, איר זיידן ווייך קלייד, די ברייטע אַרבל

שמעקן, דער ריח וועקט זעליקן, וועקט אים שטאַרקער. דאָס גאַנצע צימער פילט זיך אָן מיט דעם פּערפום...

עפּעס לאָזט עס פאַרגעסן און נאָך עפּעס ירעקט עס אויף אין זכּרון און כאָטש זעליק שווייגט נ״ד, פילט ער עס שוין...

ער איז נאָך אַליין נישט מודה פאַר זיך, נאָר ער פילט, אַז ער איז צופרידן, וואָס זי איז אַריין צו אים אין צימער, וואָס זי זיצט דאָ לעבן...

און ווער זי איז?

און וואָס זי איז?

עס גייט אים נישט אָן: די נאַכט, די שטילקייט אַרום, דער האַלב־פינסטער פון זיין צימער, זיין שווערע פאַרגאַנגענהייט. זיין ביטערער איצט...

אַלץ גיסט זיך צונויף, פלאָנטערט זיך צונויף אין איין קנויל און דער קנויל גיט אים אַ שטויס אינעווייניק, אין האַרץ, דער קנויל לויפט, ווי אַ שרעטעלע אַריין צו אים אין דער נשמה.

עפּעס שטיפעריש, אַ באַרויקטע אומרויקייט איז דאָס.

ער פילט אַליין נישט, ווי זיין האַנט ציט זיך אויס צו איר, אויף איר אַקסל פאַלט זיין האַנט, און זי פרעגט:

— שוין אויס משוגע? שוין אַ סוף...

ער פילט אָבער, אַז איצט האָט ער רעכט צו רעדן מיט איר אינטים, האַרציק, אַזוי ווי אים ווילט זיך רעדן און ער רעדט:

— עטאַ, ווען דו וואָלסט געווען אַזוי ווי איך וויל, אַזוי ווי איך מאָל זיך אויס, עטאַ, עס פעלט מיר אַ פריינט, איין מענטש, מער באַדאַרף איך נישט און דאַמאָלס בין איך דער שטאַרקסטער

אין דער וועלט, קענען אַלעמען וואָלט איך זיך בעשטעלט, עטאַ, ווען דו וואָלסט געווען אַזאַ...

גוטמוטיק האָט זי אים איבערגעשלאָגן:

— אַזאַ? וועלכע?

ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו איר:

— איך ווייס אַליין נישט, איך האָב נישט קיין ווערטער דערצו, נאָר איך פיל, אַז איין מענטש איז אַליין צו שוואַך אין לעבן, ווי שטאַרק ער זאָל נישט זיין... ער איז צו שוואַך.

זאָל ער האָבן אַ האַרץ פון גראַניט, וועט דאָס גראַניטענע אַמאָל זיך אויפכאַפּן ביז אַ פאַרלאַנג אויסצורעדן זיך פאַר עמעצן, צוטוליען זיך צו וועמען, אַ לייב אין וואַלד איז דאָך אויך נישט אַליין, אַ וואָלף, אַן אָדלער. קיינער איז נישט אַליין. עטאַ, קיינער קען נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך בא יעדעם אין האַרץ, נאָר עס טרעפט אַמאָל אַ צווייט האַרץ, וועלכעס פילט מיט דעם צווייטן, פילט מיט אומבאַוווסטזיניק און גיט זיך אָפּ פאַר אַ קרבן, כּדי צו באַרויקן דעם צווייטן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זי האָט אים געענטפערט:

— רעד ווייטער, נאָר בא דער באַנאַכט קען מען אַזוי רעדן.

— און באַטאָג וועסטו מיך אויסלאַכן?

האָט זי זיך אין דער רגע צוגעטוליעט צו אים שטאַרקער און דאָס איז געווען דער ענטפער אויף זיין פראַגע.

נישט געקוקט האָט ער אויף איר, נישט געקוקט האָט ער אויף קיין באַשטימטן פינטל, די אויגן האָט ער אויסגעשטרעקט אין דער ווייט, פונקט ווי די וואַנט האָט זיך פאַר אים געעפנט און ער זעט דאָרט זון, וואַלד, באַשטראַלטע ליכט און רינגס...

— איך ווייס נישט ווי דאָס איז געשען? אַ גרויע קינדהייט

האָב איך געהאַט, אַ גרויע יוגנט און איך ווייס נישט. פון דער איי־ביקער גרויקייט איז באַ מיר אין דער נשמה אַ יום-טוב געבוירן געוואָרן אָט אַזוי, ווי פון כאַאָס איז געבוירן געוואָרן די פלאַמי־קע זון... איך האָב דיר נישט אויסגעזאָגט, עס! נישט דיר און נישט קיינעם, איך שעם זיך צו רעדן וועגן דעם... הער זיך איין, מיין גאַנצער טאָג מיין לעבן, מיין גרעאַנגל פאַרן לעבן, אָט די לידלעך, וואָס איך שרייב און לויף מיט זיי אין די רעדאַקציעס... אַלץ וואָס איך טו כדי צו עקזיסטירן, דאָ יאָג איך עפּעס איבער־צושרייבן און דאָרטן בין איך אַ קאָסירער אין אַ טעאַטער, די אַלע גרויע קלייניקייטן זענען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס טוט זיך באַ מיר אין האַרץ... אין זיך לעב איך מיט אַן אַנ־דער לעבן, מיין האַרץ זינגט אין מיר פון קלייניקייטן און פון גרויסע זאַכן, פון זומער און פון ווינטער, שטענדיק דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך בין נאָך אַלץ איבעראַשט פון דעם געדאַנק, אַז איך לעב און נעם דאָס אַלץ אַרום, די גאַנצע וועלט. מען זאָגט, אַז די וועלט איז אַלט, נאָר פאַר מיר איז דאָ אַלץ ניי, ניי דער הייַנט און ניי דער נעכטן, דער אוראַלט, ווייל הייַנט ערשט, נאָר וואָס בין איך דאָס אַלץ דערגאַנגען. איך בין אַזוי יום-טובדיק פריילעך באַ זיך, ווען דער שניי נעמט צערינען און שפּעטער אפילו ווען אַ קראָ קראַקעט אויף אַ באַרג געלע האַרבסט-בלעטער, דאָס אַלץ מאַכט יום-טובדיק-פריילעך.

— פריילעך?... טאָ פאַרוואָס האָסטו שטענדיק אַזעלכע אוי־מעטיקע אויגן? שטענדיק אַזוי פאַרכמורעט?

איר קול האָט אים אָפּגעשטעלט. אין זיין רעדן האָט ער פאַרגעסן צו וועמען ער רעדט.

אַ רגע געקלערט און דערנאָך געענטפערט:

— יאָ פריילעך, אייביק אויפגעמונטערט און דאָך, ווען די פרייד איז איינזאַם, ווערט פון דעם אויך טרויער.

בשעת זעליק האָט אַזוי אויסגערעדט זיין האַרץ פאַר איר, האָט זיך עטאַ דערוויל נענטער צוגעריקט צו אים. איין האַנט אירס איז איצט געלעגן אויף זיין ברוסט, זי האָט אים אין די אויגן אַריינגעקוקט, אַ וואַרעמקייט האָט זיך געשוועבט פון אירע ליפּן...

זעליק האָט געשלונגען די דאַזיקע וואַרעמקייט, וואָס מער עס איינגעאָטעמט און גערעדט, גערעדט. ער האָט שוין מורא געהאַט אויפצוהערן צו רעדן, טאָמער רוקט זי זיך אָפּ פון אים, ער האָט געטראַכט, אַז מיט זיינע אויפריכטיקע ווערטער בינדט ער זי צו.

דאָס קליינע צימערל האָט זיי אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער וועלט. ער, זעליק האָט געגומען פאַרגעסן דעם טאָג, אַלע גרויע טעג זיינע און עטאַ... פאַר איר איז דאָס געווען איינע פון אירע שטימונגען.

ווען מען וואָלט זיי פרעגן, וואָלטן זיי אַליין נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן:

ווען מענס ליפּן האָבן זיך פריער געצויגן צום צווייטנס, זיי האָבן זיך לאַנג געקושט...

זעליקן האָט זיך דערמאַנט זיין שטאָט, זיין געוועזענעם באַלעבאָס מיט דעם יונגן ווייבל. זי איז געווען זיין „ערשטע". און די צווייטע יענע, אין מסטיבאָווע, דער ריח פון פרישן היי האָט זיך זעליקן דערמאַנט, זיין ווינקל אונטערן שטעטל, וואָס האָט בא אים געהייסן „דאָס האַרץ פון פרילינג".

איין בילד נאָכן צווייטן...

ער האָט זיך צו לאַנג פאַרטראַכט און אויפגעהערט צו קושן עטאַן.

— פון וואָס טראַכסטו? האָט זי אים געפרעגט...

נישט געקלעטערהייט האָט זעליק געענטפערט

— פון פאַיען...

זי האָט געגומען לאַכן:

— דו קושסט זיך מיט איינער און טראַכסט פון אַ צווייטער...

— צוליבן קושן זיך האָב איך זיך טאַקע דערמאָנט יענטעג.

— זי איז געווען אַ שיינע?

— יאָ, עטאַ, אַ שיינע, אַ יונגע, נאָר נישט דאָס איז געווען דער עיקר, זי איז געווען איינגעוויקלט איינגאַנצן אין זומער, אויסגעדראַכט האָט זיך מיר דאַמאָלס, אַז אַלע בלומען, אַלע פאַרביקע, אַלע גרינע בלעטער הענגען אויף איר, איך קען זי נישט אָפּטיילן פון יענעם זומער...

— דו רעדסט אַזוי שיין, זעליק!

— דיר געפעלט?

— יאָ!

אַרויסגערעדט האָט זי דעם „יאָ“ ווי אַן אמתע פאַרליבטע, דאָס וואָרט האָט קיין קלאַנג נישט געהאַט, ווי אַ שטילער קוש איז דאָס געווען פאַר זעליקן.

פלוצלינג האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט און זיך אָנגערופן צו עטאַן:

— דו ביסט נישט אַזאַ, דו ביסט אַ שלעכטע?

— איך בין אַזאַ ווי איך בין.

האָט געענטפערט און געקוקט זעליקן אין די אויגן אַריין, אין האַלב טונקעלן צימער האָבן אירע שוואַרצע אייגלעך געברענט...

באַ זיין זיידן איז געווען אַ קאָץ, אַ שוואַרצע — שוואַרצער ווי די נאַכט, מיט אַ פּאָר העל-גרינע אויגן. נישט איין אָוונט פלעגט זעליק זיך פאַרוקן אין אַ ווינקל און אין זעלבן ווינקל פלעגט פאַר-

קריכן די קאַץ. איר שוואַרצע פעל פֿלעגט איר אויסזען מאַכן אַזוי בייז-ערנסט, און די אויגן: קאַלט פייער פון שדים-וועלט האָט אַרויס־געקוקט פון זיי און די דאָזיקע קאַץ האָט זיך ליב געהאַט צו שפּילן. זעליק מיט זיינע קינדערישע הענטלעך און די קאַץ מיט אירע סאַמעטענע פיסלעך, ווי די נעגל פֿלעגן זיך באַהאַלטן, האָט ער נישט געוווסט — זיי פלעגן זיך שפּילן אויף שטום-לשון און די באָבע, די יחסנטע פֿלעגט ברומען:

— מער ווי די קאַץ האָסטו נישט?

און אין דעם אמתן האָט ער טאַקע מער קיינעם נישט געהאַט.

ער האָט זיך פלוצלינג אָפּגערופן צו עטאַן:

— מיט דיר בין איך קיינמאָל נישט זיכער, אפילו קיין רגע נישט.

— צו וואָס באַדאַרפסטו זיין זיכער?

עס האָט אים שוין פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַרויף אויף דער טעמע, מורא געהאַט, טאָמער וועט צוליב דעם די גוטע שטי־מונג פון צימערל אַוועק, נאָר אַ פראַגע איז געשטעלט געוואָרן און אַן ענטפער האָט מען געמוזט געבן:

— קינד, דאָס איז שוין מיין אייביקע שוואַכקייט: זוכן אַ פריינט, שטענדיק אַזאַ ווייטיקלעכער פאַרלאַנג צו עמעצן זיך צו טוליען, פון קינדהייט אָן... געדענקסט? איך האָב דיר שוין דער־ציילט פאַר אַ ליידענדע קינדער-יאָרן איך האָב געהאַט.

דערביי האָט ער זיך ווידער דערמאַנט פון די פאַרגאַנגענע טעג זיינע און אויסגערעדט, אויסדערציילט.

זי האָט געשוויגן, געקוקט אים אין די אויגן און געשוויגן, אויסגעדאַכט, אַז זי פאַרשט אים.

ער האָט גענומען אומרויק זיין פון איר שווייגן, געטראַכט האָט ער, אַז ער האָט שוין איבערגעכאַפּט די מאָס: מען טאָר

פאַר קיינעם נישט אויפעפענען אַזוי פיל דאָס האַרץ, ווייל אינעווייניק טיף אין האַרץ זענען פאַרהאַן בײַ יעדן אַ סך שוואַכקייטן און מענטשן טאָרן עס נישט וויסן, ווייל זיי האָבן נישט ליב יענעמס שוואַכקייטן, עס דערמאַנט זייערע אייגענע.

אין זיין ווייטערדיקן רעדן האָט ער זיך אַזוי ווי פאַרענטפערט:

— איך לויף דאָך נישט אַרום אויף די גאַסן און שריי אויס, אַז איך זוך אַ פריינט, פאַרקערט, איך מייד אויס אַלע פרעמדע און אַלע די, וואָס קענען מיר בלייבן פרעמד, אָבער דער וואָס ווייזט מיר אַרויס פריינטשאַפט, פון יענעם פאַרלאַנג איך עפּעס, פון אַ פרוי וועלכע טוליעט זיך צו מיר, קושט מיך, דערציילט אירע אייגענע איבערלעבענישן און הערט אויס מיינע, פון אַזאַ מוז איך פאַרלאַנגען מיין נייטיק ביסעלע מענטשלעכע פריינטשאַפט.

איצט ערשט האָט אים עטאַ איבערגעשלאָגן:

— פון מיר זאָלסטו גאָרנישט פאַרלאַנגען, ווייל...

— ווייל...

— ווייל וואָס איך וויל, וועל איך דיר אַליין געבן.

און זי האָט זיך ווידער צוגעכאַפּט צו אים מיט די הייסע ליפּן.

אויסגעדאַכט האָט זיך אים אין דער רגע, אַז זי איז מיט עפּעס ענלעך צו אידאַ פּומפּיאַנסקי, צו זיין געוועזענער באַלעבאָסטע, יענע האָט שטענדיק לעבן אים אַזוי געברענט און אים אָנגעצונדן...

נאָר געטראַכט האָט ער פון דעם בלויז אַ טייל פון אַ סעקונדע, זיינע ליפּן האָבן זיך אַזוי ווי אָפּגעריסן פון אים אינגאַנצן און צוגעפאַלן זענען זיי צו עטאַן מיט אַן אומגעריכטן פייער און באַלד האָט זיך זיין גאַנצער קערפּער מיטגעצויגן, זיין גאַנצע נשמה, די אַלע אומעטיקע געדאַנקען און נאָך נישט אַרויסגעזאָגטע ווער-

זער אַלץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין פייער. ער האָט זי אַרומגע־כאַפּט מיט זיינע הענט, ער האָט דערפילט דעם שמאָלן קערפּער אירן, די קינדערישע ביינדלעך, וועלכע זענען געווען איינגעוויקלט אין איר זיידן קלייד.

די הענט זיינע האָבן זיך געגליטשט איבער דעם זייד, דער ריח פון איר פּערפום האָט זיך נאָך שטאַרקער געלאָזט פילן, ער האָט זי געטוליעט צו זיך, געצויגן צו זיך...

פּלוצלינג האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון אים, אָפּגעשפּרונ־גען און זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן צימער מיט צעשויבערטע האָר.

געווען צוטומלט, ליידנשאַפטלעך מיד און צו זיך אַליין, צו זעליקן, צו די הענט, צו אַלץ און אַלעמען אַ געשריי גע־טון:

— ניין!

זעליק האָט געקוקט אויף איר, ווי אַ באַזיגטער, ווי מען וואָלט אים פון אַ הויכן טורעם אין אַ קעלער אַריינגעוואָרפן.

ער האָט קוים געפונען אַ פראַזע און מיט אַ פאַרשטיקטן קול געפרעגט:

— פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן?

זי האָט נישט געענטפערט...

און געווען איז אַזאַ רגע, אַז רעדן האָט מען נישט גערדאַרפט און געשוויגן האָט זיך אַליין פון זיך.

זי איז אַרויס פון זעליקס צימער, אַריין צו זיך און זעליק האָט געהערט, ווי זי האָט אַ פאַל געטון אויף איר בעטל.

איצט זענען ביידע געבליבן שטומע, דאָס דיבע ווענטל האָט זיי אָפּגעצוימט.

צווײ מענטשן...

צווײ װעלטן...

צווײ...

און אפשר שפּילט זיך אַ דריטער מיט זײ, אַזעלכער, װאָס קײנער זעט אים נישט און הערט אים נישט, אַ שד, אַ צוױלהכעיס־ ניק.

װידער האָט זיך אין זעליקס געדאַנק אױפגעװעקט די פראַ־ גע: װאָס איז דער מיכעלסאָן און װאָס איז די עטאַ: אַ משוגעת, אַן אַמביציע, צי אַ ליבע, װעלכע האָט נישט קײן קלאָרן װעג... ער האָט זיך די ליפּן געביסן.

מיט קײן אײן װאָרט האָבן זײ זיך מער אײנער צום צװײטן נישט אָפּגערופן. זעליק האָט געהערט, װי זי װאַרפט זיך פון אײן זײט אויף דער צװײטער, ער האָט געהערט, װי דער װינט זוכט עפּעס אויף די אָרימע הויפן פון דער נאָװאָגראָדער גאַס, װיל עפּענען אַ לאָדן, אַרײנקוקן אין די חושכדיקע נעסטן פון די מענטשן, ערגעץ־װוּ איז אַ טיר פון אַ שטאַל אָפן און דער װינט האָט זיך נוקם געװען אָן דער אומשולדיקער טיר. ער האָט כסדר געװאָרפן אַהין און צוריק און געקלאַפּט, אָנגעװאָרפן אומעט און אומרויקייט פאַר די, װעלכע האָבן דאָס אומגליק נישט צו שלאָפן דאַמאָלט, װען אַלע שלאָפן...

זעליק האָט איצט געלויערט, געװאַרט. ער האָט אַלץ גע־ טראַכט, אַז עטאַ װעט זיך אָנרופן, ער האָט געבענקט נאָך איר, זי האָט זײן בלוט גערײצט.

ער האָט צו זיך אַלײן געשמײכלט:

— װי לאַנג האָב איך מיט איר גערעדט פון פרײנדשאַפט. פון אַ ביסעלע פרײנדשאַפט און איצט איז זי גאָר פאַר מיר אַ פרוי, אַ פרוי, װעלכע האָט זיך אַרױסגעריסן פון מײנע הענט, װי אַ

בּרידלעכער פויגל רייסט זיך אַרויס פון די נעגל פון אַ רויב-פויגל...

אָבער זי אַליין...

ווי אַ קאַץ האָט זי זיך צו אים צוגעגנבעט.

יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט פריִער צו אים גערעדט, האָט אים איצט אויסגעזען פאַלש, שעלמיש... איבערגעקליגט און... ווי קומט ער אַלץ צו פאַרשטיין?

דאָ איז ער שטאָלץ בײַ זיך געוואָרן, וואָס זי האָט זיך צו אים אַזוי געוואָרפן און באַלד דערפילט ער זיך קליין, באַליידיקט, צעטרעטן דערפאַר, ווייל זי איז אַנטלאָפן...

אַ געדאַנק איז צו אים איינגעפאַלן, אויפהייבן זיך און אַרייַ-גיין צו איר...

אַ צווייטער געדאַנק האָט אים אָפּגעקילט: מיכעלסאָן... צו-ליב איינעם אַ מיכעלסאָן איז זי פון אים אַנטלאָפן.

ער האָט געטראַכט פון מיכעלסאָנען, פון דער תּפיסה, אין וועלכער יענער זיצט, פון די אַנאַרכיסטן האָט ער געטראַכט, פון אַלץ און פון אַלעמען און די אַלע טראַכטענישן האָבן צוגענומען בײַ אים די גאַנצע נאַכט, ער איז נישט געשלאָפן.

צי עטאַ איז געשלאָפן האָט ער נישט געוווּסט.

אין די ווייטערדיקע באַגעגענישן האָבן זיי נישט גערעדט וועגן לעצטן אָוונט, אַ לייכט-געצוווּנגענע קאַלטקייט האָט געהערשט צווישן זיי. באַגעגנט זיך, גערעדט, געגאַנגען האַלב-שווייגנדיק...

אַ געמאַכטע ערנסטקייט קען אָבער לאַנג נישט האַלטן און די ערשטע האָט אויסגעשאָסן עטאַ:

— ס'וועט זיין גענוג...

— וואָס גענוג? — האָט זעליק צעשראָקן זיך אויפגעכאַפּט געמיינט האָט ער, אַז זי וויל אינגאַנצן פון אים אַוועקגיין, נישט באַגעגענען זיך מער.

— עס וועט זיין געגוג די נישט אויפריכטיקייט, מיר זענען דאָך שוין נישט קיין קינדער.

— וואָס מיינסטו?

— אָט דאָס שווייגן אונדזערס, דאָס ציילן די ווערטער.

— וואָס ווילסטו, איך זאָל נעמען זינגען? דערביי האָט זיך אַ שמייכל געלייגט אויף זיינע ליפּן און דער שמייכל האָט נישט דערלאָזט זיי זאָלן זיך כאַפּן קריגן...

— יאָ, — האָט ער זיך ווידער אָנגערופן, מען באַדאַרף רעדן אַ ביסל אָפענער.

— איך וואָלט עס זייער געוואָלט

— וועסט ענטפערן אויף אַלץ, וואָס איך וועל בײַ דיר פרעגן.

— איך רעכן...

— הער זיך איין, עטאַ! זאָג מיר, מיט וואָס געפעל איך דיר?

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט...

— דאָס, וואָס דו האַלסט זיך מיט מיר, וואַרטסט אויף מיר, רופסט מיך צו, קומסט צו מיר, זאָגסט מיר „דו" און דאָס זעלבע איך דיר... ווייניק?

— אוודאי ווייניק...

— און אַלץ וואָס מיר האָבן שוין צווישן זיך גערעדט, במעט זיך דערעדט, אַז מיר האָבן זיך ליב... ווייניק?

— ווייניק...

— און די קושן, די צעביסענע ליפּן?

— אָט דאָס זעסטו איז שוין עפּעס ווערט.

— איצטער זאָג... דו וואַרפסט זיך דאָך נישט יעדערן אויפן

האלדז, דו ביסט, ווי איך פאַרשטיי דיך, אַן אויסקלויבערין... מיט וואָס געפעל איך דיר? פאַרוואָס קושסטו מיך און לאָזסט זיך קושן?

— און איך דיך, מיט וואָס געפעל איך דיר?

זעליק איז געוואָרן אַ ביסל אויפגעמונטערט, נאָר די פראַגע אויף זיין פראַגע האָט אים לייכט צעטומלט: טאַקע מיט וואָס געפעלט זי אים?

ער האָט אַ ביסל געטראַכט און דערנאָך לאַנגזאַם גערעדט:

— דו מיר? מיט וואָס?... איך וועל דיר זאָגן... איך וועל דיר אויסרעכענען אַלץ כסדר. פריִער פאַר אַלץ, דיין אויסזען, די לייכטקייט פון דיין פיגור, אין מיין פאַרשטעלונג באַדאַרף אַ פרוי זיין לייכט-באַוועגלעך, אַ לייכט-באַוועגלעכע, אַ פרוי באַדאַרף אונדז דאָך אויפהייבן, באַגייסטערן, פליִען, זי באַדאַרף דאָס זיין: „די פליגל אונדזערע"... מיט אַ שווער-וואָגיקע פרוי מוז די אילוזיע פאַרשווינדן ווערן. צווייטנס: דיין שטוב פונוואַנען דו ביסט געקומען, דיין אינטעליגענץ, דיין שאַרפזיניקייט...

— מיין שטוב? איך האָב זיי אַלעמען נישט ליב, זיי לעבן דאָרט, ווי אָפּגעסמטע פליגן.

— יאָ... דו אָבער האָסט זיך אַרויסגעריסן פון זיי, אָדער דו ווילסט זיך אַרויסרייסן, נאָר די נעסט אַליין איז עפּעס ווערט, פינף דורות האָבן זיך געשליפן, געלייטערט זיך, געגאַנגען ווייטער, מיט איין וואָרט אַריסטאָקראַטן, איך האַלט פון יחוס, אַזוי ווי איך האַלט פון אַלטן וויין, וועלכן איך האָב זייער ווייניק געטרונקען...

דיין פאַמיליע איז שטיין געבליבן אויף איין אָרט, זיי באַוועגן זיך בלויז מיטן נעכטן, דו אָבער, ווי עס דאַכט זיך מיר,

ביסט דער פּראָטעסט קעגן זייער פּאַרגליווערטקייט, דו זוכסט זיך, דיין שטאָם, דיין רעכט אויף עפּעס העכערס, שענערס... צו־ צו גייסט אין גלייכן וועג ווייס איך נישט... מיכעלסאָן מיט זיי־ נע חברים האָבן דיך געגומען אין זייער נעץ, מיט זייער אויס־ טערלישקייט...

אויף דיין אָרט וואָלט איך זיך אַ קער געטון צו פּשוטקייט, דו פאָלקסטימלעכקייט און דאָס פּאַראייניקט מיט דיין איינגע־ בוירענעם פיין־געפיל, איך רעכן, אַז דאָס וואָלט געווען אַ פיינער צווילינג...

אויף דיין אָרט, מיט דיינע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן וואָלט איך געגומען באַרייזן די וועלט... אַזאַ גוואַלטיקער געגוס באַ־ טראַכטן די ערד, אין אַלע ווינקעלעך אַריינוואַרפן די אויגן, אינדיען כינע, יאַפּאַן, קיין אַפריקע זיך אַהעקלאָזן, הערן דאָס געשריי פון אַ לייב...

דאָס איז דאָך עפּעס אונדזער וועלט, די שוואַרצע, די ברוין־הויטיקע מענטשן... יאָ, איך גיי צופיל אַוועק פון דער טע־ מע, פון דיין פראַגע.

זי האָט זיך אָנגערופן:

— רעד, וואָס דו ווילסט, עס ווירקט אויף מיר גוט, רעד!

— און צוזאַמען מיט דעם אַלץ, מיט דיינע מעלות און חסרונות ביסטו דאָך יונג און איך בין אויך נישט אַלט... דו שרעקסט און דו געפעלסט, דו נייגערסט, אָבער דער עיקר פּאַר־ וואָס איך הייב זיך אָן שטאַרק צוצובינדן צו דיר...

— יאָ...

דער עיקר איז דאָס, וואָס דו ביסט מיר אַנטקעגן גע־ קומען.

דו האָסט די ערשטע געגעבן פריינטלעכקייט, דו האָסט די ערשטע מיך פאַרבעטן בלייבן אין דיין צימערל, גע־דעקנסט דעם ערשטן אָוונט? דו ביסט געווען אויפמערקזאַם צו מיר, האָסט מיך אויסגעהערט און געשמייכלט צו מיר נאָך דאַ־מאָלס, ווען איך האָב זיך פאַר דיר, ווי פאַר יעדן נייעם מענטש, נאָך מורא געהאַט, דיין האַלבע פאַרטרויאונג צו מיר, דיין האַלטן זיך מיט מיר איז אַ געוויסע אָפּשאַצונג פאַר מיר... איך וואָלט געוואָלט וויסן, ווי זעט אויס דיין אָפּשאַצונג?

זיי זענען איצט אַרויס פון גערטל, וווּ עס איז געשטאַנען פושקינס דענקמאָל, זיי זענען צוגעגאַנגען צום טייך צו דער ווי־ליע, וועלכע איז געווען פאַרדעקט מיט שניי און אייז, עס האָט גענומען נאַכט ווערן און צוזאַמען מיט דער טונקלקייט האָט זיך געפרעסטלט, דינער אייז־גלאַזור האָט זיך געבראָכן אונטער זיי־ערע פיס.

זי האָט נאָך אַ קורצן שווייגן געפרעגט

— ווילסט וויסן מיין מיינונג וועגן דיר, ביסט אַ ביסל ניי־געריק, ווי מיר אַלע.

— דיין מיינונג בייגעצט מער צוליב איין זאַך, עטאַ

— צוליב וואָס?

— פאַרוואָס האָסטו מיך אויסגעקליבן צו זיין דיין באַגליי־טער? דיין חבר און כמעט...

עס איז איר געפעלן געוואָרן די פראַזע: „כמעט דיי'ן גע־ליבטער" און זי האָט זיך האַרציק פונאַנדערגעלאַכט, צוגעטו־ליעט זיך צו זעליקן און געלאַכט... און גיי טרעף, וואָס זי לאַכט!

— דו זעליק געפעלסט מיר מיט דיין רויקייט..

— איך בין גאָרנישט אַזוי רויק, ווי דו שטעלסט זיך פאָר

— ניין, דיין אומרויקייט איז אויך אַ רויקע, דו האָסט אַ ליניע: „איך" און דו גייסט אויף דער ליניע, קוקסט מיט דיינע אויגן, שאַצסט אָפּ מיט דיין פאַרשטאַנד. דאָס איז נישט קיין פּראָגראַם באַ דיר, דאָס איז אינגאַנצן אינערלעכקייט, דאָס איז גאַנצקייט... צייטנווייז ווינדער איך זיך, ווער האָט עס דיך אויסגעלערנט אַוועקמאַכן דעם שוים פון דער וועלט מיט דער האַנט און אַזוי ליב האָבן די וועלט גופא... איך... איך האָב דיך אַביסל דערפילט, פאַרשטאַנען און אין דיין רויקייט ווילט זיך מיר אָפט זוכן שוץ, דו האָסט אָבער נישט געהאַט ביז איצט די קראַפט מיך אַ צי צו טון צו זיך אינגאַנצן...

— דו אָנערקענסט אויף אַזאַ אויפן דיין שוואַכקייט און וואַרפסט מיר פאָר דאָס זעלבע...

— אַביסל אָנערקען איך דאָס...

— בנוגע זיך וועל איך דיר זאָגן, עטאַ! מיך בינדט שטענדיק מיין פאַרגאַנגענהייט, אַ ביסעלע בלייַ פון די קינדער-יאָרן און אַ ביסעלע פאַרצווייפלונג פון דער יוגנט מייַנער... איך גלייב אין זיך יאָ, נאָר מיין צוריקגעהאַלטענקייט קען לייכט אָנגענומען ווערן פאַר אַ שוואַכקייט... פאַרשטייסט?

— דאַכט זיך, אַז איך פאַרשטיי, נאָר איך האָב נאָך נישט געענדיקט, וואָס איך האָב אָנגעהויבן... מיר זוכן שטענדיק שותּפים צו אונדזערע געדאַנקען, צו אונדזערע מעשׂים, צום פרייד און צער... בשעת איך האָב דיך דערזען צום ערשטן מאָל, האָב איך אַ טראַכט געטון, אַז דו קענסט זיין מיין שותּף, איך האָב דאָך געהאַט און איך האָב פּלענער...

— באַפרייען מיכעלסאָנען?

— יאָ, יאָ, איך האָב דיך געוואָלט אַרייַנציִען אין דעם, נאָר איך האָב דאָס אויפגעגעבן, ווייל דו ביסט טאַקע נישט דערצו

און דאָס וואָלט געווען בלויז מיינער אַ קאַפּריז... אַ משוגעת גע־וועזן, איך האָב זיך פאָרגעשטעלט: דו אַזאַ היכער בחור מיט אַ פּאָר אומעטיקע ערנסטע אויגן, דו גייסט מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט... אַ העלד,

— מיר דאַכט זיך, אַז ביין און ניינציק פּראָצענט פון דיין חברע שפּילן זיך אין העלדישקייט...

— שאַ, דו ווערסט שוין צו ערנסט און איך בין אויך גע־וואָרן ערנסט... גענוג וועט זיין אויף היינט. מיר וועלן אַריינגיין אין אַ קאַפּע?

זעליק האָט זיך פאַרקרומט, ער האָט זיך דערמאַנט, אַז ער האָט נישט קיין קליין־געלט און זי וועט מוזן צאָלן... שוין עטלעכע מאָל האָט דאָס פּאַסירט און ער האָט פון דעם גע־ליטן

„קליינע „נדנ׳עלעך” האָט ער דאָס אָנגערופן, ער האָט פיינט געהאַט די מענער, וואָס פרויען גיבן זיי עסן, ער האָט געלאַכט פון די, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט „נדן”. טוי־זענט מאָל ליב האָבן, נאָר אויב מען האָט דערפאַר צוגעצאָלט געלט איז דאָס אַ מיאוסע זאַך.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקרומט, האָט אים עטאַ גע־פרעגט.

— גאָרנישט... ווער?

— דו מיינסט, איך פאַרשטיי דיך נישט.

— וואָס פאַרשטייסטו?

— דו האָסט נישט קיין קליינגעלט און האָסט מורא איך זאָל צאָלן...

— לאָז

— דאָס איז דאָך סוף כל סוף קליינבירגעריש

— עטאַ, לאָז מיט די פראַזן! פאַר דיר קליידט עס נישט און איך וועל עס קיינמאָל נישט פאַרשטיין

קליינבירגעריש, גרויסבירגעריש, מיטלבירגעריש... יעדעס געפיל, יעדער באַוועגונג פון דער נשמה האָבן מענטשן אַ נאָמען געגעבן, עס זענען דאָך אָבער געבליבן געפילן, פאַר וועלכע מען קען נישט געפינען קיין נאָמען...

— און מען דאַרף נישט געפינען!... עטאַ האָט געזאָגט די פראַזע, ווען זיי זענען שוין אַריין אין קאַפע. דאָס גייע אָרט האָט איבערגעריסן זייער שמועס.

געטרונקען טיי און געקוקט אַרום זיך.

— איך האָב דיר נאָך דאָס אַלץ נישט געזאָגט, זעליק! פאַרוואָס דו געפעלסט מיר אַזוי... אַלץ האָב איך דיר נאָך נישט געזאָגט...

— וואָס נאָך?

— דו ביסט נישט קיין מיאוסער בחור, איך האָב ליב דיינע פאַרטראַכטע אויגן, ווען זיי ווערן בייז... דו האָסט אַ גוטן כאַראַקטער, אויף דיר באַדאַרף מען זיין אַ גרויסער מבין...

— און דו ביסט עס?

— דו הערסט דאָס, וואָס איך רעד...

— טאָ פאַרוואָס ביסטו באַנאַכט אַנטלאָפן פון מיר? אַרויסגעריסן זיך, אַנטלאָפן...!

זי האָט אַזוי מאָדנע פרוי-מיידלש אַ שמייכל געטון, פאַרשעמעוודיק אַראָפגעלאָזט די אויגן און זיי גלייך ווידער אויפגעהויבן, דערביי האָבן אירע שפּין-ברעמען צוגעציטערט...

— נישט אויף שטענדיק אַנטלאָפן...

אַ צוזאָג.

וועלכער איז פארזיגלט געוואָרן מיט עטלעכע רגעס שטיל־שווייגן.

אויסגעזען האָט דאָס, אַז זיי האָבן זיך היינט צום ערשטן מאָל באַגעגנט און היינט איז זייער גורל באַשטימט געוואָרן...

וואָס דערנאָך איז גערעדט געוואָרן צווישן זיי, איז שוין אַלץ איינגעהילט געווען אין דער רייצנדער פראַזע: „נישט אויף שטענדיק אַנטלאָפן".

ער האָט אַזוי אומגעריכט אַריינגעוואָרפן די דאָזיקע ווערטער:

—באַ אונדז אויפן הויף דער קאַטערישנטשיק מיטן פּאַפּוגאַי, צי דערמאַנסטו אַמאָל דעם גרינעם פויגל?

— וואָס איז דאָס דיר איצט איינגעפאַלן

— שטענדיק, ווען מיר איז גאָר גוט אויפן האַרץ, דערמאַנט זיך מיר דער פויגל...

— און איצטער איז דיר גוט?

ער האָט אויפגעהויבן אויף איר די אויגן, ווען נישט די פרעמדע מענטשן אין קאַפּע... זיי וואָלטן זיך איצט געקושט.

הונגער...

ער האָט געהאַט גוטע שעהן. דאָס זענען געווען די שעהן פון זיין רויקייט.

ווען פלעגן זיי קומען, די שעהן? וואָס און ווען עס האָט זיי אויסגערופן, דאָס האָט ער נישט געוווסט, אַזוי אַז ווי מען ווייסט נישט, ווי אַזוי עס קומט אַן אומגעריכטער אומעט, וועלכער באַפאַלט די נשמה, דאַמאָלס ווען אַלע בונטע פאַרבן פון לעבן ווערן גרוי, ווען דעם פרעמדנס גוטמוטיקער געלעכטער גרילצט דיר ווי אַ חוזק אַריין אין דיינע אויערן.

די רויקייט זיינע פלעגט קומען, ווי די בלויקייט פון הימל וואָס אַנטפלעקט זיך פאַר אונדז נאָך לאַנגע וואָלקן-טעג.

דער זעלבער פרימאָרגן... דאַכט זיך, די זעלבע דערוואַרטונגען, נישט רייך און נישט גליקלעך איז ער היינט געוואָרן...

און דאָך איז היינט אַלץ אַ פרייד באַ אים, פון דעם ערשטן מאָמענט, וואָס ער האָט געעפנט די אויגן.

אַ קאַלטער ווינטער-שטראַל איז אַריין דורכן פענסטער אין זיין צימער און דער דאָזיקער שטראַל גיט אים היינט מער, ווי זון אַן אַנדערן טאָג די גאַנצע זון.

ער וואַשט זיך אַרום, באַרשט זיינע קליידער לענגער, ווי אַלע מאָל, זיינע אָרימע בגדים, זיי זענען היינט גאָרנישט אָרים...

עטאַ האָט אים שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז דער אַלטער פאַלטן זיינער ליגט אויף אים שענער, ווי באַ אַנדערע אַ נייער בגד און אָפט, גאַנץ אָפט פלעגט ער הערן פון מענטשן, אַז ער האָט געשמאַק, ער האָט געוווסט, ווי צוצופאַסן צו זיך אַ הוט, אַ שלייף...

עס האָט אים געפרייט, וואָס מענטשן אָנערקענען דאָס באַ אים.

פון דערהיים האָט ער דערהאַלטן אַ בריוול, קיין סך פרייד דערציילט מען אים דאָרטן נישט, נאָר דאָס בריוול אַליין פרייט.. עס טוט אים עפעס הנאה, וואָס ער איז אויסגעוואַקסן און זיך אָפגעטיילט פון טאַטע-מאַמע, פון ברידער און שוועסטער. זיי זענען אין זייער שטאָט, ער איז אין זיין שטאָט. ער איז אַליין אַ מענטש פאַר זיך, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך אַליין.

ער דערמאַנט זיך, אַז ער האָט אַ ברודער אין פעטערבורג און איין ברודער איז אַוועק קיין אַמעריקע. זייערע געשטאַלטן ווערן בלייכער אין זיין זכרון, אַמאָל ווייטיקט עס און אַמאָל ווידער איז ער שטאָלץ מיט דעם, וואָס ער טראַכט נישט אַזוי פיל וועגן זיינע אייגענע. ער אַליין איז אויך עפעס און פאַר דעם „עפעס" דאַרף מען קעמפן, ליידן..

און זיי, זיינע אייגענע, צי האָבן זיי אים מער אין זינען?

מיט פרייד עפנט ער די טיר פון זיין צימער און די ליכ־
טיקע גאַס נעמט אים אַריין אין איר העלן קאָרידאָר: גיי זיך
מענטש, ווו דו ווילסט, רעכטס, לינקס. גיב אַ קוק! דער הימל איז
בלוי, פון די קוימענס גייט אַ ווייסער רויך, אַ שליטעלע פאָרט,
איינער פירט אַ פעסל מיט וואַסער, דער פראָסט האָט עס אַרומגע־
רייפט מיט אייז־גלאַזור, דאָס פערדל אָטעמט מיט פראָסט; קינדער
גייען אין חדר און גליטשן זיך דערווייל אַ ביסל...

ער גייט באַרג־אַראָפּ פון דער נאָוואָגראָדער גאַס, נישט אוי־
מעטום איז דער שניי שוין צעטרעטן, עס ווילט זיך אים צורירן
צו דער ווייסקייט, ווי צו אַ הייליקייט, פון וועלכער מען קען גע־
זאַלבט ווערן, כאַפּט ער אַ הויפן שניי און פרעסט עס אין האַנט
פעסט. דער שניי ווידער דערפילט זיך אין אַ מענטשנס נישט
כשרע האַנט, אַנטלויפט ער, צערינט און ווערט אויס שניי, אויס
ווייסקייט...

פון וויטן זעט זיך דער שלאָס־באַרג מיט ווייסע שניי־פלעקן,
אַנדערע בערג פון פאָרשטאָט, זיי זאָגן אָן, אַז ווייטער איז נאָך
ריינער און ווייסער, דאָרט טומלען נישט קיין מענטשן, שטילקיי־
רעדט מיט שטילקייט.

און אין אַזאַ פרימאָרגן באַשליסט זעליק אָן לאַנגע קלערע־
נישן, אַז היינט וועט ער גאָרנישט טון, ער וועט נישט גיין אין
רעדאַקציע פרעגן, צי זיינע לידער וועלן אינגיכן געדרוקט ווערן,
ער וועט נישט גיין צו זיינע באַקאַנטע, צו זיינע חברים, וועלכע
רעדן פון גוטע און שלעכטע לידער...

ער גייט דורך די טראָקער גאַס. דאָ אין דער שמאָלקייט איז
דער שניי אינגאַנצן צעאַקערט און פאַרברודיקט. פון זיך אַליין נעמט
ער שטעלן שנעלערע טריט, ווי ער וואָלט וועלן פטור ווערן פון
אַן אומאָנגענעמען בילד.

ווען ער קומט אין „טעליאַטניק”, אין גערטל, [illegible] ליגט

אונטערן שלאָס-באַרג, ווען ער דערזעט די אומגעריכטע ווייס-קייט, דריקט אים עפּעס צו אין דער נשמה.

ער טראַכט און פילט אַ רגע, אַז ער זינדיקט מיט דעם, וואָס איצט, אין פרימאָרגן, ווען אַלע גייען צו דער אַרבעט. איצט אַנטלויפט ער אין דעם ליידיקן, ווי אַ פּוסט און פּאַסטניק. וואָס וועט ער דאָ טון? קוקן אויפן שניי? איז דאָס נישט נאַריש!

און ער הייבט שוין אָן צו מאַכן פּלענער, ווו ער זאָל גיין און וואָס ער זאָל אויפטון אין אַזאַ לעבעדיקן טאָג.

טראַכטנדיק אַזוי, דרייט ער זיך דערמיט עטלעכע מאָל אַרום איבערן גאָרטן און די ווייסקייט, וואָס ליגט פון אַלע זייטן פּלאָנטערט אים איין אַלץ מער. פון דעם קליינעם גאָרטן גייט ער אַוועק אין בערגאַדינער גאָרטן. די שלענגלדיקע ווילייקע איז פאַרפרוירן, נאָר אין עטלעכע ערטער איז דער אייז אויפגעעפנט און עס זעט זיך וואַסער, עס זעט זיך ווי אונטער דער קאָרע פון אייז שטראָמט און לעבט דאָס וואַסער-לעבן.

אַנטקעגן, אויף יענער זייט פון טייכל שטייט אַ באַרג, אויפן באַרג צוגעטשעפּעט הייזער, פון אונטן דאַכט זיך, אַז די הייזער לאָמען...

אַרויפקריכן אין דער הייך אויפן באַרג, אויף דעם דאַך פון דעם העכסטן הויז און העכער, נאָך העכער... דער הימל איז בלוי, נאָר עס פעלט, ווייזט אויס, מוט דערצו, ער זאָל זיך לאָזן קריכן צום הימל.

ער בלייבט אונטן.

אויף אַ בוים, אין דער לענג פון אַ געשלענגלטן צווייג, האָט זיך אויסגעלייגט אַ פּאַס ווייסקייט... שניי, וואָס איז ריי-נער פאַר זיך אַליין...

קיינער זעט נישט?...

ער הייבט זיך אויף אויף די שפּיץ פינגער און גיט אַ לעק

מיט דער צונג דעם שניי, עס האָט זיך אים געוואָלט גוואַלד צורירן צו דער אומשולדיקער ווייסקייט, באַהעפטן זיך...

קיין איין מענטש איז נישטאָ אין גאָרטן, קיין איינער נישט. און דאָרט, ווו דער מענטש איז נישטאָ, באַקומט די נאַטור אַן אַנ-דער פנים, איר אייגענעם פנים, איבערן טייכל הייבט זיך אויף ווי אַ יואַנט דער באַרג און ער שטייט אַזוי זיכער, אַזוי שטאָלץ דער באַרג, ער שטייט פעסטער און איינגעפונדעוועטער ווי די צערקוועס און קאַשציאָלן, זיכערער ווי אַלע גרויסע געביידעס פון דער שטאָט, דאָ אַ פלעק שניי, דאָרט איז אַ ביסל שימל-גראָז פאַרבליבן פון פאַרגאַנגענעם זומער, אין עטלעכע ערטער זען זיך פרישע בערגלעך זאַמד — דעם קראָטס שפורן... דער באַרג לעבט מיט זיין לעבן און עס גייט אים גאָרנישט אָן, וואָס אַנדע-רע מיינען, אַז ער איז טויט.

עליק שפרייזט לאַנגזאַם באַם ברעג. קוים-קוים, וואָס צו אים דערטראָגט זיך דער רויש פון שטאָט. מענטשן מיט זייער טומל, דאָס איז עפּעס איין זאַך און די דאָזיקע שטילקייט, צו וועל-כער ער איז אומבאַוווסטערהייט געקומען, דאָס איז אַ צווייטע זאַך.

מיין מאַיאָנטעק, מיין פאַרמעגן...

ווער קען עס צונעמען באַ אים?... דאַמאָלס, ווען זיין גאַנצע רייכקייט באַשטייט אין זען און פילן.

שפעטער איז ער שוין אויפן שלאָס-באַרג און פון דאָרט וואַרפט ער אַ בליק אויף דער גאַנצער שטאָט, אויף איר מיטן און אויף אירע עקן, דער בליק זיינער לויפט נאָך ווייטער פאַר די דעכער. ביז צו יענע אונטערשטאָטישע בערג, אויף וועלכע דער מענטש האָט נאָך נישט אויסגעבויט קיין הייזער פאַר זיך און אַ טראַכטן האָט ער, אַז פאַר זיך וואָלט ער וועלן אויסבויען אַ הויז גאָר אויף אַזאַ ווייסן באַרג, ווו קיין אַנדערע מענטשן זאָלן נישט זיין.

ווען ער שטייט אַזוי און קוקט איבער אַלץ, פילט ער זיך רייכער פאַר אַלעמען.

וואָס ווייסן מענטשן איינער פון צווייטן? וואָס חילן זיי וויסן? וואָס ווייסט זיין חבר רובין, וועלכער שרייבט לידער פון שטילע סאַזשלקעס? ער דער רובין האָט דאַכט זיך, נאָך קיין איין סאַזשלקע נישט געזען און אויב ער האָט יאָ געזען, איז דאָס נאָר צוליב דעם ער זאָל וועגן דעם אַ ליד אָנשרייבן.

אַנומלט זענען זיי אַלע, אַ גרופּע פּאָעטן געווען צוגאַסט אין אַ רייכער שטוב. דאָרטן זענען געווען בילדער און שמואל רובין האָט זיך אויסגעדרוקט אויף איין בילד, אַז די רויזן רייצן אים ווי לעבעדיקע. קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן, קיינער האָט נישט אויפגעוויזן רובינס טעות: אויף דער לייוונט זענען געמאָלט געווען אַסטרעס, געווייקלעכע הערבסט-אַסטרעס.

ער, זעליק לערנט וועגן דעם, פּאַרשט, בײַ יעדער געלעגנהייט פרעגט ער, ער וויל דאָס וויסן, ווייל ער האָט ליב בלומען צוליב זיך, נישט פאַר די לידער.

און דער רובין שרייבט וועגן בלומען, באַזינגט בלומען.

דאָס איז דאָך אַ גרויסער שקר.

מען דאַרף ציטערן איבער דער נאַטור, איינלעבן זיך אין איר אַוועקגעבן איר עפּעס, כדי צוריק צו באַקומען פון איר אַ ביסעלע נשמה.

צעבודליקער בעכט איז ער ארומגעגאַנגען אַליין, געקוקט אויף די שלאָפעדיקע הייזער און אויף די שוואַרצע סילועטן פון די ביימער.

ביז די נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן סודען מיט אים.

שותפים געוואָרן, געגומען אין אָרענדע די שטילקייט.

מען באַדאַרף לערנען, פאַרשן דעם וואַלד, זומער בשעת דער פעך רינט פון די סאָסנעס און אַ יונג פליגעלע קלעבט זיך איין

אין דעם, אין האַרבסט, ווען אויף דעם נאָסן מעך קריכן האַלב־גע־שטאָרבענע ווערעמליך, מאַראַשקעס. ווינטער, ווען די ווערעיערקע קוויטשעט זיך. צו ווען? ווען? רופט זי? און אפשר פרייט זי זיך אויך מיט דעם ביסל ווייסקייט, וואָס ליגט אויף די פליגל פון יעדער סאָסנע, אויף די צווייגן.

גיב אַ געשריי אין וואַלד און דאָס געשריי ווערט פאַרפרוירן, פאַרגליווערט. אפילו דער עכאָ ווערט פאַרפרוירן, שפּעטער ווען דער פראָסט לאָזט אָפּ, וואָס ווערט דאַמאָלס מיט די ווערטער, וואָס הילכן אין ווינטער וואַלד? מיט אַלע פאַרפרוירענע עכאָס?

פאַר דעם לעצטן ווינטער האָט זיך שוין זעליק עטלעכע מאָל אַרויסגעכאַפּט אין דער אומגעגנט, ער איז געווען אין לאַנדוואַראָוואָ געווען אין ווערקי, געקראָכן אויף בערגלעך און געבלאָנדזשעט אין וועלדער. אייגער אַליין און קיינער האָט פון דעם נישט געוווּסט.

צוערשט האָט ער דאָס געטון צוליב דעם, ווייל ער האָט געזוכט מאַטעריאַל פאַר זיינע לידער, בילדער געזוכט און פאַר־גלייכונגען, נאָר שפּעטער האָט ער באַמערקט, אַז ער האָט עס ליב, אַז ער פילט דעם וואַלד מיט זיין גאַנץ וועזן, די נאָז־לעכער זיי־נע צעשפּרייטן זיך בײַ אים, ווען ער אָטעמט איין דעם פאַרפרוי־רענעם וואַלד, ער האָט באַמערקט, אַז יעדעס פּיצל וואַלד־נאַטור רייצט אים און ציט אים.

אַ מאָל, אַז ער רעדט מיט וועמען וועגן דער נאַטור, האָט ער מורא אויסצוזאָגן דעם גאַנצן אמת, ווי ער האָט ליב די נאַטור, ער באַהאַלט זיינע געדאַנקען, ס׳קען זיין ער שעמט זיך, ס׳קען זיין, אַז ער האָט שוין צו קיינעם קיין צוטרוי נישט, ווייל אין זיי־נע קרייזן לאַכט איינער פון צווייטן, איינער דעם צווייטן וויל מאַכן קאָמיש, נאַריש.

און ער וויל נישט, מען זאָל פון אים לאַכן, בײַ יעדער קלענס־

טער באַמערקונג פרעסט ער צונויף די פויסטן און איז שוין גרייט צו באַצאָלן. ער זיצט איצט אויף דער פאַרשנייטער באַנק פון שלאָס-באַרג און שמייכלט צו זיך אַליין.

עטלעכע מאָל האָבן זיך שוין אַנדערע פון די חברים זיינע פאַר אים דערשראָקן און זיי זענען אָפּגעטרעטן...

נו, גוט! זאָלן זיי נישט קריכן אין די אויגן, ער באַמערקט שפּעטער, אַז ער האַלט זיך נאָר פאַר אַ גרויסן יחוס. מיט וואָס, זעליק! טאַקע מיט וואָס, זעליק? אפשר מיט דעם וואָס דו פוילסט זיך צו אַרבעטן און זיצסט איצט אויפן שלאָס-באַרג ווינטער אין אַ פראָסט? אין דערפרי ווען עס איז די בעסטע צייט צו אַרבעטן?

ער ווייסט אַליין נישט, וואָס זיך צו ענטפערן און פאַרטרייבט די אומגעבעטענע שאלות.

אָט פליט פאַרביי אַ קראָ, דער שאָטן פון אירע פליגל פאַלט אויפן שניי...

גיט ער אַ טראַכט, אַז מען זעט אַ קראָ, באַדאַרף מען טראַכטן פון אַן אָדלער.

בלויז פון ביכער קען ער דעם קעניג פון די פייגל, פון צייכנונגען און צי מעג ער טראַכטן פון אַן אָדלער, דאַמאָלס ווען ער האָט אים נישט געזען?

דער ווייסער שניי קען אויך מאַכן שיכור און צעטומלען די געדאַנקען, עס נעמט אים שווינדלען אין די אויגן און ער שפּרייזט אַראָפּ פון באַרג.

ווען ער גייט אַראָפּ אונטן צו די הייזער, דערמאַנט ער זיך ערשט, אַז קיין פרישטיק האָט ער נאָך היינט נישט געגעסן.

ווו נעמט מען טאַקע עטלעכע קאָפּעקעס?

איצט ערשט באַ דעם געדאַנק פון „קאָפּעקעס" ווערט ער אַזוי, ווי אַראָפּגעשליידערט פון מאַרמור-ווייסע שווינדל טרעפּ. צמעק טרייב אים:

— אַראָפּ, אַראָפּ!

ער האָט שוין מורא צו קוקן אין דער הייך, דאָרט וווּ די רויִקייט איז מיט אים געווען באַנאַנד.

אַ נייע מאַכט פאַרפאָלגט אים.

אַ נייעם געזעץ מוז ער זיך אונטערוואַרפן.

הונגערן...

דאָס איז אים שוין געווען באַקאַנט פון זיינע קינדער־יאָרן: אין דערהיים פלעגט מען אַ סך מאָל באַ זיי זיך לייגן שלאָפן נישט געגעסן.

און מאַמע פלעגט אָנקוקן מיט אומעטיקע אויגן די קינדער. זי האָט אַליין דעם הונגער נישט געפילט, זי וואָלט גרייט געווען דריי טעג נישט צו עסן, אַבי די קינדער זאָלן זיין זאַט.

זעליקן האָט זיך נישט איינמאָל דערמאָנט אַזאַ בילדל: די קינדער, ער, זיינע ברידער און שוועסטער האָבן זיך שוין לאַנג געלייגט שלאָפן, איין שוועסטערל האָט לאַנג געוויינט און געיאָמערט: „כ׳וויל עסן". אַ נאַריש פיצל קינד האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז וויינען וועט גאָרנישט העלפן, סוף כּל סוף האָט דער גוטער שלאָף רחמנות געהאַט אויף איר: זי איז איינגעשלאָפן און אַלע זענען זיי איינגעשלאָפן.

שוין גאָר שפּעט אין אָוונט איז דער טאַטע געקומען געבראַכט אַ ביסל געלט. די מאַמע איז אַרויס אין גאַס, אויפגעוועקט אַ קרעמערקע און געבראַכט צוקער, פּוטער, מען האָט געמאַכט טיי, און זיי אַלע די קינדער האָט מען אויפגעוועקט און צום בעלעגער צוגעטראָגן עסן.

מיט פאַרשלאָפענע אייגלעך, זיי האָבן געשלונגען די שטיקלעך ברויט און געטרונקען מיט זיסע טיי. אָי, איז דאַמאָלס געווען גוט, אַלע זיינע קינדערישע צרות האָט ער דאַמאָלס פאַרגעסן יעליק...

עס קען זיין, אַז דאָס איז געווען דער איינציקער מאָמענט אין זיין קינדהייט, ווען זיין נשמה האָט זיך אָנגעוואָרעמט פון אַזאַ טייערע פרייד: אים האָט די מאַמע אויפגעוועקט און געגעבן עסן אינמיטן שלאָף, און שטוב האָט שפּעט באַנאַכט געברענט אַ לאָמפּ, אַזוי ליכטיק איז דאַמאָלס געווען די שיין, אַזוי האַרציק האָט יע־דעס וואָרט אַרום געקלונגען.

דערנאָך, ווען ער האָט אויפגעגעסן זיין ברויט מיט פּוטער און אויסגעטרונקען די זיסע טיי, האָט ער זיך דאַמאָלס, ווי אַ פּרינצל אויסגעצויגן אויף זיין געלעגער.

דער שלאָף איז ווידער געקומען, דער שלאָף איז געקומען, ווי אַ גוטער מלאך האָט אים אויפגעהויבן מיט ווייכע הענט און אַוועקגעטראָגן ווייט־ווייט אין אַ וועלט פון חלומות און גוטע האָפ־נונגען.

אַ סך מאָל האָט זעליק דערנאָך דערמאָנט יענעם שפּעטן אָוונט און אויך איצט, ווען ער איז אַראָפּ פון שלאָס־באַרג און ער האָט דערפילט, אַז ער איז הונגעריק... פּלוצלינג איז דאָס בילד פון דער פאַרגאַנגענהייט געקומען פאַר זיינע אויגן.

אַ טראַכט געטון און שפּעטער אַ ביסל פאַרגעסן, ווייל ער האָט ערנסט גענומען קלערן וועגן דעם, ווי אַזוי ער וועט היינט זאַט ווערן, נאָך דעם רויקן שפּאַציר, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט ער איצט דערפילט אַ שוואַכקייט. אַ מאָדנע זאַך, ער האָט זיך פאַר־שעמט פאַר זיך אַליין: עסן ווילט זיך, ווי אַ קינד, ווי אַ יתום האָט ער אויסגעזען באַ זיך אין די אויגן און ווען ער וואָלט איצט געזען די בעסטע פריינט, וואָלט ער זיי נישט פאַרטרויט דעם הונ־גער זיינעם. ער... ער האָט דאָ געטראַכט פּלענער, געבויט שלע־סער אין די אַלעען פון ווייסן שניי. די שטייפע לופט האָט אים פריער אַזוי געמונטערט, ביז דער מאָגן האָט גענומען פאָדערן זיינס. ער האָט נאָך אַלץ געשפּרייזט לאַנגזאַם — אַלץ איינס, ווו

דאַרף ער זיך איילן? אָבער יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אַרויפשטעלן זיין טריט אויף אַ געדיכטן פּאַס שניי, פלעגט אים זיך אויסדאַכטן, אַז ער נעמט זינקען... דאָס איז געווען פון שוואַכקייט פון איצטיקן שאַרפן הונגער, עסן, עסן... די ליפּן האָבן זיך גענומען בעטן. איצט איז דער הונגער געוואַקסן מיט יעדער רגע, מיט יעדן טריט.

אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז עמעצער יאָגט אים נאָך, וועט אים באַלד אומוואַרפן אויף דער ערד און טרעטן, טרעטן מיט די פיס, ער וועט נישט האָבן קיין כּוח צו ענטפערן, ער וועט פון שוואַכקייט אַלצדינג לאָזן טון מיט זיך.

ער האָט זיך דערפילט אינגאַנצן שוואַך. ווען עס וואָלט דאָ געווען אַ באַנק אינמיטן גאַס, וואָלט ער זיך אַוועקגעזעצט, אָנגעשפּאַרט די פּלייצע אָן דעם ווענטל פון באַנק און געזעסן, געזעסן. ער וואָלט אויפגעהויבן די פיס זיינע — וועלכע זענען איצט אַזוי לייכט-שווער געוואָרן — נאָר קיין באַנק איז נישטאָ און גיין מוז מען.

ער האָט זיך דערפילט שוואַכער ווי עס איז געווען אויף אַן אמת, ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט אים דער לאַנגער שפּאַציר אַזוי צערייצט דעם אַפּעטיט.

צו וועמען גיין? ער האָט איבערגעריכנט אין קאָפּ אַלע באַקאַנטע און אויף יעדן געפונען אַן אויסרייד. ער האָט געוואָלט באָרגן עטלעכע גילדן און אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז יעדער איינער וועט אים אָפּזאָגן. אפשר זאָל ער גיין צו וועמען דערציילן, אויסשרייען:

איך בין הונגעריק. איך חלש פון הונגער... בײַ אַזאַ געדאַנק שטעלט ער זיך אָפּ, שפּרייזט נישט ווייטער, ער שפּירט, אַז דאָס גאַנצע בלוט זיינס גייט אים אין קאָפּ אַריין.

צו האַלפּערן גיין...

צום לערער, וואָס האָט געהאַט אַ העברעיִשע שולע אויף יער זאַוואָלנע גאַס. אַלע שרייבערס קומען צו אים. ווער ווייסט, צי זיי באַרגן אַלע נישט באַ אים קיין קליינגעלט... פון צייט צו צייט.

זיי באָרגן אַוודאי באַ אים געלט און מיט וואָס איז ער זע־ליק ערגער פאַר אַנדערע?

ער האָט געזוכט מוטיקייט אין זיך, ווי צו אַ גוואַלטיקן טריט.

אומבאַוווּסטערהייט אַז ער איצט געגאַנגען צו אים, ער האָט געשפּרייזט דורך די שמאָלע געסלעך, וווּ מען האָט געהאַנדלט מיט אַלצדינג... יאַטקעס און קאַרטאָפל־געוועלבלעך, ייִדענעס אַל־טע מיט שייטלען און אָן שייטלען זענען געזעסן באַ זייערע פּיי־ער־טעפּ און געוואַרט, מען זאָל באַ זיי עפּעס קויפן.

קוואַס־עפּל, באָב, קיכלעך מיט האָניק און אָן האָ־ניק.

דער שניי דאָ אין די שמאָלע געסלעך איז געווען צעטרעטן אויף בלאָטע, ווו נישט ווו האָט ער זיך איינגעהאַלטן און געלויכטן מיט זיין צולהכעיס ווייסקייט. אָבער איצט האָט ער זעליקן שוין נישט געפרייט, אַ שווערע טעמפּקייט, אַ בלייערנער אומוילן האָט פאַרויס געשמידט זיינע פיס. ער האָט לאַנגזאַם געטרעטן און גע־לאָזן זיך קריכן אויף די שמאָלע ווילנער טראָטואַרן. ער איז איצט קליין געווען באַ זיך. ווען אַ ייִדענע מאַכט זיך נישט זעענדיק... דערנאָך וואָלט ער לאַנגזאַם געשפּרייזט און לאַנגזאַם געגעסן איין באָב נאָכן צווייטן, ערגעץ ווו האָט זיך געעפענט אַ טיר פון אַ גאָרקיך און דער ריח פון ייִדישע שפּייזן האָט זיך אַרויסגעכאַפּט צוזאַמען מיט דער געדיכטער פּאַרע... דער קאָפּ האָט זיך באַ אים געגומען דרייען. אָט גייט אַ געהויקערטע ייִדענע מיט פּאַר־

בלוטיקטע און פארפעדערטע שמאטעס־קליידער, זי טראָגט אַן אָפּגעפליקטע גאַנדז און זעליקן דאַכט זיך אויס, אַז ער וואָלט די גאַנדז אַזוי ווי זי איז רוי געגעסן... יאָ, ווי אַ חיה, ווי אַ חיה...

ער האָט געפּרוווט אַ קוק געבן ארום, אים האָט שטענדיק געבנייגערט דער געשלענגל פון די שמאָלע געסלעך אויף די אַלטע הייזער, אין ווינקלען דער יידישער דלות און האַלבער דלות האָט זיך איינגעקלעבט אויף הונדערטער יאָרן. ביין, איצט האָט אים גאָרנישט אינטערעסירט. איין געדאַנק האָט אים בולט באַהערשט: וואָס גיכער קומען אויף דער זאַוואַלנע, צו דעם האַלפּערן.

דערשלעפּט זיך, אַנגעקלונגען, די קינדער פון דער שולע זענען שוין אַהיימגעגאַנגען און בײַ די האַלפּערנס איז איצט אַזוי שטיל.

אין איין צימער איז געזעסן דער לערער, אין צווייטן דאָס ווייב זיינס. האַ! זיי האָבן זיך שוין אוודאי ווידער צעקריגט. אַלע האָבן געוווסט. אַז דאָס פּאָר־פאָלק קריגט זיך שטענדיק און שטענדיק ענדיקט זיך דאָס מיט אַ פּאָר טעג שווייגעניש. זעליק האָט זיך געוואָלט גלייך אָפּטראָגן, נאָר ער האָט פּשוט קיין כּוח נישט געהאַט צו ביין.

האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אַ פּלושענער אַטאָמאַנע און אָפּגעצויגן דעם אָטעם. זיי זענען טאַקע צעקריגט דאָס פּאָר־פאָלק, אָבער דאָרט אין קיך קאָכט זיך אַ מיטאָג, דער ריח דערגייט אין אַלע צימערן...

עסן וועלן זיי.

ער האָט געשוויגן זעליק. האַלפּערן איז דורכגעגאַנגען דאָס צימער, ווו ער איז געזעסן, זיך נישט אָנגערופן צו אים, דאָס

זעלבע איז געווען, ווען האַלפערנס ווייבל איז אין דעם צימער אַריינגעקומען.

זעליק האָט אויפגעציטערט; אפשר טראַכטן זיי, אַז ער איז געקומען באַרגן געלט בײַ זיי און דאָס ביייזערט זיי.

ער איז אַרויסגעגאַנגען, קיינער האָט נישט באַמערקט זיין אָוועקגיין. אויף דער גאַס איז ער געבליבן שטיין: וואָס וועט איצט זיין? זיין שוואַכקייט פון הונגער האָט זיך נאָך געלאָזט מער פילן... עפעס האָט אים אַ שטויס געטון, ער איז צוריק אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפ.

אָנגעקלונגען, האַלפערן האָט אים געעפנט און אַ קורצע רגע זענען זיי אַזוי געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן... געשוויגן...

— באָרגט מיר פופציק קאָפּעקעס, — האָט זעליק נישט מיט זיין מויל אַרויסגערעדט.

אַ כפרה אַלע העלדן, אַלע הערקולעסן פון דער וועלט... ער זעליק האָט אָפּגעטון די גרעסטע העלדישקייט.

דערנאָך איז אַלץ אַוועקגעגאַנגען אַזוי געוויינטלעך: האַל־פערן האָט אַריינגערוקט אין טאַש די הענט, האָט אַרויסגענומען אַ זילבערנע מטבע און עס דערלאַנגט זעליקן, ער האָט אפילו אַ שמייכל געטון און געפרעגט:

— אפשר דאַרפט איר מער? קאַמעניצקי.

— ניין, האָט זעליק צעטומלט געענטפערט, מער דאַרף איך נישט און דאָס וועט איר צוריקבאַקומען אין עטלעכע טעג אַרום.

— גוט, גוט... — האָט האַלפערין געזאָגט.

איצט האָט ער אָפּגעמאָסטן אין די געדאַנקען די שטרעקע,

זאָס ער באַדאַרף מאַכן ביז דייטשע גאַס, ביז פּרנסן... דאָרט — דער רעסטאָראַן.

ער איז נישט געגאַנגען אויף די שמאָלע טראָטוּאַרן, אין מיטן דער גאַס איז ער געלאָפן, צוזאַמען מיט די דראָזשקעס, מיט די פורן. געזונקען מיט די פיס אין דעם צעריבענעם געפּרוירעכץ...

כוח איז צוגעקומען, נאָר געפילט האָט ער, אַז דאָס וועט סטייען נאָר ביז דעם רעסטאָרן, ווען ער זאָל באַדאַרפן גיין נאָך דריי טריט, וועט ער פאַלן.

טעמפּ איז געווען זיין קאָפּ און די עטלעכע געדאַנקען, וואָס האָבן יאָ געלעבט, האָבן זיך געוויקלט אַרום אַ שטיק ברויט, געהאַקט פלייש, בעבלעך, די הונגעריקע ציין האָבן שוין געפילט דעם טעם פון פּרעס.

שפּעטער ווען ער איז געזעסן בײַ פּרנסן אין רעסטאָראַן, האָט ער יעדע רגע געטראַכט פון האַלפּערנס ווערטער.

און פאַרוואָס האָט ער געשמייכלט דער האַלפּערן?

און פאַרוואָס האָט ער געזאָגט „גוט, גוט!" עס האָט לאַנג געדויערט, ביז ער האָט זיך באַרויקט.

און אפשר איז גערעכט עטאַ פּין, ווען זי רעדט פון דער שלעכטער וועלט-אָרדנונג, וואָס אַנדערע ווערן קראַנק פון צופיל פרעסן און די צווייטע קרענקען פון הונגער?

דערמאַנט זיך אָן עטאַן און אַ שמייכל געטון: ווען זי וואָלט עס וויסן, וויפיל ער האָט זיך אָנגעליטן איידער ער האָט באַקומען די פופציק קאָפּעקעס... זי וואָלט זיך געבייזערט, פאַרוואָס ער איז נישט געקומען צו איר.

„קליינבירגעריש" וואָלט זי דאָס אָנגערופן און אפשר איז

די בערעכט? „איך בין אַ שרעקעדיקער יאַט" האָט ער גע־
טראַכט.

און געגעסן...

אַרום אין רעסטאָראַן זענען געזעסן נאָך מענטשן און יעדער פון זיי האָט געקנייטשט מיט די ליפּן און געשלונגען איין שפּייז נאָך דער צווייטער.

אין רעסטאָראַן איז געווען וואַרעם, זייער וואַרעם און ריחות פון אַלערליי שפּייזן האָבן געשטיקט די לופט. שווער איז באַ אים דער קאָפּ געוואָרן, אינעווייניק האָט ער געפילט אַ גרויסע פוסטקייט און די פוסטקייט האָט כסדר געפאָדערט, געמיינט האָט ער, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט זאַט ווערן. די קליינע שטיקלעך פלייש האָט ער צוגעביסן מיט גרויסע שטיקער ברויט.

געקוקט אויף די אַנדערע, וואָס עסן אַלצדינג אויף. אַזוי פיל מענטשן, אַזוי פיל פרעסערס.

צו וואָס זענען איבערהויפּט אַזוי פיל מענטשן דאָ אויף דער וועלט?

ווען ער איז זאַט געוואָרן, האָבן די באַקן באַ אים געברענט. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געפונען אויף דער גאַס. אין לייכטן פראָסט, אַ גאַנצע טאָג האָט ער געהונגערט און נעכטן האָט ער אויך נישט דערגעסן.

איצט, ווען ער איז שוין געווען זאַט, האָט ער זיך דערפילט שווער און מיד. ער איז אַרויס פון רעסטאָראַן און איז ווידער אַוועק אויף די גאַסן, מיט מידע לאַנגזאַמע טריט. דער קערפּער איז געווען באַפרידיקט, אין די אָדערן האָט דאָס בלוט געשפּילט מיט הנאה, נאָר אויף דער נשמה איז באַ אים געלעגן אַ בייזער כעס.

ער איז אין כעס געווען אויפן הונגער, וואָס האָט אים פריער אַזוי נעבעכדיק און קליין געמאַכט, אַזוי אומבאַהאָלפן, ווי ער איז געווען, בשעת ער איז אַרויף צו האַלפערן באָרגן געלט. יענער איז צוקריגט מיט דעם ווייב און ער קריכט אַריין מיט זיינע פופציק קאָפּעקעס.

ער האָט נאָכאַמאָל האַלפערנס פנים דערמאַנט, ווי יענער האָט געקוקט אויף אים:

— אפשר באַדאַרפט איר מער? — האָט ער בײַ אים געפרעגט, פאַרוואָס איז ער אַזוי גוט געוואָרן צו אים, צו זעליקן? ער טראַכט איצט שטאַרק פון דעם און ער קומט צום באַשלוס, אַז האַלפערן האָט אַלץ געלייענט אויף זיין פנים און ער ווערט רויט פון חרפה. דערנאָך קומט די עקשנות און ער נעמט זיך אַליין שטראָפן: מיט וואָס איז ער אַזוי צעטראָגן? הונגערן איז דאָך נישט קיין חרפה. ער איז בייז אויפן הונגער, ער איז בייז אויף זיך אַליין, וואָס דער מענטש איז אַזוי שוואַך און אָפּהענגיק פון אַזאַ קלייניקייט, ווי דאָס עסן איז.

און ווי וואָלט געווען, אַז דער מענטש זאָל נישט דאַרפן עסן? אָדער ווי וואָלט געווען, ווען ער איז שוין פאַרזיכערט אויפן גאַנצן לעבן מיט עסן?

איז דאָס שוין דאָס גליק? איז דאָס שוין אַלץ?

דער עיקר איז דאָך עפּעס אַנדערש: אינערלעכע צופרידנהייט אָדער אומצופרידנהייט רייסן זיך ערגעץ ווייט, באַזינגען ווערען...

אָבער עסן מוז מען. מען דאַרף שמירן די רעדער, אַנדערש גייען זיי נישט.

ביסלעכווייז האָט ער זיך באַרויקט. איצט האָט אים שוין נישט פאַרדראָסן וואָס די מענטשן אויף די שמאָלע טראָטואַרן האָבן

אים געשטויסן. די שמאָלע הילצערנע ווילנער טראָטואַרן, ער האָט זיי שוין לאַנג ליב געהאַט. עפּעס ליגט אין זיי אַ מאָדנע באַשיידנ־קייט, מענטשן האַלטן נישט שטאַרק פון זיך, מענטשן דאַרפן נאָר האָבן אַ שמאָל שטעגעלע מען זאָל קענען אויף אים שפּרייזן צו ערליידיקן אַלע וואָכעדיקע ענינים און אַלע זענען געדולדיק: מען וואַרט דער צווייטער זאָל פריער אַדורכגיין, דערביי רייבט מען מיט די אַקסלען די הונדערט־יעריקע ווענט פון די בנינים. ווילנע אַ שטאָט פון הויקערדיקע גאַסן, באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, עס דאַכט זיך, אַז צוליב די קרומע גאַסן זענען די מענטשן אויך אויס־געקרומט, אַלט און שווייגנדיק און דער שניי לייגט זיך דאָ אין אַזעלכע געבויגעטע קרומע פלאַכטעס, די זון, וואָס פאַרגייט, וואַרפט אויסגעבויגענע פלאַמען אויף די קרומע רוקנס פון די עטלעכע בערג, וועלכע קוקן איבער די הייזער.

אַ סטיל פון קרומקייט.

בלויז די קריסטלעכע צערקוועס און קאָשציאָלן גלייכן זיך אויס און קוקן באַצירטע אַראָפּ אויף אַלץ און אַלעמען, אָבער אויך דאָ כאַפּט זיך אַריין אַ קרומער הייפל פון אַ צערקווע, אַ קרומער טויער און די פאַמוגעס הענגען איבער די קעפּ פון די מענטשן ווי ברייטע שווערע צונגען

און פאַרבן האָבן די צערקוועס און קאָשציאָלן. אויסערלעך און אינערלעך. צו וואָס פוצן זיי זיך אויס? ווען דאָס העכסטע און טיפסטע ווערט אויסגעדריקט באַם גלויביקן מענטש אין איין וואָרט: „גאָט”!

און צו וואָס מאַכט מען אַזעלכע קליינע תפילה־הייזער, בשעת מען קען בעטן גאָט אונטערן פרייען הימל? מענטשן באַגרענעצן זיך אַליין און באַגרענעצן גאָט.

אויף אַלץ פאַלט איצט אַ פרישער שניי און ווען זעליק קוקט ווי דער שניי קלעבט זיך צו די אַלטע ווענט, פילט ער, אַז דער

שנײ איז אויך אַלט, אַז דער שנײ קען זיך שוין פון פריִער, פון לאַנג־לאַנג מיט די בנינים, עפּעס רעדן זײ זיך דורך מיט גאָר אַן אַלטע־פּראָסטע שפּראַך, שטילערהײט דערצײלן זײ זיך פון מלחמות פון בוױונג און צעשטערונג, פון מענטשנס לאַנגזאַמען געדולד, פון אויסגעשטאָרבענע דורות, װעלכע האָבן אויך געקוקט אַמאָל אויף דער װײסקײט. הונדערטער, טויזנטער, מיליאָנען אויגן זענען אויס־געגאַנגען. די װײסע שנײ־װײסקײט האָט זײ פאַרקלעבט, פאַרשמירט און נישטאָ.

ער האָט זיך פאַרטיפט אין זײנע געדאַנקען און נישט באַ־מערקט װיפיל גאַסן ער איז אַזוי פאַרבײגעגאַנגען.

ער האָט געקויפט פּאַפּיראָסן און לאַנגזאַם מיט געשמאַק גערײכערט. ער איז רויִק, ער האָט נאָך עטלעכע קאָפּעקעס אויף מאָרגן און הײנט ביז נאַכט און דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט װעט ער זײן רויִק, דער הונגער װעט אים איצט אַזוי שװאַך נישט מאַכן. ער זאָל אפילו טראַכטן נישט קענען.

אָבער שפּעטער, װען דער שנײ פון די גאַסן האָט גענומען טונקעלער װערן און לאַמטערנס האָבן אײנציקװײז געעפנט זײע־רע אויגן, האָט זיך זײן שטימונג לאַנגזאַם גענומען בײטן: צו דער רויִקײט איז צוגעקומען נאָך אַ געפיל.

אומעט פון אײנזאַמקײט, אומרו פון דער טיפעניש, פון דער נשמה.

בלײבט שטײן אַזוי אַ מענטש אויף די גאַסן און טראַכט װעמענס איז ער? און װער איז זײנס? דער שנײ װאָס פרײט אים אויף די גאַסן איז דאָך נישט מער, װי קאַלטער שנײ...

װוּ גײן? צו זיך אין צימערל? דאָס קלײנע לעמפּל איז נישט אומשטאַנד צו באַלײכטן זײן גאַנץ צימער און נאָך װײניקער ליכט גיט עס זײן נשמה.

עטאַ איז אויף עטלעכע טעג אוועקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק. צו אירע חברים, דאָרטן האָבן זיי גאָר ענערגיש געאַרבעט, די אַנאַרכיסטן. ער האָט געוווּסט, אַז יעדעס מאָל, ווען זי ווערט פאַר-שוווּנדן איז דאָס פאַרבונדן מיט אַ ריזיקע פאַר איר, געפּרוּווט אָפּרעדן, האָט זי דערלאַנגט אויף אים אַ קוק מיט אַ פּאָר פרעמדע אויגן און ער האָט אַליין נישט געגלייבט, צי דאָס איז די זעלבע עטאַ, וועלכע איז מיט אים אָפּט אַזוי גוט, וועלכע זאָגט אים אַזוי פיל צו...

זי איז אַוועקגעפאָרן, כמעט זיך מיט אים נישט געזעגנט, דעם ערשטן טאָג האָט ער זיך קיין אָרט נישט געפונען, אויף מאָרגן האָט ער שוין רויקער באַטראַכט:

„וואָס איז זי מיר?"

ער איז שפּעטער געזעסן אין סטראַשונס ביבליאָטעק, דאָס בוך, וואָס ער האָט אין האַנט געהאַלטן איז דורך אים נישט גע-לייענט געוואָרן, ער האָט כסדר געטראַכט איין געדאַנק:

„וואָס איז זי מיר?"

צום באַשלוס איז ער געקומען, אַז זי אינטריגירט אים, רייצט אים... אָבער צו פולקאָמער ליבע, וואָס זאָל פאַרכאַפּן זיין גאַנצע נשמה, צו דעם איז נאָך נישט דערגאַנגען... אַנדערש... אַנדערש, וואָלט זי קיין ביאַליסטאָק נישט געפאָרן, ער וואָלט זיך געשטעלט אין טיר פון איר צימער און פון שטוב נישט אַרויס-בעלאָזט...

איצט, ווען ער בלאָנדזשעט אויף די גאַסן, האָט ער ווידער געגומען טראַכטן פון איר, געבענקט נאָך איר' געבענקט; ווייל ער האָט מער קיינעם נישט געהאַט, זי האָט דאָך צו אים אַ באַציונג, מיט קיין אַנדערע פרויען האָט ער זיך נישט געקענט.

ער איז געגאַנגען אַהין און צוריק אויף די גאַסן, פונקט, ווי ער וואָלט אויף אַ נס געוואַרט, עמעצן צו באַגעגענען. יעדן איינ-

אַמען מענטשן, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער מיטגעפילט. באַטראַכט אים אַזוי ווי זיך אַליין און צו יעדער פּאָרל, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען האָט ער געפילט קנאה.

פון טומל, פון די שרייענדיקע מענטשן איז אַ מחיה אַמאָל אָוועקצוגיין צו דער איינזאַמקייט, זיין מיט זיך אַליין, אָפּוועגן, אָפּ־מעסטן טאָג און געשעעניש.

אָבער עס טרעפט אָפט פאַרקערט, פון דער איינזאַמקייט ווילט זיך לויפן צו די מענטשן, אַריינטוליען זיך אין זיי, אָפּגעבן זיי אַ שטיק „איך" און עפּעס נעמען דערפאַר.

אַזאַ רגע איז איצט געווען פאַר זעליקן: עס האָט זיך אים געוואָלט זיין מיט מענטשן, באַגריסט ווערן און באַגריסן וועמען, וויצלען זיך, לאַכן און אָפּרוען די פיס פון אַזוי פיל אַרום־שפּרייזן.

די איינציקע שטוב, ווי ער האָט זיך איצט געקענט אַריינ־וואַרפן מיט זיינע געפילן, די איינציקע שטוב איז געווען בײַ דעם לערער האַלפּערין.

דאָס וואָס ער האָט היינט געבאָרגט בײַ האַלפּערין קליינ־געלט, דאָס האָט אים אַ ביסל אָפּגעהאַלטן, ער האָט זיך געשעמט פאַר אים: האַלפּערין האָט אוודאי פאַרשטאַנען, אַז ער איז גע־ווען הונגעריק.

אַ הונגעריקער מענטש איז אַזוי נעבעכדיק, אויף אַ הונגע־ריקן האָט מען רחמנות און פון דעם איינעם געדאַנק, אַז אויף אים זעליקן האָט מען רחמנות געהאַט, ווערט אים הייס און קאַלט, עס ווערט בײַ אים אַזאַ מאָדנער געפיל, פּונקט, ווי מען וואָלט אים אַ שטריק אויפן האַלדז פאַרצויגן...

פלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, בייז געוואָרן אויף זיך און אינערלעך צו זיך אַליין אַ געשריי געגעבן:

„נישט טראַכטן מער װעגן דעם, ס׳איז נאַריש !"

באַרויִקט זיך און װײַטער געגאַנגען.

ער איז איצט געװען אויף זשמודסקע געסל, נאָך עטלעכע טריט און ער װעט זײַן אויף דער זאַװאַלנע גאַס. יאָ, ער װעט גיין צו האַלפּערין, פּאַרקערט, ער װעט זיך װײַזן מיט אַ שטאָלצן קאָפּ, ער װעט זײַן דרייסט:

און די פּופּציק קאָפּעקעס װעט ער אים אויף דער צװײטער װאָך אָפּגעבן באַשטימט.

דאָך האָט ער פּאַרקלענערט די טריט, נישט געװאָלט זיך אײַנגאַנצן שיידן מיט זײַן אײנזאַמקייט. כל זמן אַ מענטש איז מיט זיך אַליין, איז ער עפּעס מער, װי דאַמאָלס, בשעת ער איז מיט אַלעמען.

ער האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט דאָס געסל, די הײַזער, פּאַר־שאָטענע שאָטנס זענען געפאַלן אויף די דאָזיקע ייִדישע בנינים. מענטשן זענען געקראָכן אויף די שמאָלע טראָטואַרן און גערעדט אויפן קול, גערעדט פּאַר אַלעמען װעגן זייערע קלײנע ענינים. ייִדן און ייִדענעס, מיידלעך און בחורים, נאָר אַלע זענען זיי גע־װען פון איין פאָלק, פון איין שטאַם און אַלע האָב זיי געהאַט איין אויסזען, די יונגע און די אַלטע...

עפּעס אַן אַלטקייט האָט זיי באַגלייט, די אויגן, די טריט, אַ נישט יונגע רויִקייט האָט אַלע זייערע באַװעגונגען אײַנגעשמידט, די קנייטשן פון די בגדים האָבן האַרמאָנירט מיט די קנייטשן פון די בנינים.

אַלטקייט, ייִדישקייט..

אויף אַ באַלויכטענעם אָרט אונטער אַ לאַמטער איז געשטאַ־נען אַ ייִד מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן, צרומגעזוימט דאָס פּנים מיט

אַ שוואַרצער באָרד, די באַקן בלייך-מאַט, דער איבערשטער בגד איז געווען אינגאַנצן צעפליקט.

אַ משוגענער...

די ליפן זיינע האָבן געמורמלט צו זיך אַליין, ווי באַם דאַוונען. די אויגן זיינע האָבן אַריינגעבליצט אין זעליקס נשמה און ועליק האָט געזוכט פאַר זיך אַליין אַ וואָרט, געוואָלט אָפּשאַצן אַזאַ מענטש מיט אַזעלכע גרויסע „שכינה־אויגן".

„משוגע געוואָרן פון צופיל תורה"...

מיט דער פראַזע האָט ער פאַרענדיקט צו קוקן אויף דעם משוגענעם און האָט זיך אָפּגעטראָגן פון דעם פלאַץ.

עפעס האָט זיך געוועבט אין זעליקס זכרון, עפעס אַזוינס, וואָס איז שוין אויך זייער אַלט געווען. אַ דור, צען דורות. אויסער־לעך איז דאָס פאַר אים פרעמד געווען. קיין זאַך האָט אים מיט דער דאָזיקער יידישקייט נישט געבונדן. אפשר באַם זיידן אין די יינגסטע קינדער־יאָרן, אָבער באַם טאַטן אין שטוב איז דאָס נישט געווען. דער טאַטע זיינער האָט נישט געדאַווענט, קיינמאָל נישט אָנגעטון קיין טלית. נאָר איין פסח איז באַ זיי געווען אַ יום־טוב, אָבער דאָס איז אויך געמאַכט געוואָרן נישט יידישלעך און נישט קריסטלעך.

דער טאַטע פלעגט לייענען די רוסישע צייטונגען און די קינדער פלעגן נאָכטון דעם טאַטן.

זיין שטאָט, זיין ביאַליסטאָק האָט נישט געהאַט אַזעלכע גאַסן און נישט געהאַט אַזעלכע שאָטנס פון אַלטמאָדישע היי־זער.

אָט די ווילנער געקרומטע און צעהויקערטע געסלעך, דער גאַנצער יידישער קוואַרטאַל, האָט לאַנגזאַם געוועקט אין אים אַן אייגנאַרטיק געפיל, גערופן אים צו יידן, צו זיך אַליין...

אָרעמקייט, געהויקערטע אָרעמקייט... נאָר ער פילט זיך
רייכער און רייכער, וואָס מער ער קוקט אריין אין דער אָרעמ-
קייט...

ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף די יידישע קינדער,
וואָס זענען פון חדר געגאַנגען... די אייגעלעך זייערע האָבן אים
דערמאַנט דעם מזרח, פון וואַנען זיי זענען געקומען, אָדער ער
פלעגט זיך אוועקשטעלן אָפט אונטער די פענסטער פון אַ בית-
המדרש און זיך צוהערן צו אַ ניגון...

ער האָט עפּעס געזוכט, זיך אַליין געזוכט.

שבת, בשעת די אַלע קרעמלעך פלעגן ווערן צוגעמאַכט
און די גאַסן די אַלטע האָבן אַזוי יום-טובדיק געשוויגן, ער פלעגט
דאַמאָלס פילן, אַז ער בינדט זיך אַלץ מער צו צו זיין
וועלט.

איצט, ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען דעם זיידן זיינעם,
דער פרומער באָבען, זענען דאָס גאָר אַנדערע זיידע און באָבע גע-
ווען. גאָר אַנדערע...

שענערע, בעסערע...

צו אַ סך זאַכן איז ער פריער געווען גלייכגילטיק, איצט
האָט אים אינטערעסירט די יידישע פאַרגאַנגענהייט. ער האָט
געזוכט אין די ביכער, ער האָט געפילט, אַז עפּעס האָט ער פאַר-
געסן, נישט ער אַליין, נאָר שוין זיין טאַטע האָט פאַרגעסן, אי-
בערגעריסן אַ סך פעדעם, וואָס האָבן זיך געצויגן פון זיידן, פון
עלטער-זיידן, פון אַ גרויסער צאָל זיידעס, פרומע יידן מיט לאַנגע
גרויע בערד, שטאָלצע שווייגנדיקע באָבעס, וואָס האָבן שטאָל-
צירט מיט זייער יחוס, וואָס ציט זיך פון דוד המלך...

אַ סך מאָל פלעגט זיך זעליק אַזוי פאַרטיפן אין דער פאַר-
גאַנגענהייט, יעדעס בילד פון יידישן נעכטן פלעגט איפשטיין

אין זיין זכרון מיט דער גרעסטער דייטלעכקייט און עס האָט אים געצויגן צו די בילדער...

אין די שאָטנס פון אַראָפּגעפאַלענעם אָוונט איז ער געגאַנגען.

קליינע פייערלעך האָבן באַלויכטן די קרומע גאַסן און געצווונגען אים צו שפּרייזן לאַנגזאַמער...

VII

אַ געזעמל...

בײַ האַלפּערין פֿלעגט אין די אָוונטן זײַן זייער לעבעדיק אפֿילו דאַמאָלס, ווען דאָס פּאַר־פֿאָלק איז צווישן זיך צעקריגט געווען.

די אַרײַנגייערס פֿלעגן זיך מיט דעם זייער ווייניק רעכע־נען, ווײַל זיי האָבן זיך דאָרט געפֿילט, ווי בײַ זיך אין דערהיים אַנדערע קומען דאָרט שוין אַרײַן עטלעכע יאָר און האַלפּערין אַליין האָט געהאַט דרך ארץ פֿאַר זיי, ווײַל קיין געוויינטלעכער בשר ודם קומט נישט צו אים. דאָס זענען דאָך אַלץ שרײַבער אָנער־קענטע, האַלב־אָנערקענטע, אָנפֿאַנגער, אינטעליגענטן פֿון די פּאַר־טיי־אָרגאַניזאַציעס, שטענדיק טומלען זיי וועגן וועלט, מענטש און ציל פֿון לעבן.

אײַנער דעם צווייטן שרײַט איבער און בײַ האַלפּערין טרינקט מען אויס אַ ים מיט טיי.

ער איז פֿרײַנטלעך צו אַלעמען, אַ טייל חברה דיסקוטירט

אין צאַייטן צימער, די געשרייען דערגייען אין ערשטן חדר. ווי דער בעל הבית אַליין האָט זיך וועגן עפּעס פונאַנדערגערעדט, גע- שעלט וועמען נישט זיינע אויספּירונגען. זידלט מען אים אָפּ, און אייגענעם מענטש.

אָט זיצט דאָרט אַ דאַרער בחור, האַלפּערינס אַ ווייטער קרוב, ער לערנט דאָ אין ווילנע, און עקסטערן. אויסגעמאַטערט דאָס פּנים...

ער לערנט טאָג און נאַכט. און באַגייסטערונג, און איגערלעכן ווילן, נאָר געטריבן פון אַ בייזן מוז, ווי אַ קאַטאָרזשניק... ער מוז אויסהאַלטן דעם עקזאַמען... ער מוז.

קיין טראָפּן לעבן וועט אין דעם מענטש נישט בלייבן, קיין טראָפּן בלוט נישט, נאָר ער וועט איבערקלינגען דעם רוסישן לערער פון מאַטעמאַטיק, ער וועט דעם עקזאַמען אויסהאַלטן, אַ מאַרטירער פון דער רוסישער גראַמאַטיק. מיט אַזאַ עקשנות, מיט אַזאַ טרוקענער עקשנות וועט מען גאָרנישט מאַכן, קיין צוים וועט דעם נפש נישט אָפּהאַלטן, ער וועט אַריין אין אַכטן קלאַס און דערנאָך אין אוניווערסיטעט, און דערנאָך ווערן אַ דאָקטאָר און אַליין וועט עס זיין און אויסגעזייגטע פייג, און אויסגעטרוקנ- טער שאַרבן מיט אַ פּאָר קרענקלעך-בליצנדיקע אויגן.

איצט איז ער פריי, געקומען צום קרוב אויף אַגלעזל טיי, אָפּגעגנבעט באַ זיך אַליין אַ שעה צייט... ווען חברה טומלט וועגן יידיש אין העברעיש, מישט ער זיך אַריין מיט זיינע פּאָר ווערטער.

ער רעדט טרוקן, ווי עס פּאַסט פּאַר זיין טרוקענער מאַסקע:

— וואָס מיר יידיש און וואָס מיר העברעיש? עס איז פאַר- האַן אַזאַ גרויסע רוסישע ליטעראַטור: פּושקין, דאָסטאָיעווסקי,

טורגעניעוו, טאָלסטאָי... ווען וועט איר דערלעבן צו אַזעלכע גאונים?

בערגער דער פּאָעט האַקט אים אָפּ:

— מישט זיך נישט אין אַזעלכע זאַכן, גאַספּאַדין..... אייער גאון איז קירפּיטשניקאָוו... די גראַמאַטיק די רו־סישע.

און צו זעליקן רופט זיך דער זעלבער בערגער אָפּ.

— אָט דאָס נפש וועט פאַר זיין עקזאַמען פּאַרקוי פן טאַ־טע־מאַמע, צום שמד וועט ער גיין צוליב דעם סטודענטישן היטל.

זעליק גייט איבער פון איין גרופּע צו דער צווייטער.

אָט זיצט שמואל רובין אַרומגערינגלט פון עטלעכע יונגע־לייט, ער רעדט, ער לאָזט דעם צווייטן נישט רעדן, ער קרי־טיקירט אַלעמען, זינט מען האָט אין זשורנאַל „מאַנאַטשריפטן“ אָפּגעדריקט זיינע פאַרנאַכט־לידער, איז ער געוואָרן דערנאָך דער גרעסטער מבין אויף קונסט, פון די ידישע דיכטער האַלט ער שוין איצט פון קיינעם נישט און פון די נישט־ידישע האָט ער עטלעכע ליבלינגס, צו וועלכע ער באַציט זיך מיט חסד, ער טוט זיי אַ טובה און זאָגט, אַז זיי זענען יאָ פּאָעטן...

אָט דער שמואל רובין.

דער דאַרער צעריבענער בחור מיט די קרענקלעכע אויגן... פונוואַנען נעמט זיך צו אים אַזאַ זיכערקייט, אַזאַ מין העזה?

מיט אַ חודש צוריק איז דאָס געווען אַ שטילער מענטש, צו יעדן איינעם פלעגט ער צוגיין און מיט באַשיידנקייט איבער־לייענען עטלעכע לידער, ער איז געווען גליקלעך, ווען איינער פלעגט זאָגן „בישקשה“.

איצט, מיט אַמאָל...

אַלע האָבן אים אָנערקענט, ער האָט דערפילט, אַז מען קוקט אויף אים, מען רעדט וועגן אים און ער האָט זיך אַליין גענומען ווייזן, ער האָט זיך איצט אויסגעקליבן אַזעלכע פריינט, וועלכע האָבן געזונגען ליב-געזאַנגען! פון זעליקן האָט ער זיך געגומען דערווייטערן, ווייל זעליג האָט אים נאָר איינמאָל געזאָגט, אַז די לידער זיינע, שמואל רובינס לידער זענען גרויסאַרטיק.

און מער האָט זעליק וועגן דעם נישט גערעדט. פאַר שמואל רובין איז דאָס צו ווייניק געווען...

אים מוז מען כאָטש עטלעכע מאָל אין טאָג זאָגן, אַז אַזא פּאָעט איז נאָך בײַ ייִדן נישט געווען, אַז זיינע „פאַרבאַכטן" זענען שענער ווי בייראָנס, ווי שילערס, ווי געטהעס לידער, אַז ער שמואל רובין איז דער ייִדישער פּושקין.

זעליקן זענען די לידער פון שמואל רובינען שטאַרק געפעלן געוואָרן, ער האָט געזען פאַר זיך אַ דיכטער, וועלכער ווירקט אויף אים, נאָר קומען צו אים מיט ליב-געזאַנגען האָט ער נישט געוואָלט, ווייל אין דעם טאָג, ווען אַלע האָבן איינשטימיק רובינען אָנערקענט, איז דער לעצטער שוין געוואָרן שטאַרק בײַ זיך.

און קומען צום שטאַרקן מיט ליב-געזאַנג — דאָס איז חניפה און פאַר זעליקן איז קיין ערגערע זאַך ווי חניפה אויף דער וועלט נישט געווען.

די צוויי בחורים האָבן צווישן זיך גערעדט, נאָר זייער זעלטן, אַ שוואַרצע קאַץ איז דורכגעפלויגן צווישן זיי — וועגן ליטעראַטור האָבן זיי איינער דעם צווייטן קיין וואָרט נישט דערמאָנט.

איצט טומלט ער שמואל רובין בײַ דעם האַלפּערין, איז מוז מען הערן, ווײַל ער רעדט נישט, נאָר ער שרײַט.

זעליק געפינט זיך עפּעס הײַנט קיין אָרט נישט צווישן דער חברה, בלאָנדזשעט אַרום פון איין צימער אין צווייטן, ביז ער דערטאַפּט אַן אָפּגעזונדערטן פלאַץ.

ער איז מיד פון אַזאַ טאָג, פיל דורכלעבענישן און דורכ־טראַכטענישן, די פיס בעטן זיך אָפּרוען, דער געדאַנק באַהאַלט זיך טיפער, אינעווייניק...

אַ גליק, וואָס דאָס צימער איז גרויס און דאָס ווינקל, וווּ ער זיצט איז נישט באַלויכטן.

אין אַ ברייטן ווייכן פאָטעל איז ער אַרײַנגעפאַלן, אַראָפּ־געזונקען און זיך אָפּגעריסן פון אַלץ און פון אַלעמען.

אין צימער איז וואַרעם, מענטשן טומלען דאָרט — זאָלן זיי טומלען.

נישט פון די מענטשן טראַכט ער איצט. פלוצלינג דערמאָנט ער זיך, אַז אין דער פרײַ איז ער געווען אויפן שלאָס־באַרג און פון דאָרט האָט ער געזען די אונטערשטאָטישע בערג...

ווײַסע רוקנס אויף וועלכע דער הימל איז געלעגן און זיך אָפּגערוט און איצט שוועבט זײַן בליק איבער דער ווײַסער ווײַס־קייט, ער פאַרטרוימט זיך, פאַרטראַכט זיך און נעמט פלעכטן די בילדער, וואָס ער האָט אין ריטמישע רייען... פלוצלינג רײַסט ער אַליין איבער דעם בילדערישן געדאַנקען־גאַנג, פאַר אים איז בענונג די זיסע אויפרעגונג פון באַגײַסטערונג, וואָס האָט אים איצט אַרומגענומען — דאָס ליד אַליין וועט ער אַ צווייט מאָל אָנ־שרײַבן... ער הייבט זיך אויף פון זײַן באַקוועמער שטול און נעמט שפּרייזן איבער צימערן פון האַלפּערינס וווינונג... שמואל רובין שרײַט נאָך אַלץ, דער העכסטער טאָן איז זײַנער און מערק־

ווירדיק... מענטשן הערן אים אויס, מענטשן גלייבן, אָדער זיי מאַכן זיך, אַז זיי גלייבן אים... ווייל דער בחור האָט גרויסע העזה.

רייסט זיך דער טומל אָפּ.

פון צווייטן צימער קומט אַריין בערגער.

מען פאַרגלייכט אים צו ביאַליקן, אַנדערע שטעלן אים הע־כער פאַר ביאַליקן.

דער איז אויך אין זיך געוואַלטיק זיכער, אָבער זיין זיכער־קייט איז מער אויפן אָרט, ערשטנס האָט ער שוין אַ סך אָנגע־שריבן און איז באַוווסט אין אַלע קרייזן.

צווייטנס: דער יונג האָט אַ פּאָר פּלייצעס און אַ פעסטע האַנט...

ער און שמואל רובין, יענער זעט אויס ווי אַ ליליפּוטל, ווי אַ נעבעך זעט ער אויס קעגען בערגערן.

און אַז בערגער איז געקומען, איז רובין שטיל געוואָרן. די צוויי האָבן זיך באמת פיינט, עטלעכע מאָל האָבן זיי זיך שוין גע־קריגט און דער זיגער איז שטענדיק בערגער.

עס איז געגנוג זיי אַוועקצושטעלן איינער לעבן צווייטן און גערעכט וועט בלייבן בערגער, ווייל ער האָט ברייטע פּלייצעס, ווייל ער האָט אַ קול, וואָס דונערט און בשעת רובין רעדט, דאַכט זיך אויס, אַז אַ מייזל קוויטשעט.

— וואָס מאַכט איר? חברה? — פרעגט בערגער. און ווו איז דער שמואל רובין, דער פּאָעט, דער אָנערקענטער? אַלע זענען שוין אַרום בערגערן.

אונטער די אויגן רעדט מען אויס אויף אים אַ שיין ביסל בייזקייט און ווי ער קומט נאָר אַריין, זענען שוין אַלע לעבן אים און ער פירט דאָס רעדל.

אומעטום פירט איינער דאָס רעדל. באַ האַלפּערינען זיצט זיך איצט דער דיכטער בערגער און ווער עס וויל יאָ, און ווער עס וויל ניט... אַלע הערן זיך צו צו זיינע וויצן און פּראָזן...

אַ פּאָר שוואַרצע זיכערע אויגן האָט ער און מיט די אויגן קוקט ער אויס פון ווען עמען עפּעס אַ געזונטן שפּאַס צו מאַכן, ווי אַ קאַץ קוקט אויס אַ מייזל.

מען האָט פאַר אים מורא און אין דער זעלבער איז דאָ צו אים אַ געוויסע אַכטונג. „אַ מענטש, דער טייוול זאָל אים נעמען!"

— וואָס טומלען זיי דאָרטן, ווידער יידיש און העברעיש? ער ווייזט אָן אויפן צווייטן צימער און גיט אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אָן טיש.

שמואל רובין האָט זיך אַרויסגערוקט אין צווייטן צימער, דאָרט וועט אים זיין באַקוועמע און בערגער באַגלייט אים מיט אַ שפּאַטישן שמייכל:

— דער רבונו-של-עולם ווייסט שוין ערנישט, וואָס ער טוט. וועמען האָט ער איינגעטיילט טאַלענט? אַ חרפּה.

— אָבער ער שרייבט גאָרנישט שלעכט, רופט זיך אָן האַלפּע-רינס פרוי, וועלכע האָט זיך אַ ביסל צוגערייצט שטענדיק מיט בערגערן.

— ס'וואָלט נישט געשאַדט, נאָך אַ פּאָר גוטע לידער, נאָר אוז רובין האָט געמעגט לעבן אויף דער לבנה... זאָל ער נישט קריכן אין די אויגן, מיטאַמאָל ווערט ער ערנסטער און רופט זיך אָן:

— איר מעגט מיר אַלע זיכער גלייבן, איך אַליין אַ לידל-שרייבער, איך האָב זיך צייטנווייז פיינט פאַר די לידלעך, אָט די אַלע חברה מיט די לאַנגע האָר... פאַרדעכטיקטע מענטשן... ניין,

באַדעכטיקטע מאַנסבילן וואָלט איך זאָגן, איך וועל אפשר שטאַרבן מיטן לידל, נאָר ליב האָב איך זיי נישט. מיטאַמאָל קוקט ער זיך אַרום:

— עפּעס ווייניק ווייבער הײַנט... און ער נעמט שפּרייזן אַרום איבער די איבעריקע חדרים... אַ צעבאַלעוועטער פּרינצל...

בערגער פילט זיך אין אַלע צימערן. ער שרײַט נישט, ער וואַרפט זיך נישט מיט פּראַזן ווי רובין, אָבער דאָס, וואָס ער רעדט אַרויס בלײַבט אויף אַ צײַט אין זכרון, ער מעג זײַן אומגע־רעכט, ער מעג סאַרקאַסטיש אָפּלאַכן פון דעם שענסטן, נאָר זײַנע ווערטער שנײַדן זיך אײַן און זײַנע שוואַרצע אויגן שיסן דורך דעם צווייטנס נשמה. אים מוזסטו באַמערקן, אפילו ווען מען האָט אים פײַנט, מוז מען האָבן פאַר אים דרך־ארץ.

זעליק האָט אים ליב געהאַט, האָט געקוקט אויף אים און געפּאַרשט, יענער איז געווען נישט עלטער פאַר זעליקן און דאָך אַזאַ זיכערקייט אין זיך... מקנא צו זײַן.

מיט לײַכטע טריט איז ער געגאַנגען, זײַן שלאַנקע פיגור בייגנדיק עפּיש און געפירט האָבן אים די צוויי טיפע שוואַרצע אויגן.

אונטערשיידן צי דאָס זענען געווען גוטע צי שלעכטע אויגן איז אוממעגלעך געווען, ווען ער פלעגט זיך פאַרטראַכטן אויף אַ רגע האָט מען געקענט גלייבן, אַז אונטער די אויגן לײַדט און ברויזט אַן אומרויִקע נשמה.

ווען ער פלעגט דיספּוטירן איז דאָס געווען אַ פרינץ, וועמען מען טאָר מיט קיין וואָרט נישט קעגנשטעלן זיך.

זעליק האָט נישט ליב געהאַט דעם דיכטער רובין, ווען יענער איז געווען אַזוי זיכער אין זיך, נאָר צו בערגערן האָט ער

אינערלעך פאַרטיידיקט: דער מעג זיין שטאָלץ, זיינע אויגן אליין. וואָס זענען ווערט?

און נאָך איינס: זעליק האָט געגלייבט, אַז בערגער ליידט און לעבט איבער, ער מעג זיין אַ שד, אַ הפקר-מענטש, אַ בייזער גייסט, נאָר נשמה האָט ער און ווער עס האָט נשמה יענער האָט שוין גהינום.

אַליין האָט ער געוואָלט, אַז בערגער זאָל זיך פאַר אים אין די אויגן נישט אויסגליטשן... נישט געשטרויכלט ווערן מיט עפּעס.

זיין פילאָזאָפיע האָט ער געהאַט, זעליק: אַ מענטש מוז טראָגן אַ ביסעלע גיהנום אין זיך. אָט אַזוי, אַליין זיך אַוועקלייגן אויף די אָנגעגליטע אייזנס, אריינוואַרפן זיך אין אַ פאַס מיט סמאָ-לע און לאָזן זיך ברענען. לייטערן זיך און מאָרגן ווידער זינ-דיקן.

אין איין ווינקל האָט מען גערעדט וועגן ציוניזם, אין צווייטן וועגן סאָציאַליזם... אין יעדער שטוב האָט מען גערעדט פון די זאַכן.

זעליקן האָט עס נישט שטאַרק אינטערעסירט. ער איז געווען אַזוי, ווי אויסגעטיילט פון די מענטשן. ווי אַזוי איז דאָס געשען? ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען און קיין סך האָט ער וועגן דעם נישט געטראַכט:

„זייער וועלט און זייער טומל" מיט דעם פלעגט ער אָפּ-קומען.

בערגער האָט יאָ פאַרשטאַנען די אַלע דיספּוטן, נאָר קיין מוט אַריינצולאָזן זיך אין זיי האָט ער נישט געהאַט, מיט אַ וויץ, מיט אַ שפּאַס, אָבער אויך צייטנווייז פלעגט ער אָפּקומען מיט אַ גאַנץ טיפזיניקן געדאַנק און באַלד זיך אָפּגעטראָגן פון די טומלערס.

איצט שטייענדיק לעבן די עטלעכע, וואָס האָבן גערעדט וועגן סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אַוועקגייענדיק איבערגעלאָזט עטלעכע ווערטער:

— סאָציאַליזם איז — קאָפּ און נאַציאָנאַליזם איז — האַרץ...

אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז ער האָט נישט געענדיקט. שרייט אים ווער נאָך:

— בערגער! טייטשט אויס, וואָס מיינט איר?

— מער האָב איך קיין צייט נישט...

ער האָט באַמערקט, אַז באַם טיש זיצן שוין עטלעכע פּרויען, האָט ער געשפּרייזט צום טיש, דערביי געקוקט אַרום זיך, ווי ער וואָלט זוכן וועמען אַ דראַפּע צו טון...

געווען זענען דאָרט עטלעכע פרויען: האַלפּעריגס פרוי, אַ באַרימטן שרייבערס אַ טאָכטער, וואָס האָט געוווינט באַ זיי האַלפּעריגס, איר פאָטער האָט געלעבט אין אויסלאַנד

די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגן אויף זיך דעם שרייבערס טאָכטער. געניג האָט זי געהייסן און געהאַט האָט זי שיינע האָר... האָר, וועלכע האָבן געקענט שיין מאַכן דאָס מיאוסטע מיידל און דערצו איז זי טאַקע געווען אַ שיינע אויך.

איצט איז זי אַריין צו זיך אין צימער.

באַ האַלפּערין אין עס-צימער האָט מען זיך געגרייט צו דער טיי. האַלפּערין אַליין האָט שוין עטלעכע מאָל אויסגעשריגן:

— חברה! ווער וויל טיי?

און איינציקווייז איז מען צוגעגאַנגען צום טיש, בערגער איז מיט איינעם געשטאַנען אָן דער זייט. ער האָט געזידלט אַ העברעישן דיכטער:

— זאָל ער נישט דרוקן אַזעלכע נאַרישע זאַכן, ס׳איז פּליצה, ס׳איז גאָרנישט... אַ מענטש באַגראָבט זיך.

— שא! בערגער בייסט שיין וועמען, האָט זיך אָפּגערופן האַלפּעריגס פרוי.

אין דער רגע האָט זיך געעפנט די טיר פון זייטיקן צימער.

אין עס־צימער איז אַריינגעקומען געניע. פון צופיל ליכט האָט זי פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט דערביי געשמייכלט און אויסגערופן:

— אַלע רעדן שטיל, נאָר איין בערגער שרייט.

בערגער האָט עס דערהערט און איז צוגעקומען צום טיש.

— געניע מיט די צעפּ! איר האָט דערמאָנט מיין כשרן נאָמען...

— יאָ, וואָס שרייט איר אַזוי?

— מיין זיידע איז שולדיק, ער האָט אויך געהאַט אַזאַ באַס, דער זיידע, דער טאַטע און אַ ביסל די מאַמע, איר פאַרשטייט, ווען נישט זיי, וואָלט איר מיך נישט געהערט שרייען.

די צוויי: בערגער און געניע, געניע און בערגער... עס דאַכט זיך אויס, אַז זיי זענען דאָ באַלעבאַטים, זיי רעדן און אַלע הערן אויס און אַז אַנדערע רעדן, דאַכט זיך: אַז יענע רעדן נאָר פאַר די צוויי.

זעליק האָט זיך צוגעהערט און צוגעקוקט.

די צוויי... יאָ! זיי זענען גאַנצע מענטשן, נישט צו קליין, נישט צו דיק. צוויי יונגע, שיינע און דערפאַר טאַקע זענען זיי אַזוי זיכער אין זיך...

גאַנצע מענטשן, געזונטע.

אַלע מענער קוקן אויף געניען, נאָר שמייכלען שמייכלט זי בלויז צו אייגעם, צו בערגערן. שפּעטער, ווען מען גייט זיך פונאַנדער פון טיש, מאַכט זיך אַזוי, אַז אויף אַ רגע בלייבט געניע זיצן צוזאַמען מיט רובינען.

זעליק האָט דאָרט דערהערט אין ערשטן צימער שרייען, דער פונקט האָט זיך פונאַנדערגעברענט. באַם אויוון איז געשטאַנען דיניעווסקי אַ מחבר פון עטלעכע שיינע פּאָעמען און פערזן. ער איז אַלט געווען אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, ברייטע פּלייצעס און אַ רויִק פּנים, אין זיך פאַרטראַכט, גערעדט און באַרעכנט, וואָס ער רעדט...

עפּעס האָט דער מענטש שוין דורכגעלעבט, געהאַט אַ טראַגישע געשיכטע מיט אַ פרוי, וועלכע איז פון אים אַוועק. ער איז אויך אַזוי ווי בערגער געווען זיכער אין זיך, נאָר בערגער פלעגט זיין זיכערקייט דעמאָנסטרירן מיט דרייסטע באַוועגונגען און אפילו מיט סקאַנדאַלן, בשעת דינעווסקי האָט זיך שטענדיק געהאַלטן אַריסטאָקראַטיש, רויִק.

איינער פון די געסט, אַ לערער פון העברעיִש, האַלפּערינס אַ פריינט האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט די יידישע שפּראַך, האָט גרינג געשעצט דעם גאַנצן יידישן רענעסאַנס:

— יידן זענען שוין דורכגעגאַנגען די גאַנצע וועלט, אומעטום פלעגן זיי עפּעס אָנהייבן פון דאָס ניי און צוזאַמען מיט זייער אויסוואַנדערן פאַרגעסן זיי די צייטווייליקע קולטור, אָבער העברעיִש גייט זיי נאָך ווי אַ באַוואָפנטער איש-חיל, ווי אַ שומר, אַז דער יידישער ניצוץ זאָל נישט אויסגעלאָשן ווער.

דיניעווסקי האָט זיך אָפּגערופן:

— נעמט די ברייטע יידישע מאַסן — וואָס ווייסן זיי פון אייער ניצוץ?

— די ברייטע מאַסן ווייסן קיינמאָל גאָרנישט, זיי ווילן איין זאַך: עסן.

— און מיר ווילן, אַז זיי זאָלן יאָ פון עפּעס וויסן.

— מיט וואָס וועט איר דאָס דערגרייכן?

דיניעווסקי איז נישט אַוועקגעגאַנגען פון אויוון, ער האָט גע-

רעדט רויק, מען האָט מיט אים געקענט זיין נישט איינשטימיק, נאָר אין זיין אויפריכטיקייט האָט מען געמוזט גלייבן.

— מיט יידיש, מיין פריינט! מיט יידיש איז פאַר מיר אַ ים, אויף וועלכן מען קען אַלע שיפן אַוועקלאָזן.

— מאָרגן וועלן זיי אייער יידיש פאַרגעסן.

— צוערשט לאָזט מיר אייך זאָגן, אַז דאָס איז נישט נאָר מיין יידיש, נאָר אויך אייער יידיש, אונדזערס אַלעמענס יידיש, דער רב און די מאַרק-יידענע, אַלע האָבן אַ חלק אין אונדזער שפּראַך און צווייטנס מיינט איר טאַקע, אַז אַ גאַנץ פאָלק האָט אַזאַ קעצישן מח, וואָס מאָרגן פאַרגעסט עס דעם הונדערטיעריקן-נעכטן. איבעריקנס, אייער איינגעשפּאַרטקייט פאַר העברעיִש באַווייזט דאָך, אַז אפילו דער טויזנט-יעריקער נעכטן פאַרגעסט זיך אויך נישט אַזוי שנעל.

— ווייל ס'איז אייביקייט-קולטור.

— נישטאָ קיין אייביקייט-קולטור, אַלץ שטאַרבט, עס לאָזט איבער ירושה און עס גייט אַוועק.

דער לערער איז בייז געוואָרן:

— איז דאָס אייער יידיש — די ירושה?

— ס'קען זיין... יידיש איז געווען אַן אויסוועג, מיט דעם אַלטן האָט זיך דאָס פאָלק קיין עצה נישט געקענט געבן, אַ ביסל צו שווער. דאָס אַרומיקע איז דאָך פרעמד געבליבן, דאָס פאָלק האָט זיך געזוכט אומבאַוווסטזיניק, געזוכט און זיך געפונען אין אייגנאַרטיקע אויסדרוקן און קלאַנגען. אונדזער חוב איז באַוווסט-זיניק דאָס אַלץ צו פאַרשענערן, באַרייכערן.

— נאַיִווע מענטשן! און וואָס האָט איר זיך אָנגעכאַפּט?

— טרוקענע מענטשן! וואָס ווילט איר זיך פאַרלייקענען? דער עולם אַרום האָט געדולדיק אויסגעהערט די צוויי, די

סימפּאַטיע כּמעט פון אַלעמען איז געוואָרן דיניעוווסקיס צד און דער לערער האָט עס געפילט, ער האָט זיך נאָך געראַנגלט:

— ניין, נישט מיר ווילן זיך פאַרלייקענען, מיר ווילן בלייבן באַ אונדזער רייכקייט.

— אַן אַרכעאָלאָגישע רייכקייט... דער אונטערשייד צווישן אונדז און אייך און איז איין זאַך. איר האָט אַ בעסערן זכרון פאַר אונדז.

— ווי זאָל איך דאָס פאַרשטיין?

— איר געדענקט, וואָס עס איז געווען מיט טויזנטער יאָר צוריק און מיר געדענקען אינגאַנצן עטלעכע הונדערט יאָר, דערפאַר איז אונדזער לאַגע בעסער, מיר זענען יינגער, מיר זענען באַוועגלעכער, מונטערער.

— דאָס איז אַ שטרויעלע, נישט מער, עס ברענט אויס אין אַ סעקונדע.

דיניעווסקי האָט זיך אומרויִק אַ ריר געטון, געוואָלט רעדן מיט אַ העכערן טאָן און זיך באַלד צוריקגעכאַפּט:

— מיטן מויל קען מען אַלץ פאַרברענען. איר האָט רעכט צו טראַכטן, וואָס איר ווילט, דאָס לעבן אָבער וועט אייך פירן אויף זיינע וועגן, צו איר וועט עס וועלן, צי נישט ווילן... פאַר מיר איז יידיש אַלץ, שטום בין איך נישט און שטום וויל איך נישט זיין, פאַר קיינע אָפּגעלעבטע סענטימענטן וועל איך מיין צונג נישט אַוועקגעבן, אַז מען קען רעדן קען מען אַמאָל צוזינגען אויך און עס ווילט זיך טאַקע זינגען אַ פאָלקס-ליד, אַ יידישע באַלאַדע, אַ חסידישן ניגון. פאַר מיר איז יידיש דער יידישער וואַסער-טרעגער, דער באַלעגאָלע, די טערקישע פאַטשיילע אויף די אַקסלען פון מיין באָבען, דאָס טייטש-חומש... פאַר מיר איז יידיש

דאָס ביסל אַלטמאָדישע קופּער, אונדזערע פּאַנען, אין וועלכע מען קאָכט פיש, איר האָט באַמערקט, נאָר יידן האָבן אַזעלכע כּלים... אונזערע בנינים האָבן אַן אַנדערן קנייטש, די שינדל־דעכלעך פון די יידישע הייזלעך אין די שטעטלעך פון ליטע און פּוילן און דער עיקר: די שפּראַך... איר זוכט אין יעדער וואָרט אַ חסרון, איך זע שיינקייט, איך פּיל שיינקייט אין אונזער ווערטער־בוי... איר ווילט, אַז מיר זאָלן אָנהייבן רעדן העברעיש און מיר ווילן נישט אויפהערן רעדן יידיש...

דער דאַרער עקסטערן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן האָט פּלוצלינג אַרייַנגעוואָרפן זיין פראַזע:

— וואָס איז יידיש? אַ זשאַגאָן...

דיניעוווסקי און אַלע איבריקע האָבן אויפגעהויבן אויף אים די אויגן.

דיניעוווסקי האָט אַ שמייכל געטון און געפרעגט בײַ אים:

— איר ווילט דאַכט זיך ווערן אַ דאָקטאָר?

דער עולם האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. דיניעוווסקי האָט ווייטער גערעדט:

— אַ מערקווירדיקע זאַך בײַ אונדז יידן, אין לעבן האָט זיך יעדערער זיין פאַך: דאָקטוירים, אַקושערקעס, סוחרים, דענ־טיסטן, מעקלערס, פעלדשערס, נאָר ווי עס קומט צו יידיש, ווערן זיי באַלד אַלע פילאָלאָגן, אַלע ווערן זיי שפּראַך־מבינים...

ער האָט גענומען פאַרייכערן אַ פּאַפּיראָס, עטלכע האָבן זיך אויפגעהויבן, געזעגנט זיך און אַוועק אַהיים, ווייל עס איז שוין געווען שפּעטלעך.

אויפגעהויבן האָט זיך אויך זעליק, וועלכער האָט די גאַנצע,

צייט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דוניעווסקין, ער איז געווען מיט אים איינשטימיק אינגאַנצן, נאָר ער האָט נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס מען באַדאַרף די אַלע דיסקוסיעס? איין גוט בוך אין יידיש רעדט מער, ווי די אַלע אַרגומענטן, אַרבעטן דאַרף מען און ווייניקער רעדן.

איצט האָט ער געאיילט אין צווייטן חדר, אַ ביסל האָט אים אינטריגירט בערגער און נאָך מער, דאָס אָפענע פּנים פון געניען, זי פלעגט אַזוי וואַרעם לאַכן, עס האָט אַלע געצויגן צו דעם ווינקל, וווּ זי איז געזעסן.

בערגער איז אויך אַריינגעקומען באַלד נאָך זעליקן, בשעת דער דיסקוסיע איז ער געשטאַנען פון דער ווייטן און מיט קיין איין וואָרט זיך נישט אָנגערופן, ער האָט אַזוי ווי אָפּגעוואַרט אַ מאָמענט, ער זאָל קענען אויסשיסן מיט זיין פייל, נאָר אַזאַ מאָ-מענט האָט זיך היינט נישט געמאַכט.

איצט זוכט ער מיט די אויגן געניען.

ווען ער באַמערקט, אַז זי זיצט מיט רובינען, גנבעט ער זיך אונטער, כאַפּט איר אָן פאַר די צעפּ און אָט אַזוי שפּילנדיק שלעפּט ער זי אַוועק פון דעם פּלאַץ.

זעליק כאַפּט אויף אַ פראַזע, וואָס בערגער וואַרפט צו געניען:

— מיט דעם נפש דאַרפט איר נישט זיצן, געניע:

געניע ענטפערט עפּעס, נאָר זעליג הערט נישט.

שמואל רובין קען אויסקלאַפּן עטלעכע באַמען אויפן קלאַוויר. קלאַפּט ער זיך און זינגט דערביי צו:

„זאָל ער מיך ליבן, זאָל ער מיך האַסן”
„חיינען וועל איך נישט, ווייל איך בין יונג”

עס ווערט שטיל אין זאַל, די טענער הערשן און רובין זינגט ווייטער:

„איך גלייב ער וועט קומען, צו די פיס וועט ער פאַלן"
„לאַכן וועל איך דאַן אַי, לאַכן פון אים".

ער קלאַפּט און זינגט אַזוי לאַנג, ביז חער פון עולם נעמט אונטערכאַפּן, אַרום קלאַוויר קלייבן זיך צונויף כמעט אַלע און געניע אויך, זי זינגט און עס ווערט שטימונג.

דאָס פּאַרדריסט בערגערן, גנבעט ער זיך אונטער צום קלאַוויר און דערלאַנגט אַ פּאָר מיט די פינגער איבער די קלאַווישן...

דאָס ליד איז צעשטערט, די שטימונג אויך. שמואל רובין הייבט זיך אויף פון בענקל, כאַפּט זיין מאַנטל און אַנטלויפט אַלס פּראָטעסט. דעם עולם פאַרדריסט, נאָר קיינער וויל נישט אָנהייבן מיט בערגערן, מאַכט מען זיך פאַרגעסן די גאַנצע געשיכטע...

בערגער זיצט און רעדט, וויצלט זיך, געניע זיצט לעבן אים, עטלעכע מאָל האָט זי אים שוין לאַנג געהאַט בעזאָגט:

— איר זענט באמת אַ שלעכטער מענטש.

און פרוי האַלפּערין האָט אַריינגעוואָרפן:

— אייער צוקונפטיק ווייב בין איך נישט מקנא.

בערגער וויצלט זיך אָפּ, נאָר זעליק האָט באַמערקט עפּעס אין זיינע אויגן.

וואָס איז דאָס חרטה? אומעט, אומצופרידנהייט?

שפּעטער איז בערגער געבליבן אַליין זיצנדיק אין אַ חינ-

שטיל, געוויגט זיך און געמורמלט א מאָנאָטאָנעם רוסישן ניגון...

עפּעס האָט אים געפּייניקט. זעליק האָט עס געפילט און ווען ער האָט געטראַכט פון צווייטן פלעגט ער זיך אײַנגאַנצן פאַרגעסן. דער צווייטער פלעגט ער אַליין ווערן.

ער אַליין... ער, וועמען קיינער האָט אַ גאַנצן אָוונט נישט באַמערקט און די פרייליכע געניע האָט אַפילו קיין איין וואָרט צו אים נישט אַדויסגערעדט...

אפשר איז שולדיק זיין צוריקגעהאַלטנקייט?

ער האָט זיך פאַרטראַכט און נישט באַמערקט ווי בערגער איז צו אים צוגעגאַנגען:

— קאַמעניעצקי. די באַלעבאַטים גייען שוין שלאָפן, עס איז שוין שפּעט, קומט מיר וועלן זיך איינער דעם צווייטן באַגלייטן.

אַרויסגעגאַנגען שווייגנדיק.

זעליק אַליין וואָלט קיינמאָל נישט געהאַט די דרייסטקייט פאָרצושלאָגן בערגערן, ער זאָל אים גיין באַגלייטן. אויסער דעם, וואָס ער האָט פאַר בערגערן געהאַט גרויס דרך ארץ, געשטעלט אים הויך און געציטערט אַריינצופאַלן אין זיינע צײַן, אויסער דעם אַלץ, האָט זעליק סתם מורא געהאַט פאַר אַזאַ מענטש, וואָס האָט העזה אַלע צו באַליידיקן, מיט קיינעם זיך נישט רעכענען... אָט אַזאַ דרייסטקייט איז מקנא צו זיין.

איצט גייען זיי ביידע. אויף דער גאַס איז געלעגן אַ פרישער נאָך נישט צעטראָטענער שניי.

קיין פראָסט איז נישט געווען און די ווייסקייט קען פאַרפירן ווייט אין אַזאַ נאַכט.

— איר ווילט שוין גיין שלאָפן? — האָט בערגער געפרעגט

זעליק האָט אַזוי ווי אויפגעצײַכנט נאָך זײַן דויערנדיקן שווייגן.

— ניין! איך קען אַזוי אַרומגיין אַ גאַנצע נאַכט, איך האָב עס ליב...

— ווי אַלע פּאָעטן...

— ווען איר ווילט מיר טון אַ טובה, בערגער, לאָזט מיך צורו מיט מיין פּאָעזיע.

— כ׳מיין דאָס ערנסט, קאַמעניעצקי, איך טראַכט באמת, אַז איך וויל זיך מיט אייך קריגן?

בערגער איז געווען אויפגערעגט, עס האָט זיך געפילט, אַז ער וויל האָבן אַ מענטש לעבן, וויל זיך אויסרעדן פאַר וועמען.

זעליק האָט עס פאַרשטאַנען און דאָס האָט אים אימפּאָנירט.

און נאָך עפּעס: אומבאַוווסטזיניק האָט אים געפרייט דאָס, וואָס בערגער איז אַ ביסל צערודערט און צערודערט איז ער צוליב דעם, ווייל ער האָט באַליידיקט רובינען, ווייל ער מאַכט אומזיסטע סקאַנדאַלן, הייסט עס אָבער, אַז בערגער קען אויך נישט זיין זיכער מיט זיך, ער פאַלט אויך אַראָפּ און זוכט פאַרענטפערונג.

אין זעליקס טראַכטן האָט דערווייל בערגער אָנגעהויבן צו רעדן:

— איך האָב פיינט...

זעליק האָט געוווסט וועגן וועמען ער רעדט און דאָך האָט ער געפרעגט:

— וועמען?

— דעם רובינען. דעם פּאָעט. אַ פּאָעט איז ער, יאָ ער האָט אָנגעשריבן גרויסאַרטיקע לידער, נאָר אומעטום איז ער דאָ מיט זיין ליד, אומעטום רעדט ער וועגן זיך און מיט אַמאָל איז ער

געוואָרן אַ מבין אויף אַלץ און אויף אַלעמען. נעכטן איז ער אַלע־מען אונטער די פּיס געקראָכן, היינט לאַכט ער פון אַלעמען. אַ מענטש בזה... אפילו אַ פּאָעט מוז האָבן אַ מאָס. מען מוז וויסן דעם אייגענעם פּלאַץ, מען דאַרף זיך נישט אַרויסרוקן, נאָר אַ בּי־סעלע אַוועקרוקן, וואָס מער דיכטער מען איז, אַלץ מער אין זיך אַריין און אַלץ ווייניקער אויסער זיך. מיט אים איז דאָס פאַר־קערט, צוזאַמען מיט זיינע שיינע לידלעך האָט ער אַרויסגעוואָרפן פון זיך זיין קליין קליין־שטעטלדיק נשמהלע, וועלכעס בייסט ווי אַ נודנע פליג, נישט פּטור צו ווערן. איך האָב אים פיינט און איך זאָג אייך, מען מעג פיינט האָבן און מען מוז פיינט האָבן, אַנדערש וואָלט געווען זייער נודנע און זייער מיאוס.

זעליק האָט געשוויגן, ווי אינטערעסאַנט בערגער איז איצט געווען, האָט ער דאָך אָפּגעריסן מינוטן אויפמערקזאַמקייט אויף אַן אַנדערע זאַך: אים האָבן געררייצט די טריט, וואָס ער שטעלט אויף דעם פּוכקען שניי און געהאַט האָט ער אַ הנאה פון דעם, וואָס צו־ליב אים איז ווינטער געוואָרן, צוליב אים זענען וואָלקנס געקומען און אָנגעשאָטן אַן ערד מיט ווייסע טעפּיכער, כדי ער זאָל דאָס צע־טרעטן.

און ער לאָזט בערגערן רעדן:

— מען קען דאָך צעפּלאַצט ווערן פון געלעכטער, בשעת אַזאַ רעדט מיט געניען און זאָגט איר קאָמפּלימענטן. ער... הערט זיך איין קאַמעניעצקי, ער רעדט מיט געניען וועגן ליבע נישט דער־פאַר, ווייל אומשטיינס געזאָגט דער מאַן מיט ליידנשאַפט שטרעבט צו אַזאַ שיינע פרוי, נאָר ווייל ער לידלט. ווייל ליבע מיט פּאָעזיע זענען אַלטע מחותנים. עס עקלט פון זיי. איר וועט זען מיינע ווערטער, דאָס וואַקסט אַן עכטער לידל־שרייבער, אַ נישט פאַרגי־בער, מען דאַרף, יאָ מען באַדאַרף קענען אָנשרייבן אַ שיין ליד, וואָס זאָל אַ נעם טון, נאָר אין דער זעלבער צייט דאַרף מען גאַנץ

אָפּט פּאַרגעסן, אַז מען שרייבט לידער, אויב פּאַרקערט ווערט עס אַ געלידלטעס לעבן.

זעליק האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף אים, איצט איז ער באמת געוואָרן פאַראינטערעסירט:

— און איר, בערגער, פאַרגעסט עס אָפּט?

— זייער אָפּט, זייער און זייער, טויזנט מאָל פאַרגעס איך און איינמאָל דערמאָן איך מיך, כדי אין אַ שעה אַרום דאָס ווידער צו פאַרגעסן, ניין, איך וואָלט געווען אומגליקלעך, ווען איך וואָלט שטענדיק געלעבט מיטן לידל.

און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן גאַס ווייזן זיינע מוסקולן און געמאַכט עטלעכע גימנאַסטישע איבונגען.

— פריִער פאַר אַלץ באַדאַרף אַ מענטש האָבן אַ קערפּער... איר פאַרשטייט!

אַ פויער האָט אַ קערפּער, אַ באַלעגאָלע האָט אַ קערפּער און אַ פאָעט מיינט, אַז מען קען לעבן מיט ביינער בלויז.

מען באַדאַרף זיין ווי מען זאָגט אויף יידיש: „אַ יונג מיט ביינער” און איצט דערמאַנט זיך ווי דער לידל־שרייבער רובין זעט אויס מיט זיינע שמאָלע פּלייצעס און שטענדיק פלאַפלט עס:

— ליבע, ליידנשאַפט... פע, עס עקלט.

זיי זענען שוין ווייט אַוועקגעגאַנגען, באַ דער ווילע זענען זיי געשטאַנען, דער טייך איז געווען פאַרגליווערט פון אייז און צוגעדעקט מיט אַ ווייס שניי־ליילעך, אַ וויסטע קעלט האָט געיאָגט פון דעם אייז, נאָר אויף יענער זייט טייך איז געשטאַנען אַ גרויסע געביידע, די עלעקטרישע סטאַציע, באַלויכטענע הונדערטער פענס־טער, עס האָט געריישט און געמאַכט מונטער די גאַנצע געגנט...

— איך האָב דאָס ליב, — האָט בערגער געזאָגט, איך האָב ליב באַוועגונג, טומל איך האָב ליב, געזונטע מענטשן, גאַסן־שלע־גערס, גנבים. הערט, קאַמעניעצקי, קומט אַרויף אַמאָל צו מיר, מיר

וועלן נאָך רעדן. מיר דאַכט זיך, אַז איר קענט אויסהערן גוט, איר טראַכט אַ ביסל צו פיל. איך וועל אייך נישט פרעגן וועגן וואָס עס דאַכט זיך מיר, אַז איר זענט שוין צופיל „אין זיך“, דאָס איז אויך נישט גוט.

און פלוצלינג פאַרגעסט ער אַלץ און בייגט זיך איין, מאַכט אַ גאַמעלקע פון שניי און איינס, צוויי, די גאַמלקע פליט אין זעליקן אַריין.

זעליקן האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן, עס האָט אים נישט געפּאַסט פאַר בערגערן.

און די צוויי יונגעלייט האָבן זיך גענומען שפּילן און פאַר־וואַרפן מיט שניי, פרעמדע מענטשן וואָלטן זיי אָנערקענט פאַר משוגענע, בּאַ זעליקן האָט זיך שוין עטלעכע מאָל ארויסגעכאַפּט אַ לאַך, ער לאַכט אויפן קול און כאַפּט זיך באַלד צוריק, פּונקט ווי ער, אַזאַ מענטש ווי ער באַדאַרף נישט לאַכן אויפן קול.

— נו, גענוג קאָמאַנדעוועט, בערגער, מיר גייען אַ היים.

זיי גייען און רעדן ווייטער.

נישט דרייסט הייבט אָן זעליק:

— איך וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן.

— אדרבה.

— ווו האָט איר זיך אויסגעלערנט פיינט האָבן? אַזוי שטאַרק פיינט צו האָבן, איך באַוווּנדער אייך.

— איך האָב אויך ליב... אָט געניע געפעלט מיר.

— ניין, זאָל צו אייך געניע זיין נישט אַזוי ווי איר ווילט, וועט איר זי אויך נישט שאַנעווען.

— עס קען זיין...

אַ רגע האָבןביידע געשוויגן.

פּלוצלינג האָט זיך בערגער לייכט פונאַנדערגעלאַכט:

— וואָס הייסט פיינט האָבן?

מען קען זיך פֿאַרגינען, עס איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל מענטשן אויף דער וועלט, צופֿיל מענטשן... אַנדערטהאַלבן מיליאַרד, איד איך האָב געמאַכט אַ חשבון, אַזאַ חשבון:

צען טויזנט מענטשן קען איך געדענקען און פֿאַרגעסן, מיט פֿינף הונדערט זיך באַגריסן, מיט הונדערט פֿריינטלעך זיך באַגריסן, מיט פֿופֿציק זיין אויף „דו", מיט צען זיין טיף באַפֿריינדעט, מיט איינעם, אָדער בעסער געזאָגט: מיט איינער זיין בלוטיק צונויפֿגעבונדן, אַ געליבטע צי אַ ווייב — אַלץ איינס, און מיט די איבעריקע...

די איבעריקע זענען, ווי אַ גרויסער זאַק מיט אַרבעס און אַ סך ווערעמדיקע אַרבעס... פֿאַרשטייט איר דאָך, אַז בײַ מיר איז די ברירה: מען קען אויסקלויבן...

זעליק האָט מיטגעלאַכט, דער גאַנצער קאַלאַמבור־פּאַראַדאָקס איז אים געפֿעלן געוואָרן.

מיט אַ שמייכל האָבן זיי זיך געזעגנט און פֿונאַנדערגעגאַנגען. איינער אויף רעכטס, דער צווייטער אויף לינקס.

פֿון איין טאָפּלטן שאָטן זענען געוואָרן צוויי שאָטנס — דעם שניי איז אַלץ איינס...

VIII

איבערגאַנג

בשעת זעליק איז געבליבן אַליין, איז ער געוואָרן אַ ביסל מונטערער בײַ זיך.

פון בערגערן האָט ער נישט געוואַרט, אַז ער זאָל זיך אַזוי פיל אָנפּאַרטרויען. געוועזן בײַ זיך שטאָלץ און צופרידן פון דעם שפּאַציר. ער האָט אָבער באַלד אַ טראַכט געגעבן, צי אַזאַ בערגער קען ווערן זיין פריינט?

ניין!

יענער איז צופיל אין זיך פאַרליבט, צופיל אַריינגעגלויבט אין זיך.

אַ לאַנגע צייט זענען זיי אַרומגעגאַנגען און וואָס? קיין איין מאָל האָט בערגער בײַ אים נישט געפרעגט, וואָס ער, זעליק, טראַכט און טוט? נישט געוואָלט אים אויסהערן. בשעת ער האָט דאָ גענומען רעדן וועגן זיך, אַליין ער, ער האָט ליב, ער האָט פיינט, ער און ער.

מיט אַזעלכע מענטשן איז נישט גוט, דער צווייטער באַדאַרף נאָר האָבן אויערן אויסצוהערן זייערע איבערלעבענישן, אַזעלכע שלינגען איין דעם צווייטן.

מיט וואָס איז ער ערגער פאַר רובינען? יענער האָט נישט אַזאַ שיין פּנים, יענער האָט נישט אַזוי פיל דרייסטקייט. סוף כּל סוף זענען אַלע פאַרבליבן נאָר אין זיך אַליין...

און זעליק אַליין?

ער האָט גענומען טראַכטן און באַלד געפונען די זעלבע חסרונות אין זיך אַליין, געפונען און נישט אַלץ באַשטעטיקט... עפּעס נאָגט אים שטענדיק, עפּעס ציט אים צו צוריקגעהאַלטנקייט און ער שטעלט זיך פאָר, ווען ער זאָל ווערן דער גרעסטער שרייבער, דער באַרימטסטער, דער פּאָפּולערסטער מענטש, וועט ער אויך נישט האָבן די העזה אַרויפצוקריכן אויבן אָן און נעמען שרייען וועגן זיך און פונאַנדערזאָגן.

עס וועט אים דאַמאָלס אויך ציען אין אַ שטיל ווינקל, צו זיין מיט זיך אַליין, משפּטן זיך, שטראָפן זיך און גערעכט זיין...

נאָר אַלץ פאַר זיך, ווי בערגער האָט זיך פריִער אָפּגערופן:

— אַלץ מער אַריין אין זיך.

בערגער האָט געשטראָפט אַ צווייטן און דערביי זיך אַליין גערימט.

זיין לאַגע איז בעסער, ער איז אַ שטאַרקער, ער האָט דערפאָלג בײַ פרויען און פאַר אים האָט מען מורא און איז ער אַמאָל באַשיידן, קומט עס דערפאַר, ווייל ער קען זיך דערלויבן דאָס פאַרגעניגן צו זיין באַשיידן, ער איז אַ הערשער און איז אָפט גוטמוטיק צו זיינע אונטערטעניקע.

זעליק איז איצט געגאַנגען אין אַ כּסדרדיקע בײַזן, אין אַ

װאָל־בעץ פֿון פֿײכטן שנײ, װאָס האָט װידער גענומען פֿאַלן, עס האָט פֿאַרשטעלט די שאָטנס פֿון די הײזער, װי דורך אַ װײסן פֿאָרהאַנג האָבן געקוקט די גאַס־לאָמפּן.

מיט מידע פֿאַרשלאָפֿענע טריט איז ער געגאַנגען און זיך באָרנישט געאײַלט אַהײם.

צום פּנים, צו די ברעמען האָבן זיך געקלעבט שנײעלעך, װי פֿון דעם װײסן װאָל װאָלטן זיך אַרױסרוקן נאַסע לאָפּקעס פֿון פֿאַרפֿרױרענע פֿײגל און טױטערהײט װילן זײ זיך צוטולײען צו עמעצן.

די װײסקײט האָט זיך צונױפֿגעמישט מיט קרעם־פֿאַרב פֿון די לאָמפּן.

דאָ איז אַרױסגעשפּרונגען אַ שילד פֿון אַ געװעלב. דאָרט אַ באָמען פֿון אַ גאַס, נאָר די גאַנצע װײסקײט, די באַװעגלעכע און אומבאַװעגלעכע האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין דעם מענטש, װאָס האָט שטילע, לאַנגזאַמע טריט געשטעלט אויף די שמאָלע טראָטואַרן.

עס האָט זעליקן טעמפּ־שיכּור געמאַכט און מיד, נאָר אַזאַ מידקײט, װאָס האָט געצװוּנגען װײטער צו שפּרײזן און ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, בשעת ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען זײַן אָרעם טויער.

אַ ביסל װײטער האָט זיך שױן געענדיקט די באָװאַגאָראָדער גאַס, הױז נאָך הױז און אַ גרױסע לײדיקײט הײבט זיך אָן דאָ איז אױך געפֿאַלן דער שנײ װי אױף די שטאָטישע גאַסן, מיט דער זעלבער גלײַכגילטיקײט, מיט דעם זעלבן נישט באַצילטן ציל:

אַלץ װײס צו מאַכן.

זעליק איז געבליבן אַ ביסל צײַט שטײן אַזױ תּמעװאַטע, זיך

אַרומגעקוקט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אַרויסגעכאַפּט האָט זיך בײַ אים פון מויל איין קלאַנג:

— האַ!

אָן ווילן, אָן אָנשטרענגונג, האָט ער איבערגעחזרט נאָך איינמאָל דעם „האַ!" און האָט זיך צוגעהערט.

אַ פּאַרע האָט באַגלייט דעם קלאַנג זײַנעם און עטלעכע שנייעלעך זענען פון דער פּאַרע אָפּגעבריט געוואָרן. דערנאָך האָט ער געשטעלט עטלעכע טריט פּאָרויס. פּוכקע. דער שניי איז דאָ אין פעלד געדיכטער...

אומבאַוווסטערהייט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי דורך אַ חלום האָט ער געטראַכט, אַז דער מענטש איז אַמאָל געווען אַ חיה, אַ חיה אין די וועלדער. אַ רגע האָט נעדויערט און אַן אור-אַלטן אינסטינקט, אַ דערמאָנונג האָט אים אַזוי ווי אַ צי געטון צו דער ווילדקייט [?] ווי דאָס וואָלט געווען זײַן נאַטירלעכע סטיכיע...

אָפּגעהאַקט האָט זיך אָבער באַלד דער געדאַנק, די דערי-נערונג, דער אומבאַוווסטער קאַלטער ציטער...

אין מאַרך האָט זיך עפּעס אַ וויקל געטון: בערגער, רובין, די אַלע געסט, וואָס ער האָט היינט באַגעגנט בײַ דעם לערער האַלפּערין...

ווו קריכט ער דאָ אין טיפן שניי? וואָס טוט ער דאָ בײַ-נאַכט? משוגע געוואָרן, וואָס?

אויף זײַנע קאַלטע ליפּן האָט זיך געלייגט אַן אויסקרומע-ניש. אַ שמייכל.

ער האָט גענומען שפּרייזן צוריק און דערבײַ פון עפּעס אַ הנאה געהאַט.

עס האָט אים געפרייט, וואָס יענער אינסטינקט האָט זיך אין אים אויפגעוועקט, אַ חיה-אינסטינקט, אויף אַ רגע, אויף עפּעס ווייניקער ווי אַ רגע האָט ער פאַרגעסן, אַז ער איז אַ מענטש...

װען ער איז אַװעקגעגאַנגען האָט ער כּסדר געטראַכט פֿון דער דאָזיקער רגע..

אַ שאָד, װען בערגער װאָלט דאָ געװען, װאָלט ער דאָס פּאַר אים דערציילט, נאָר בערגער װאָלט אַ הייב געטון מיט אַ גוטמוקיקן פּעס זיינע אַקסלען און געפֿרעגט:

— װאָס מאַכט איר זיך נאַריש?

פֿאַרהאַן זאַכן, װאָס מען קען דעם צװייטן אין קיין פֿאַל נישט איבערגעבן און עס איז נוט, װאָס יעדער איינער האָט אַ האַרץ, װו מ׳קען אַלץ באַהאַלטן... אַ מאָמענט...

דורכגעלעבט, אַ ציטער געטון און װייטער געגאַנגען.

זעליקן האָט זיך אױסגעדאַכט, אַז ער האָט געפֿונען עפּעס אַזױנס, װאָס בלייבט נאָר פֿאַר זיך...

צי עס פּאַסירן מיט אַנדערע אַזעלכע זאַכן, דאָס האָט ער נישט געװוּסט.

אַנדערע..

ער טראַכט װעגן זיי, נאָר די אַלע צוזאַמען טראַכטן נישט װעגן אים.

געגאַנגען, נעטראַכט און געצװייפֿלט... אפשר? אפשר האָבן אַנדערע נאָך טיפֿערע, שענערע איבערלעבונגען? נאָר יערער איינער פֿון זיי האָט זיין סוד-קעסטעלע און דאָרטן באַהאַלטן זיך די אמתע, גאָלדענע חלומות..

ער דערמאַנט זיך:

אַ סך מאָל באַנאַכט, אין אַ ליכטיקער נאַכט, װו עס פֿאַלט אַראָפּ אַ שטערן, כאַפּט ער דעם אמתן ציטער פֿון שטערן-פֿאַל. די גאָלדענע ראַקעטע לייגט זיך אױס, װי אַ באַלױנונג, װי אַן ערנ-לענטע אײף זיין ברוסט און דערנאָך גייט ער אַרום, װי אַ באַגליקטער פֿון די הימלען... גיי דערצייל דאָס פּאַר מענטשן, גיי דאָס באַשרייבן, װי װייניק עס בלייבט פֿון אַזאַ רגע.

ער איז געקומען אהיים און האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, אָנצוצינדן דעם לאָמפּ. איז ער אָבער געבליבן שטיין אינמיטן צי־מער, ביז דאָס שוועבעלע האָט אויסגעברענט און דער לעצטער פונק האָט אים אַ ברי געטון די פינגער, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אָנגעצונדן פייער און זיך געלייגט שלאָפן.

געוואָלט טראַכטן פון טאָג, רעאַליזירן די באַגעגענישן און די געדאַנקען, געוואָלט קלערן ווידער וועגן בערגערן, געוואָלט פאַר־שטעלן זיך דעם מאָרגן, ווי ער האָט עס שטענדיק געטון פאַרן שלאָף און אין די געדאַנקען זענען געקראָכן די ווייסע פאָרהאַנגען פון שניי...

אַזעלכע לייכטע-לייכטע לײַלעבער האָבן אים אַריינגעכאַפּט און זיי וויגן, וואַרפן אים און ער ציטערט אויף, האָט געוואָל־טיק מורא, דער דינער געוועב זאָל זיך נישט איבעררייסן.

די ווייסקייט איז פון אים נישט אַוועקגעגאַנגען, ביז דער שלאָף האָט אים אינגאַנצן באַזיגט.

עס האָבן זיך אים געחלומט ווייסע בערג, ווייסע וועלטן און איינמאָל איז ער אַליין געוואָרן אַ ווייס שנייעלע, וואָס האָט זיך שטיפעריש אַרומגעטראָגן אין דער לופטן מיט נאָך אַזעלכע מיליאַרדן ווייסע שנייעלעך.

אפשר האָט דאָס שנייעלע תּפילה געטון אין יענער נאַכט, געבעטן גאָט, עס זאָל אויף דער ערד נישט אַראָפּפאַלן.

עס זאָל נישט צעטרעטן ווערן...

דערנאָך פלעגט ער כּמעט יעדן אָוונט, פאַרן אַריינגיין אין שטוב זיך אַוועקלאָזן צום פעלד.

דער שניי האָט אויפגעהערט צו פאַלן, נאָר די אָנגעשאָטע־נע ווייסקייט איז געבליבן ליגן באַלזאַמירט פון פראָסט און באַ־נאַכט איז עס געווען באַלויכטן פון דער גלעזערנער לבֿנה.

זעליק פלעגט אויפשטעלן דעם קאָלנער, אַריינרוקן די הענט

אין די אַרבּל און אַזוי לאַנגזאַם שפּרייזן אַנטקעגן דער געפּרווירע־
נער שטילקייט. פּונקט, ווי ער וואָלט דאָ עמעצן זוכן, אָפּגערעדט
זיך מיט וועמען צו באַגעגענען.

קיינעם אָבער קיינמאָל נישט באַגעגנט, נאָר גאָר גאָר ווייט
האָט זיך געזען אַ פייערל, עמעצער האָט דאָרט געלעבט אין אַ
פעלד־הייזל, ווייט, זייער ווייט, ווייל ווי לאַנג זעליק זאָל נישט
שפּרייזן איז דאָס פייערל נענטער נישט געוואָרן און די שטערן
זענען אויך נענטער נישט געוואָרן.

ער האָט ליב געהאַט דעם ווייסן גאַרנישט אַרום זיך, ער
האָט אין אים געבאָדן זיין נשמה, געטראַכט און געקומען צו רו־
קע אויספירונגען...

דאַכט זיך, אַז אַלע אויפגאַבן פון לעבן האָט ער שוין אויפ־
געקלערט. זיינע ספקות און די וועלט־ספקות.

ער באַדאַרף נאָך אַ ביסעלע שפּרייזן. נאָך אַ ביסל שפּרייזן
אין פעלד אַריין און נאָך טיפער אַריינקוקן אין זיך... אַלץ וועט
באַלד פאַר אים קלאָר ווערן.

מיטאמאָל אָבער שטויסט ער זיך אָן אויף אַ מחנה הינט,
וועלכע גריבלען זיך אין אַ באַרג מיסט, וואָס מען האָט פון שטאָט
אַרויסגעוואָרפן, די הינט רייסן זיך פאַר אַ ביין, איינער דעם
צווייטן פליקט עס פון די ציין אַרויס, זיי גריזשען זיך איינער
דעם צווייטן און בילן...

זיי צעטומלען אים די הינט און דערמאַנען די מענטשן.
ער מוז איצט ווייט אַוועקגיין, כדי עס זאָל ווידער צוריקקומען
זיין רויקייט.

ווען ער גייט אויף דער נאָוואָגראָדער גאַס, צו זיין טויער,
ווען ער קומט צו, גיט אים דאָס האַרץ אַ קלאַפּ: „אפשר איז זי
שוין געקומען"?

עטא...

זי איז נאָך אַלץ נישטאָ... און ער בייזערט זיך אויף זיך אַליין.

צו וואָס באַדאַרף איך זי?

וואָס איז זי מיר?

נעמט ער זיך דערמאָנען קלייניקייטן, אַ קוש, אַ גלעט, אַ גוט וואָרט פון איר און ווי האָט זי צו אים אַנומלט געזאָגט:

— נישט אויף שטענדיק אַנטלאָפן...

דאָס איז דאָך געווען אַ צוזאָג, אַן אָפענער צוזאָג... זי, מיט איר שמאָל קערפּערל... זי זאָל אים אַרומנעמען! זי זאָל זיין אין זיינע אָרעמס!...

און אפשר איז דאָס בײַ איר איינער פון אירע קאַפּריזן?

בשעת ער איז אַריין אין שטוב, האָט דאָס האַרץ בײַ אים געקלאַפּט.

ער האָט זיך צוגעהערט: אין צווייטן צימערל איז אָבער קיינער נישט געווען, קיין באַוועגונג נישט, ער האָט זיך דערפילט פאַרלאָזט און אַ פלוצלינגדיקע בענקשאַפט כאַפּט אים אַרום צו עטאַן...

איצט, אין די געדאַנקען זעט זי אים שענער אויס. בעסער איז זי שוין אויף אַן אמתן...

ווען זי וואָלט דאָ איצט געווען... ער וואָלט פאַר איר דערציילט, וויפיל נעכט ער לויפט שוין אין פעלד אַריין צו דער ווייסקייט און ווען זי וועט בײַ אים פרעגן צוליב וואָס טוט ער דאָס? יאָ, וואָס וועט ער דאַמאָלס זאָגן? ער ווייסט אַליין נישט... ניין? ער ווייסט יאָ, ער וועט איר דאָס זאָגן, זאָל זי דאָס וויסן און ער גרייט זיך צו, ווי צו רעדן מיט עטאַן:

— איך בין געלאָפן אין פעלד אַריין יעדע נאַכט, צו דעם פּואָסט בין איך געגאַנגען, ווייל בײַ מיר אין האַרץ איז דאָ וואַרעמקייט צו ד ר, איך האָב געוואָלט, אַז דאָס זאָל פאַרפרוירן ווערן,

ווייל איך האָב זיך מורא פאַר דיר... איך גלייב נישט קיינעם, איך האָב זיך פאַר אַלעמען מורא...

נאָר עטאַ איז נישט געקומען.

וואָכן זענען פאַרגאַנגען. זעליק האָט געבענקט און געשוויגן, געגאַנגען יעדן טאָג צו האַלפּערין און זיך צוגעקוקט, ווי בערגער קאָנקורירט מיט רובינען. ביידע קוקן זיי אויף געניען און זי קוקט אויף ביידע... בערגערן קרענקט יעדער טראָפּן אויפמערקזאַמקייט, וואָס זי שענקט רובינען... ער וואָלט וועלן דעם לידל-שרייבער פאַרניכטן, אויסראָטן אים, ווי אַ שרץ, וואָס קריכט אים אין וועג אַריין.

זעליק האָט זיך צו דעם קאַמף שטאַרק צוגעקוקט.

אים האָט דאָ אינטערעסירט איין זאַך, אויף וויפיל בערגערן וועט זיך איינגעבן צו האַלטן זיך אויף דער הויך, אויף וועלכער ער זעליק האָט אים אַוועקגעשטעלט, ער האָט מורא געהאַט, אַז בערגער וועט אַריינפאַלן אין קליינלעכקייטן און וועט זיך ביליג מאַכן.

געלייענט האָט איצט זעליק אַ סך און געשריבן לידער, אָבער דער גאַנצער טאָן-געבער אין ווילנע איז איצט געווען דער קריטיקער זעלצער און ער האָט פון זעליקן נישט שטאַרק גע-האַלטן.

זעליק האָט עס באַמערקט און ער האָט זיך גענומען אָפּ-רוקן פון אים, האָט פאַר אים מער נישט פאָרגעלייענט זיינע לי-דער.

צו יענער צייט האָט זעלצער חתונה געהאַט און דער גאַנ-צער עולם איז אַוועק פאַרברענגען צו דעם יונגן פאָר-פאָלק.

זעליק איז אַהינצו נישט געגאַנגען.

נישט געווען אויף דער שמחה איז אויך בערגער.

שפעטער, ווען זעליק האָט זיך באַגעגנט מיט בערגערן, האָט דער לעצטער געפרעגט:

— איר זענט געווען אויף דער שמחה?

— ניין, איר זענט אויך נישט געווען, פאַרוואָס?

— צוליב זיין גאָלדענעם זייגער, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין שווער, איך קען זיי נישט ליידן די נדן-נפשות, איר האָט שוין געזען דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער גאָלדענער קייט, ווי ליכטיק עס האָט געלויכטן אויף דעם קריטיקער זעלצערס ברוסט?

— וואָס איז?

— גאָרנישט... איך גלייב נישט, אַז אַזאַ חתן-בחור קען האָבן געשמאַק...

ער האָט לאַנג געוואַרט, געזוכט און דאָך געפונען אַ... רייכע כלה... זאָל אים ווויל באַקומען, אָבער וואָס קריכט ער צו אונדז מיט זיין קריטיק? ער וואָלט געפּאַסט ביכער פאַר אַ בוכ-האַלטער, אָדער פאַר אַ קעסט-איידעם...

בערגער איז געווען פאַרביטערט.

אין יענעם אָוונט איז געניע מיט די לאַנגע צעפּ נישט גע-ווען אין דער היים, שמואל רובין האָט זי אויך נישט געזען בּאַ די האַלפערינס, עמעצער האָט אַ מורמל געטון, אַז זי איז אַוועק מיט רובינען צוזאַמען אין טעאַטער.

בערגער איז פריער אַוועק און דערנאָך זעליק.

ער איז געגאַנגען אַהיים. דער שניי אויף די גאַסן האָט האַסטיק געלאָזן, עס איז שוין געווען חודש אדר, דעם ווינטערס בסיסה האָט זיך שוין געפילט אין דער לופט, בּאַטאָג האָבן העלע שטראַלן ווי שפּיזן און גלאַנציקע שווערדן צעשניטן און צעשטאָכן דאָס ווייסע צודעקעכץ פון דער ערד, פון די דעכער. עס האָט

איצט אומעטום געפּלייצט מיט וואַסער, פון די דעכער האָבן קראַ-
גען זיך געעפנט...

ווען זעליק איז היינט באַטאָג געווען אין בערנאַדינער גאָרטן,
האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער קליינע ווילייקע, דאָס טייכל איז
געשוואָלן געווען פון אייז און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז באַלד-
באַלד וועט עס פּלאַצן.

דער שניי האָט זיך אין אַ סך ווינקלעך צעשמאָלצן, אונטערן
וואַסער זענען געלעגן ווייסע גלאַנציקע אייז-פּלאַסטן, אין אַנדערע
ערטער האָט עס אויסגעדאַכט, ווי שטיקער קעז וואָלטן זיך גע-
ווייקט אין מילך.

זאָל דאָס גיך אַריבער, זאָל קומען דער פרילינג, דער זו-
מער. צוליבן זומער לעבט מען דאָך אויף דער וועלט און ערד
יעדן פרילינג פילט ער זעליק, אַז עס קומט זיין וועלט, אַזוי טראַכט
ער: אין היינטיקן פרילינג וועט עפּעס געשען אַ נס, ער וועט
אויפגעריכט ווערן... אין וואָס וועט באַשטיין דער נס, און וואָס
וואַרט ער איבערהויפּט פון מאָרגן, דאָס איז פאַר אים אַליין קלאָר
נישט געווען.

מיט די געדאַנקען איז ער אַרויפגעגאַנגען אויף זיין הייפל
און ער האָט אויפגעציטערט: אין עטאַס צימערל איז זייער
ליכטיק, דורך דעם לאָדן האָט ער באַמערקט אַ שפּאַרע ליכט.

זי איז דאָ, זי איז געקומען.

נישט אומזיסט:

היינט אינדערפרי בשעת ער האָט פאַרלאָזט זיין צימערל
האָט ער באַגעגנט אויפן הויף דעם קאַטערינשטשיק, זיין מיידעלע
מיט דעם גרינעם פּאַפּוגיי און קיינמאָל האָט זיין גרינקייט אַזוי
נישט באַלויכטן זעליקס נשמה... גרינע פאַרב איז האָפענונג...
און איצט איז זי געקומען, זי איז שוין דאָ. אין זיין דער-

פריִיען זיך האָט ער ערשט דערפילט, ווי שטאַרק ער בענקט נאָך איר.

נאָר בעת ער איז צו זיך אַריין אין צימער האָט זיין פרייד ערגעץ טויט אַראָפּגעפאַלן, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל: דורכן ווענטל האָט ער געהערט צוויי שטימען: עטאַס קול און אַ קול פון אַן אומבאַקאַנטן מאַן.

ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו טראַכטן, ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון: אַריינגיין צו איר? ניין! אפשר איז דאָס מיכעלסאָן? אפשר איז ער שוין אַרויס פון תפיסה, אַנטלאָפן... און זי וועט איצט אפילו נישט אַ טראַכט טון, אַז אויף דער ערד איז פאַרהאַן אַ זעליק, מיט וועלכן זי האָט זיך געקושט און צו וועמען זי האָט אַמאָל אַ זאָג געטון; „נישט אויף שטענדיק אַנט-לויפן".

ער האָט זיך גענומען בייזערן אויף זיך אַליין: ער האָט גערדאַרפט מיט איר זיין דרייסטער, ער האָט אויף אַלץ געוואַרט צו איר מיטשטימונג און דאָס האָט אים באַגראָבן אין אירע אויגן.

ער האָט די דאָזיקע נאַכט נישט געשלאָפן, אויסגעפייניקט זיך, ווי אין גרעסטן גיהנום, עטלעכע מאָל האָט ער שוין געוואָלט אויסרופן, אויף די ליפּן איז איר נאָמען שיין געלעגן „עטאַ!" נאָר עפּעס האָט אים אָפּגעהאַלטן און ער פלעגט דאָס וואָרט מיט די ציין צעבייסן.

ביז אין דער פרי איז דערנאָך שטיל געווען אין צווייטן חדר. ווען עס איז שוין ליכטיק געוואָרן, האָט זיך די טיר גע-עפנט און צוגעמאַכט, עמעצער איז אוועקגעגאַנגען. זעליק האָט נישט געוווסט ווער: עטאַ צי דער אומבאַקאַנטער?

פלוצלינג האָט זיך דערהערט איר קול:

— זעליק, וואָס מאַכסטו? קום אַריין!

ער האָט זיך נישט אָפּגערופן, האָט זי ווידער גערופן, זי האָט גוט געוווּסט, אַז ער איז דאָ אין דער היים. גערופן אים עט־לעכע מאָל און ער געשוויגן.

איז זי אַריינגעקומען צו אים, אין אַ טונקל קליידל מיט אַ קרעם סוועטער, זי האָט געשמייכלט און אין שטאָלן פענסטערל פון זעליקס צימערל האָט די שאַרפע ליכט אָנגעזאָגט, אַז אויף דער גאַס איז היינט זוניק.

זי האָט זיך אָנגערופן:

— ביסט ברוגז און איך האָב אויף אַן אמת געבענקט נאָך דיר... די גאַנצע צייט.

ער האָט אויפגעהויבן מיט כּעס די אויגן אויף דער וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט איר צימער פון זיינעם.

— אַך, דאָס מיינסטו! באַ מיר האָט געגעכטיקט אַ בחור? דאָס איז געווען אַ חבר, ער איז אַן אומגליקלעכער... ער האָט נישט געהאַט ווו צו נעכטיקן, האָב איך אים געמוזט נעמען צו זיך.

זעליק האָט געשוויגן. און זי האָט ווייטער גערעדט:

— אויף דער פּאָדלאָגע איז ער געשלאָפן, אויף מיינע קליי־דער האָב איך אַ געלעגער געמאַכט פאַר אים, קום אַריין וועסטו זען: דאָס געלעגער ליגט נאָך.

זי האָט אים פאַר דער האַנט גענומען און ער האָט אויסגע־זען, ווי אַ יינגל, וואָס דער כּעס איז אים שוין אָפּגעגאַנגען, נאָר ער ברוגזט זיך נאָך.

זי האָט אים אַריינגעפירט צו זיך אין צימער, איר בעטל איז נאָך נישט געווען צוגערוימט, אויף דער פּאָדלאָגע איז גע־ווען אָנגעוואָרפן אַ באַרג מיט אירע קליידלעך און אַ קישעלע, אויף וועלכער דער פרעמדער איז געשלאָפן.

זי האָט געפרעגט:

— נו, איצטער גלייבסטו? וואָס מיינסטו, אַז איך וואַרף זיך שוין יעדן בחור אויפן האַלדז?

ער האָט זיך געפילט שולדיק, נאָר נישט געוואָלט זיך פאַרענטפערן.

זיין פאַרדאַכט איז טאַקע געווען אַ פאַלשער, אָבער רעכט צו פאַרדאַכטן האָט ער געהאַט. ביסלעכווייז האָבן זיך ביידע באַרויקט.

ער האָט געפרעגט:

— האָסט טאַקע געבענקט נאָך מיך? האָסט דערמאַנט אַמאָל? שטאַרק דערמאַנט? זאָג דעם אמת!

זי איז צוגעגאַנגען צו אים נענטער.

— איך בין אַפילו ברוגז אויף דיר פאַר דיין נאַרישער אייפערזוכט, נאָר זאָל מיינס איבערגיין, איך בין דיר מוחל... יאָ, זעליק איך האָב געבענקט נאָך דיר, איך רעכן עס קומט פון געוווינהייט, איך האָב זיך צוגעוווינט צו דיר, אָפט אַז איך רעד מיט דיר, דאַכט זיך מיך, דאָס איך רעד מיט זיך אַליין און אפשר איז דאָס טאַקע...

— וואָס? זאָג!

— אפשר איז דאָס טאַקע... ליבע?

— באַ מיר איז דאָס שוין נישט קיין „אפשר", עטאַ!

זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט, געשמייכלט איינער צום צווייטן און ענלעך געווען צו אַזעלכע, וואס האָבן זיך צום ערשטן מאָל פאַרליבט.

דאָס צימערל. איר צימער און זיין צימער, דער גאַנצער הויף און דער גאַס, אויף וועלכער זיי זענען שפּעטער געגאַנגען, אַלץ וואָס איצט פאַר זעליקן אָפּגעלעבט... יום-טוב איז אַרום געווען.

זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אירע חברים. איז ער בײז געוואָרן:

— עס אינטערעסירט מיך נישט.

האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן אַ געלעכטערל.

— ביסט אײַנגעשפּאַרט. האָסט זיך מורא צוצורירן צו די זאַכן.

— עס איז מיר פרעמד.

— און וואָס איז דיר נישט פרעמד.

ער האָט איר אָנגעוויזן אויף דער זון, וואָס האָט זיך שוין גאַנץ הויך אויפגעהויבן:

— אָט די אַלטע זון מיט איר יונגן פײַער, גיב נאָר אַ קוק ווי זי צעפּאַסעוועט דעם שניי, צוויי דרײַ טעג אַזעלכע און קיין סימן פון ווײַסקייט וועט נישט בלײַבן.

— ביסט אַ פּאָעט, זעליק, ווילסטו, דאָס אַלע מענטשן זאָלן ווערן פּאָעטן?

— אויב פילן דאָס לעבן הייסט פּאָעזיע, דאַמאָלס וויל איך עס. און וואָס גייט עס מיך אָן? עס וועט זײַן אַ פרילינג, עס וועט זײַן אַ נײַע וועלט.

זי איז געגאַנגען מיט אים געאָרעמט, אין אַ לאַנגן מאַנטל, אויפן האַלדז אַ זײַדענעם קאָלירטן שאַל, זי האָט אויסגעזען, ווי אַן אויסלענדערין, און איר שפּרייזן האָט דאָס פיגורל אירס צוגעצייכנט, פּונקט, ווי אין איר אינעווייניק וואָלט אַ ספּרוזשינקע געווען.

זעליקן האָט געפרייט, וואָס אַלע באַטראַכטן זי, אַנדערע האָבן זיך אַפילו אָפּגעשטעלט און לאַנג איר נאָכגעקוקט.

ער האָט באַמערקט אַ קלייניקייט און דאָס האָט אים געוואונדערט: יעדעס מאָל ווען ער פלעגט בייז ווערן, פלעגט זי נאָכ-

געבן, ער האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז ער האָט עפּעס אויף איר אַ קראַפּט. זאָל דאָס זיין איר געפּיל צו אים?

זיי זענען געגאַנגען צו דער פּאָסט, זי האָט געהאַט אין רע־דיקול אַן אָנווייזונג אויף צוויי הונדערט רובל, בשעת זי האָט דאָס געלט אָפּגענומען, האָט זיך זעליק אָפּגערופן:

— אַזאַ טאָג איז גוט צו האָבן, מען קען זיך אַלע משוגעתן דערלויבן.

זי האָט געשמייכלט:

— אָבער פון די משוגעתן אַליין קען מען משוגע ווערן. די אַסיגנאַציעס האָט זי צעקנייטשטערהייט אַריינגערוקט אין טאָרבע און גענומען קוקן אין אַלע שוי־פענסטער. צוויי טריט אָפּגעגאַנ־גען און זיך אָפּגעשטעלט, נאָך צוויי טריט און ווידער שטיין גע־בליבן. עפּעס קויפן האָט זי געמוזט, אַ ביסל געשעמט זיך פאַר זעליקן און צוליב דעם טאָקע איז אָפּגעקומען בלויז מיט אַ קליין שפּיגעלע.

אין רעסטאָראַן, וווּ זיי האָבן שפּעטער מיטאָג געגעסן, האָט זעליק פאַר איר דערציילט וועגן זיינע באַקאַנטע, וועגן יעדן איי־נעם גערעדט, געמאָלט אינטריגעס און טיפן פון „געזעמל”. מער פאַר אַלעמען גערעדט וועגן בערגערן.

און זי האָט זיך גענומען צוהערן:

— דער טיפּ געפעלט מיר, נעם מיך אַמאָל מיט אַהין.

— מיר קענען היינט גיין.

— גוט!

און אין דעם זעלבן אָוונט האָט זעליק געבראַכט צו פירן עטאַ פין צו חאַלפּערין.

אַ נייער מענטש, אַ רייך געקליידט מיידל, וואָס טראָגט מיט זיך אַ ריח פון פּערפום, עטלעכע האָבן געוווסט, אַז זי איז אַן אַנאַרכיסטין.

די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז היינט געפאַלן אויף איר. זי האָט זיך געהאַלטן פריי, געלאַכט אויפן קול.

בא שמואל רובינען האָבן זיך אָנגעצונדן די אייגעלעך און זעליק האָט זיך מורא געהאַט פאַר איין זאַך: ער זאָל נישט נע־מען לייענען זיינע לידלעך און ער זאָל זיך נישט נעמען באַרימען ווי שטענדיק.

ער האָט נישט געוואָלט, דער עולם זיינער זאָל אויסזען נאַ־ריש בא איר אין די אויגן.

זי האָט אָבער גענומען זוכן מיט די אויגן און בא זעליקן האָט זי שטיל אַ פרעג געטון:

— ווו איז יענער?

— בערגערן מיינסטו?

— יאָ!... אויב ער איז אויך אַזאַ צעקנייטשטער ווי זיי אַלע, דאַמאָלס קענען מיר שוין גיין.

— וואַרט, ער וועט באַלד קומען, ער מוז דאָ קומען.

און עס האָט אים שוין פאַרדראָסן, וואָס ער האָט פאַרקאָכט די גאַנצע קאַשע, ער האָט זיך זייער געדעכנט מיט עטוואָס מיי־נונג און, אַז ער האָט באַמערקט, אַז איר שמעקט נישט אַזוי די געזעלשאַפט, האָט אים זיך אויסגעדאַכט, אַז ער אַליין איז אַראָפּ־געפאַלן אין אירע אויגן.

און שמואל רובין האָט נישט אויסגעהאַלטן:

— מיינע לידער האָט איר נישט געלייענט? פרייליין פין! זי האָט אַ שמייכל געטון און געענטפערט:

— ניין, איך קען נישט לייענען יידיש, נישט געלערנט.

איז רובין צוגעשטאַנען צו איר: ער האָט געוואָלט פאַר איין שעה צייט זי איבערעדן און אויפווייזן איר, אַז זי טוט זייער שלעכט מיט דעם, וואָס זי לייענט נישט קיין יידיש...

זי האָט זיך גענומען בייזערן פון אומגעדולד און גערייצט זיך מיט רובינען:

— און אַז איך וועל נישט לייענען אייערע לידלעך, איז וואָס?

רובין האָט זיך גענומען מאָביליזירן מיט גאַנצע פעק אַרגומענטן, אין דעם האָט זיך די טיר געעפנט און בערגער איז אַריינגעקומען.

רובין איז שטיל געוואָרן און בערגער האָט אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן די גאַנצע געזעלשאַפט ווי אַ קאָנטראָלער.

מען האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר דער נייער, פאַר עסטער פין.

ער האָט גענומען איר האַנט און עטלעכע רגעס נישט אַרויסגעלאָזט פון זייגע...

— אין אייער הענטל פּילט זיך ראַסע.

זי האָט אַ שמייכל געטון און געפרעגט:

— איר האַלט זיך פאַר אַ גרויסן מבין?

האָט ער געענטפערט מיט אַ פראַנצויזישער פראַזע.

— איר רעדט פראַנצויזיש?

אַ ביסל...

און זיי האָבן זיך געלאָזט רעדן אויף אַ לשון, וועלכעס דער איבעריקער עולם האָט נישט פאַרשטאַנען, מיט דעם אַליין האָבן זיי זיך זיך באַלד אויסגעטיילט פון אַלעמען, אָפּגעריסן זיך פון אַלעמען.

רובין האָט זיך צוגערוקט צו זעליקן און מיט בייגעריקייט געפרעגט:

— דאָס איז אייער שכנטע?

— יאָ, וואָס איז?

— איר זענט אַ יאָלד!

— מיט וואָס ווידער אַ יאָלד?

— אויף אייער אָרט וואָלט איך מיט איר שוין דריי מאָל חתונה געהאַט און זעקס מאָל בײַ איר טאָטן נדן גענומען.

— און דערנאָך? — האָט זעיק ווידער מיט דעם זעלבן טאָן געפרעגט?

— וואָס דערנאָך? איך וואָלט געלעבט אַ גוטן טאָג און אַ סוף...

— פּאַר פרעמד געלט?

— דאָס וואָס עס איז בײַ מיר אין קעשענע איז שוין נישט קיין פרעמדס.

— אין מען דאַרף זיך באַמיִען, אַז אַלץ זאָל אַריין צו מיר אין קעשענע.

— פאַרוואָס נישט?

— עכט פּאָעטיש! — האָט זעליק געענדיקט און גענומען מיט די אויגן זוכן עטאָן.

זי און בערגער זענען נישט געווען. זיי זענען אַריין אין צווייטן צימער.

מיט קיינעם נישט גערעכנט, ווייל בערגער האָט גע־באַלעבאַטעוועט, ווי בײַ זיך אין דער היים.

ווי נאָר זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון דעם חדר, וווּ אַלע זענען געזעסן, האָבן גלייך די איבערגעבליבענע גענומען אויס־פרעגן בײַ זעליקן:

— ווער זי איז?

— וואָס זי איז?

— דאָס איז די אַנאַרכיסטן.

— זי לאַכט, ווי אַ גימנאַזיסטין.

— זי איז שיין און נישט קיין נאַר.

איין רובין האָט זיך געבייזערט

— אַ צעלאָזט מיידל, פון וווילטאָג איז זי אַן אַנאַרכיסטין, פון וווילטאָג קריכט זי אין פייער.

ער האָט געגומען זוכן חסרונות, אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס זי האָט פאַרלאָזט אַלעמען און זיך אָפגעזונדערט מיט בערי גערן, מיט זיין שטענדיקן שונא. ער האָט זיין כעס, ווי שטענדיק איינגעהאַלטן נישט געקענט, ער האָט אפילו גענומען שפּאָסן פון זעליקן:

— אייער דאַמע, קאַמעניעצקי, האָט אייך אָפּגענאַרט, און ער האָט אַ ווינק געטון צו דער טיר פון צווייטן צימער, ווו דאָס פּאָרל איז אַוועק פּלוידערן.

באַ זעליקן האָט זיך אַרויסגעריסן:

— זאָל אייך דער קאָפּ נישט וויי טון.

און רובין ענטפערט:

— זאָל אייך דאָס האַרץ נישט וויי טון.

זעליק האָט זיך נישט געוואָלט קריגן און ער האָט צו שפּאַס געמאַכט דעם גאַנצן ענין:

— צו דעב איז נאָך נישט דערגאַנגען.

אַ צייט האָט מען געשוויגן, נישט געוווּסט מיט וואָס צו פאַרפילן דאָס שווייגעניש, דאָס האָט ווידער אויסגענוצט רובין ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ שטיקל פּאַפּיר און זיך אָנגערופן:

— איך האָב היינט אָנגעשריבן אַ ליד, איר מעגט עס הערן.

מען מעג צי מען מעג נישט, ער האָט גלייך גענומען לייענען. דאָס איז געווען אַ ווינטער־ליד, באַשריבן דעם מאָמענט, ווען דער שניי איז נאָך פריש און אומבאַרירט. אפשר האָט זיך קיינער נישט צוגעהערט און אַלע האָבן געוואַרט, אַז רובין זאָל גיכער ענדיקן, נאָר איין זעליק האָט געכאַפּט דעם אויפריכטיקן ציטער פון די עטלעכע פערזן, ער האָט דייטלעך דערפילט רובינס איבערלעבונג און ער האָט אים מיט דער אויפריכטיקייט אונטערגע

קויפט, ער איז אים מוחל געווען אַלע זיינע חסרונות, זיין צופיל אויסרעדן זיך וועגן זיך אַליין, זיין מאַניע פון גרויסקייט. „אַן אמתן פּאָעט מוז מען אַלץ מוחל זיין" אַזוי האָט ער זיך געטראַכט.

און פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ קלונג פון צווייטן צימער אַ קלונג פון אַ... פּאַטש.

ווי אַ גלעזערנע כּלי וואָלט געפּלאַצט.

אויסגעדאַכט צי נישט אויסגעדאַכט, אַלע האָבן אָנגעשטעלט די אויערן און זעליק האָט זיך דער ערשטער אויפגעהויבן פון זיין אָרט, ער איז אַריינגעלאָפן אין צווייטן חדר. בערגער און עטאַ פין זענען געזעסן איינער לעבן צווייטן.

באַ איר האָבן די אויגן געלויכטן בייז, מונטער און זי־געריש.

בערגער האָט זיינע שוואַרצע אויגן געהאַלטן צופיל אַראָפּ־געלאָזט און די ליפּן פאַרביסן.

זעליק האָט זיי אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק, אויף וועלכן עטאַ האָט זיך אָפּגערופן:

— אייער פריינט בערגער האָט צו באַוועגלעכע הענט. איך האָב זיי אָפּגעפּאַטשט.

— אַזעלכע זאַכן פּאַסירן, — האָט זעליק געענטפערט און ער האָט גענומען גוטמוטיק לאַכן, געוואָלט פאַרלאַכן דעם גאַנצן אינצידענט, בערגער איז באַלד געקומען צו זיך און ער האָט גע־נומען זינגען אַ רוסיש לידל.

ס'איז דאָך געווען אַ געשפּאַנטע שטימונג. עטאַ איז צוגע־גאַנגען צו איין וואַנט און געקוקט אויף האַלפערינס בילדער, אויף די פאָטאָגראַפיעס.

זעליק איז געשטאַנען באַ דער צווייטער וואַנט, געקוקט אויף אַ בילד און גאַרנישט געזען.

ער האָט געוואָלט לאַכן און זיך געשראָקן, געוואָלט זיך אַנ־

רופן צו עטאַן, האָט אים אויסגעדאַכס, אַז אין דער רגע פּאַסט עס נישט.

בערגער האָט כסדר געזונגען זיין לידל און געקוקט אויף די שפּיצן פון זיינע שיך, ביז ער איז געבליבן אַליין אין צימער...

שפּעטער ווען זעליק מיט עטאַן זענען אַרויסגעגאַנגען פון האַלפּערין, האָט זי געגומען לאַכן:

— אייער העלד בערגער האָט נישט איבער די הענט באַקומען, אַ פּאַטש אין פּנים האָט ער פון מיר געכאַפּט און ער האָט זיך פאַרלוירן ווי אַלע נישט העלדן, כאָטש ער איז אינטערעסאַנטער ווי אַנדערע, נאָר ער געפעלט מיר נישט. ניין!

XI

„זיי מיין יום־טוב"

נאָך ד[illegible] ווי עטאַ האָט דערציילט פאַר זעליקן, אַז זיין פריינט בערגער „האָט צו לאַנגע הענט" און וועגן דעם פּאַטש, וואָס בערגער האָט פון איר געקרוגן, איז זעליק געוואָרן אויף אַ צייט שווייגנדיק, געהאַלטן עטאַן אונטערן אָרעם און געשפּרייזט מיט איר אין צעשמאָלצענעם שניי און ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

זי איז לעצטנס שוין געווען צוגעוווינט צו זיין פּלוצלינג־דיקן שווייגן, פריער פלעגט עס איר פאַרדריסן, עס האָט איר געלאַנגווייליקט. איצט האָט זי געוואַרט דאָס זעליק זאָל אָנהייבן רעדן.

לאַנג געדויערט.

און אָנגעהויבן רעדן האָט ער גאָר וועגן אַן אַנדערע זאַך:

— מיר גייען אַהיים! צי מיר וועלן אַריינגיין אין אַ צוּ־קערניע, דאַכט זיך, אַז איך בין הונגעריק?

זי האָט אויף אים אַ קוק געגעבן און געשמייכלט דערביי.
איינעם האָט זי געפּאַטשט און צו דעם צווייטן שמייכלט זי, צו אים, צו זעליקן... איצט איז איר שמייכל אים פיל טייערער געווען:

הייסט עס, אַז מיט אים איז זי דאָך נאָענט, ער זעליק איז איר פּאַרטרויער, און דאָס, וואָס זי האָט אַ צווייטן אָנגעלערנט, האָט אים טיף אין האַרץ אַ ביסעלע געפרייט, און א גרויסע הנאה געטון.

און מיט בערגערן וועט ער רעדן וועגן דעם, ווי אַזוי דער־וועגט ער זיך מיט אַן אומבאַקאַנטער?

וואָס איז? אַלץ איז שוין הפקר?

ביסלעכווייז האָט זיך אין אים געוועקט אַ פאַרדראָס אויף בער־גערן און געטראַכט האָט ער זיין אַלט טראַכטעניש:

ווי אַזוי, פונוואַנען נעמען די אַנדערע אַזוי פיל דרייסטע חוצפה אין זיך?

זי האָט אַזוי ווי פאַרשטאַנען זיינע געדאַנקען און גע־פרעגט:

— עס פאַרדריסט דיך אויף בערגערן?

— פאַר זיינע צו באַוועגלעכע הענט?

— יאָ, דאָס מיין איך.

— איך וועל דיר זאָגן, עטאַ! איך בין אין כעס אויף בערגערן און איך קען אין דער זעלבער צייט אויף אים אין כעס גישט זיין, ער געפעלט מיר און אַ סך זאַכן וואָלט איך וועלן לערנען באַ אים.

— אפילו דאָס, וואָס ער האָט איצטער געטון מיט מיר?

— און אַז יאָ? וואָס וועסטו מיר טון, פּאַטשן?

— ניין, איך וועל דיר אַ גלעט טון דערפאַר.

ביידע האָבן געלאַכט.

דערנאָך זענען זיי געזעסן אין אַ צוקערניע אויף דער טראַ־קער גאַס, בײַ די טישלעך זענען געווען נאָך פּאָרלעך, אַ סטודענט מיט אַ לאַכעדיקער בלאָנדינקע, אַן אָפּיציר מיט אַ פרײַלין, וועלכע האָט געהאַט זייער אַ קליין נעזל און דאָס האָט זעליקן מיט עפּעס געמאַכט לוסטיק.

— זע נאָר, אַזאַ גרויסע מויד מיט אַן אַרבעסל אָנשטאָט אַ נאָז.

און עטאַ האָט זיך אָנגערופן:

— ווען איך האָב אַזאַ נעזל, דערטרינק איך זיך אין דער ווילִיע.

זיי האָבן זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן פון גרויס געלעכ־טער, ווי נאָר אַ בליק צו יענעם טיש און דאָס געלעכטער שטיקט זיי.

— הער אויף צו קוקן, זעליק! דער אָפּיציר וועט אין כּעס ווערן, דו ווייסט, אַז ער כאַפּט זיך באַלד צו געווער.

מיר זענען געוואָרן ערנסטער, באַשטעלט קאַווע און זעמל מיט פּוטער.

דערמאָנט זיך ווידער אַן בערגערן.

זי האָט געזאָגט:

— איך האָב ליב, אַז מענטשן זענען זיכער אין זיך, איך האָב ליב דרייסטע מענער, נאָר מיט אַ פרוי באַדאַרף מען טרעפן דעם מאָמענט, מען מוז פילן ווען... דיין בערגער האָט זיך אַ ביסל צוגעאײַלט און מײַן האַנט האָט געטראָפן אין זײַן באַק אַרײַן.

— האָסט אים טאַקע געגעבן אַן אמתן פּאַטש?

— אַן אמתן פּאַטש? ניין אַ פאַלשן פּאַטש, דו האָסט נישט געהערט דעם קלאַנג אין חדר?

— אַלע האָבן געהערט...

— טאָ וואָס פרעגסטו איבער?

זעליק האָט בייגעריק געקוקט אויף איר:

— ביסט אַזוי צופרידן פון דער געשיכטע?

— באַ מיר איז דאָס נישט קיין בייס. אין גימנאַזיע בשעת איך בין נאָך געווען, מיט די ערשטע גימנאַזיסטלעך, וואָס איך האָב שפּאַצירט... כמעט אַלע האָבן זיי געקרוגן פון מיר פּעטש.

— פאַרוואָס?

— פאַרוואָס? גיי פרעג זיי! זי האָט זיך מיט אים גערייצט, אַ גוטמוטיקן טאָן אויף צו להכעיס אים אַרויסגעוויזן און מיט אַמאָל האָט באַ זעליקן פריילעך און צעשראָקן דאָס האַרץ אַ צאַפּל געטון:

אין אַלע אירע ווערטער און באַוועגונגען האָט ער דערפילט, אַז זי ווערט אים אַלץ נענטער, ווייל אים אַלץ נענטער ווערן...

שפּילט זיך מיט אים, ווי אַ קעצל, רייצט זיך מיט אים... קוקט אים אַריין מיט ליבע אין זיינע אויגן. יאָ, זי איז היינט מאָדנע געשטימט, אויפגעמונטערט, פונקט ווי זי וואָלט ווין געטרונקען.

און די שפּין-ברעמען ציטערן איצט, ווי געווייגלעך, די שוואַרצע שפּיציקע אייגלעך האָבן זיך פאַרונדלט, ווי טונקל-שוואַרצע קאַרשן...

אַ געדאַנק איז זעליקן דורכגעפלויגן, אַ געדאַנק, אַז באַ עטאַן איז צייטיק געוואָרן דאָס געפיל צו אים, באַ זיי ביידן איז צייטיק געוואָרן זייער ליבע... און עס קומט זייער נאַכט.

קוקט אויף די פּאָרלעך, וואָס זיצן באַ די טישלעך און רעדן:

— דאָס זענען אַלץ פּאַרליבטע, זיי וועלן באַלד אַהיים גיין צו זיך, זיי וועלן זיך אַרומנעמען, זיי וועלן זיך באַלד קושן.

— פון וואַנען ווייסטו עס? עטאַ!

זי גיט אים אַ גאַנצע לעקציע:

— גיב אַ קוק, די אויגן באַ די פּרויען זענען קלענער געוואָרן... פון ליידנשאַפט, די מענער רעדן שטיל צו זיי, אויף זייערע ליפּן ליגט שוין דער שמייכל פון זיגער... דו באַמערקסט נישט?

— איך באַמערק איצט אַלץ, עטאַ, ביסט גערעכט! זע נאָר, די מיטן אַרבעס־נעזל קאָקעטירט מיט איר אָפּיציר, וואָס האָט ער געפונען אין איר?...

עטאַ האָט זיך געוויצלט:

— ער האָט אוודאי ליב אַרבעס... נישט אַנדערש.

אויסגעדאַכט האָט זיך אַז צווישן עטאַן און זעליקן האָט זיך דעם דאָזיקן אָוונט אַריינגעמישט אַ דריטער... אַ פאַרבאָרגענער פרייַנט פון זיי ביידן, אַ פאַרשטעלטער שליח פון נאַכט און ליבע. דער פרעמדער פרייַנט האָט זיי געבראַכט דעם שעמעוודיקן שמייכל. דאָס העזהדיקע פייערל אין די אויגן, האָט אין האַנט זיי אַריינגעלייגט און צום סוף זיי אַרויסגעפירט פון דער צוקערניע, ווו עס זענען געווען פרעמדע מענטשן.

ער האָט זיי געפירט אַהיים דאָרט אויף דער נאָוואָגראָדער גאַס, זי איז אים איצט נענטער געווען, יענץ מיידל פון ריגע, די רייכע, די צעלאָזטע אוואַנטוריסטין עטאַ פין איז גאָר איצט אַן אַנדערע געווען! אַ גאַנצן אָוונט האָט זי היינט נישט דערמאָנט דעם אַנאַרכיסט מיכעלסאָן, קיין איין וואָרט וועגן אים נישט גערעדט.

אויף דער גאַס איז געווען נאַס, דער שניי האָט זיך אַליין פון זיך געשמאָלצן, אַ קאַלט ווינטל האָט געבלאָזן, געקלאַפּט די שולדן פון די גאַסן.

עפּעס באַדאַרף מען דאָך רעדן און זעליק האָט זיך אָנגע-רופן:

— נאָך אַ פּאָר וואָכן און מיר וועלן פּטור ווערן פון ווינטער.

זי האָט געשוויגן און ער האָט ווידער גערעדט:

— אָן אַ קאַלענדאַר און אָן דער זון דערפיל איך שוין שטענדיק ווי דער ווינטער רוקט זיך אַוועק, ווייל איך וואַרט אומ-געדולדיק אויפן זומער, איך לעב נאָר צוליבן זומער...

געוואָלט נאָך עפּעס רעדן און זיך אָפּגעשטעלט, ווייל עטאַ האָט געשוויגן, איינמאָל האָט זי יאָ אויפגעהויבן אויף אים אי-רע אויגן, ער האָט געכאַפּט איר בליק און דער בליק האָט גע-רעדט:

— וואָס פּלאַפּלסטו?

זיי האָבן ווידער געשוויגן, זיי זענען איצט געווען אונטער דעם שוץ פון אַ גרויסער מויער, דער ווינט איז דאָ נישט צוגע-קומען. זי האָט פאַרקלענערט איר טריט, אינגאַנצן זיך אָפּגע-שטעלט.

אויפגעהויבן אויף זעליקן די אויגן און פאַרשטיקט אַ מורמל געטון מיט שפּאַס, מיט שטיפעריי און מיט ליידנשאַפט:

— נו...

ער האָט אָנגעשטעלט אויף איר די אויגן, צום אָנהייב נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי וויל פון אים. נאָר באַלד זיך געכאַפּט און צוגעפאַלן צו אירע ליפּן... דערביי האָט ער מיט גרויס פרייד געטראַכט: „משוגעת, אויפן מיטן גאַס קושן זיך".

אָפּגעגאַנגען אַ ביסל און ווידער דאָס זעלבע:

— נו..

ער האָט גענומען לאַכן אויפן קול פון איר איינפאַל, זי האָט געשוויגן און געוואַרט אויף נאָך אַ קוש...

אַז קיין מענטשן שטערן נישט און די גאַס איז לאַנג און ברייט און אין דער הייך דאָרט אין הימל גייט אַ יאָגעניש, אַ פלאַטערניש פון ווייסע וואָלקנס און צווישן די וואָלקנס בליצן גאָלדענע שרעטעלעך, די לבנה, ווי אַ רונדער ווייסער קעז שטייט אינמיטן הימל און גלאַנצט תמעוואַטע...

גלאַנצט גלייכגילטיק און לאָזט זיך נאָך מער שייערן פון די האַסטיקע וואָלקנס, וועלכע פאַרשטעלן זי פון צייט צו צייט...

דאָרטן אונטער די היידער האָט דער ווינט געקלאַפט שילדן, אויפגעעפנט מיט האַסט און פאַרמאַכט אַ נישט פאַרשלאָסענע טיר פון אַ טויער.

זיי זענען אַלץ נענטער צוגעקומען צו זייער הויז. ערב אַ גרויסן יום־טוב האָט זיך זעליק געפילט און ווי שטענדיק...

ווי שטענדיק, ווען ער האָט אָפּגעוואַרט עפּעס גוטס, האָט אים אויך איצט דאָס אַ ביסל געשראָקן, ער האָט זיך מורא געהאַט צו רעדן מיט עטאַן... מאָרגן! אָט דאַכט זיך אים אויס, אַז ער האָט געפונען דאָס גליק, ער פירט דאָס באַזיגטע חיהלע אין זיין נעסט אַריין און באַלד דערפילט ער זיך, אַז ער איז אַליין געפאַנגען, ער לאָזט זיך פרייוויליק פירן.

— עטאַ.

זי הייבט אויף אויף אים אירע אויגן.

ער האָט געוואָלט עפּעס פרעגן און נישט געפונען די ווערטער.

— מיר זענען שוין באַלד אין דער היים. זי פאַרשטייט, אַז ער האָט נישט געזאָגט, דאָס וואָס ער האָט געוואָלט און זי לאַכט זיך פונאַנדער:

— אַי, ביסטו אַ נאַר...

און ער ווייסט נישט מיט וואָס ער איז אַ נאַר און ער טראַכט שוין פון דעם נישט מער, ווייל די טיר איז שוין אָפגע-שלאָסן און זיי גנבענען זיך ביידע אַריין אין דעם נידעריקן הייזל, זיי שטעלן פאָרזיכטיק טריט, די אַלטע באַלעבאָסטע זייערע זאָל זיך נישט אויפוועקן.

נישט אָפגעלאָזט איינער דער צווייטן.

זייערע צוויי צימערן זענען באַוואַרעמט, די אַלטע האָט אַכטונג געגעבן, אַז אירע קוואַטיראַנטן זאָלן זיך פילן גוט בײַ איר.

זי איז געווען אַ קלוגע אַלטע, אַן עלנטע און אַ גוטע נשמה, פלעגט זיי קיינמאָל נישט שטערן, נישט קריכן אין די אויגן, פונקט ווי זי וואָלט טראַכטן:

— יונגע מענטשן... זייער וועלט... וואָס האָב איך מיט זיי צו טון?

איצט זענען זיי ביידע אַ קורצע צייט געווען אין זייערע חדרים, דאָס ווענטל האָט זיי אָפגעטיילט, נאָר איינער האָט גע-טראַכט פון צווייטן און איינער האָט געוואַרט אויף ז'עם צווייטנס רוף.

כמעט אין דער זעלבער רגע האָבן ביידע זיך אָפגעגע-רופן:

— זעליק!

— עטאַ!

— קום אַריין צו מיר...

— ניין! קום אַריין צו מיר!

זיי האָבן זיך לאַנג נישט געדוגנען:

זעליק איז שוין געווען בײַ איר אין חדר, פאַר די עטלעכע טעג וואָס ער איז צו איר נישט אַריינגעגאַנגען, האָט זיך איר צי־מער אינגאַנצן געביטן.

זי האָט באַפּוצט איר בעטל מיט אַ קאָלירטן פּלעד, אַ ווייס קישעלע מיט ברייטע קרייזן האָט געלויכטן פון זיך אַליין, די וואַנט, וואָס בײַ דעם בעט, איז געווען באַהאַנגען מיט אַ שטיק גרין־רויטן זייד:

— דער פּאַפּאַ שיקט געלט און איך קויף שמאַטעס, פאַר דיר האָב איך עפּעס געקויפט... גיב אַ קוק!

זי האָט אויפגעזוכט אין איר וואַליזקע אַ פּאַרטסיגאַר פון קראָקאָדיל־לעדער און עס דערלאַנגט זעליקן.

ער האָט זיך פאַרשעמט ווי אַ קינד:

אים קויפט מען מתנות און ווער? דאָס צעלאָזענע מיידל, פאַר וועלכער ער האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן.

אויסגעדאַכט האָט זיך אים די לעצטע צייט, אַז זי טרייבט פון אים שפּאַס.

ער האָט געשוויגן.

און זי פרעגט מיט אַ שמייכל:

— וואָס זאָגט מען?

— אַ דאַנק...

און אַ שפּרונג געטון צו איר, אַרומגעכאַפּט און זיך גע־לאָזט טאַנצן מיט איר.

ווי לייכט זי איז! אַ פעדערל...

ניין, זי וועגט גאָרנישט. אַ ווינטל, אַ געלעכטערל איז זי, אַ שמייכל, אַ חלום...

אָװעקגעזעצט זיך מיט איר אויפן בעטל.

זי פרעגט:

— דו וואָלסט געקענט ליב האָבן אַזאַ מיידל ווי איך בין, אַזאַ משוגענע ווי איך בין.

— איצט ביסטו גאָרנישט משוגע, ביסט די שענסטע, די בעסטע...

— אָבער זאָג מיר, דו וואָלסט געקענט ליב האָבן, שטאַרק ליב האָבן אַזאַ עטאַ?

ער האָט זיך פאַרטראַכט און לאַנגזאַם געענטפערט:

— איך וועל ליב קריגן מיטן גאַנצן לעבן יענע פרוי, וועלכע וועט מיך אויף אַן אמת ליב האָבן, איך פיל, אַז אַזאַ פרויקען פון מיר באַקומען דעם גרעסטן קרבן, מיין גאַנץ לעבן.

— און אַז דאָס וועט זיין אַ מיאוסע, מיט אַ לאַנגער נאָז, אָדער מיט אַ קרום אויג?

— ניין, דאָס וואָלט מיר געווען שווער, זי באַדאַרף זיין אַ שיינע, כאָטש אַ ביסעלע שיין. אַ באַחנטע...

— און איך בין אַ ביסעלע שיין? זאָג! דו האָסט מיך ליב?

ווי אַזוי זאָל ער ענטפערן?

עטאַ איז געווען גענוג שיין, גענוג באַחנט פאַר אים, חוץ דעם האָט אים אינטריגירט איר אַרט לעבן, דאָס חויז פונאַנאַנדער זי האָט באַקומען איר דערציִונג און אירע קאַפריזן.

ער האָט שטענדיק געקוקט אויף איר מיט גרויס נייגעריקייט, צוגעהערט זיך צו איר יעדעס וואָרט, טאָמער וועט ער עפּעס דערהערן, וואָס זאָל אים אויף שטענדיק קלאָר מאַכן, ווער זי איז און וואָס זי איז. אָבער איצט די קלאָרע פראַגע, וואָס זי האָט געשטעלט:

„זאָג, דו האָסט מיך ליב?"

אַ טראַכט געטון און באַלד באַ זיך באַשלאָסן, וואָס ענטפערן:

— כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, עטאַ!

זי האָט אַזוי אומגעדולדיק אָפּגעוואַרט זיין ענטפער.

— נו, רעד שוין...

— איין זאַך ווייס איך. פיינט האָב איך דיך נישט.

— ווי זאָל איך דאָס פאַרשטיין?

עפּעס שטיפערישס, ווילד-בחורישס האָט זיך אין אים אויפגעוועקט:

זי זיצט לעבן אים אַזוי נאָנט און פרעגט אים אויס, פאָרשט אים...

און ער האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר זי אַרייגעכאַפּט אין די אָרעמס זיינע און גענומען קושן.

די שפּראַך איז די בעסטע, זי האָט אים פאַרשטאַנען.

איצט זענען זיי געזעסן און געפּלאַפּלט, ווי קינדער.

אויסגעדאַכט האָט, אַז זיי ווילן זיך פאַרעדן.

ער דערמאַנט עפּעס פון זיינע קינדער־יאָרן...

— טויבן האָסטו ליב? נישטאָ באַ מיר קיין שענערע דערי־נערונגען, ווי יענע טעג, ווען איך בין מיט יונגלעך און שקצים אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, איבער די הויפן, געקלעטערט אויף דעכער — אַלץ צוליב די טויבן. באַרעכן נאָר אַ גאַנצע מחנה מיט פייגל און יעדער פויגל האָט אַנדערע פעדערן, אַנדערע קאָ-לירן. דאָס שענסטע, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, זענען די פאַרבן פון גאָר דער וועלט.

— און איך האָב ליב ווייסע מייזעלעך, אין ריגע בשעת איך בין נאָך אַ קליין מיידעלע, געווען אין ערשטן קלאַס גימנאַזיע, האָב איך איינמאָל אויף דער גאַס דערזען אַ כינעזער מיט ווייסע מייזעלעך, ער האָט געוויזן מיט זיי פאַרשידענע קונצן, שטעל דיר

פאַר! אַ גאַנצע טאָג בין איך אים נאָכגעלאָפן און אין דערהיים באַ אונדז איז געווען אַ גאַנצער טומל, מען איז שוין געלאָפן אין דער פאָליציי מעלדן: אַ מיידעלע איז פארלוירן געגאנגען.

— ניין, עטאַ! טויבן זענען שענער, טויבן פליען אין דער הייך, אַזש אין די וואָלקנס אריין, זיי באָדן זיך אין דער בלויקייט, וואָס מיר מיט אונדזערע אויגן זען בלויז און דיינע מייזלעך לעבן אין דער ערד, אין נאָרעס...

וי האָט זיך נישט אינטערגעגעבן:

— אַ ווייס מייזעלע מיט אַזעלכע לויפנדיקע אייגעלעך, עס איז אַזוי שיין, ווי אַ טויב, שענער ווי אַ טויב, אַ טויב קען שטענדיק אַוועקפליען און אַ מייזעלע, אַז עס געוויינט זיך צו צו דיר, איז דאָס אַזוי ווי אַ חברטע.

זיי האָבן אַליין נישט באַמערקט, ווי יונג, ווי קינדיש זיי זענען געוואָרן, זי האָט אים דערלאַנגט שאָקאָלאַד און פלוצלינג.

— אפשר ווילסטו אַ שנאַפס, איך האָב אַ פלעשעלע בענעדיקטין, באַם פאַפאַ צוגענומען.

— ווי הייסט עס?

— בענעדיקטין...

— אַ שווערער נאָמען...

— אָבער ס'איז לייכט צום טרינקען.

און זיי האָבן געטרונקעןביידע. צו האַלבע גלעזלעך, צו טראָפן, צו צוויי טראָפנס.

קיין סך האָבן זיי נישט געטרונקען, נאָר די צוויי יונגע קעפ האָבן זיך אַ ביסעלע באַרוישט, זיי האָבן זיך איצט גאָר אַנדערש געקושט. הייסער פרעכער.

— זעליק! — האָט זי גערעדט, זיך מאַכנדיק מער שיכור, ווי זי איז אויף אַן אמת געווען. זעליק! צו וואָס ג'יז דאָס וועגטל?

האַ! דיין בעטל שטייט דאָרט צו וואָס איז דאָס ווענטל, האַ! זאָג! לאָמיר צעברעכן די וואַנט... לאָמיר!

און ער האָט אונטערגעהאַלטן אין זעלבן טאָן:

— צו וואָס איז דאָס ווענטל?

— לאָמיר עס צעברעכן, זאָג איך דיר.

— לאָמיר!...

נאָר בשעת זי האָט פון איר אָרט אויפגעשפרונגען און געכאַפּט אַ בענקל, כדי מיט דעם צו האַקן דאָס ווענטל, האָט ער זי פאַרן האַנט אָנגעכאַפּט:

— קלאַפּ נישט, עטאַ! וועסט אויפוועקן די באַלעבאָסטע אונדזער

— ביסט גערעכט, איך האָב אָן איר פאַרגעסן.

זי איז צוגעלאָפן צו אים און זיך פאַרטראַכט מיט אַ מידקייט פון אַ שטיפערקע, וואָס האָט זיך צופיל אָנגעלאָפן.

בשעת זי האָט געטראַכט, האָט ער מורא געהאַט פאַר איין זאַך:

זי זאָל נישט דערמאַנען מיכעלסאָנען... זיין שענסטער חלום וואָלט באַלד צעשוומען געוואָרן.

נאָר נישט וועגן מיכעלסאָנען האָט זי געטראַכט, אין איר קליין קעפל האָט זיך אַ שעלמישער געדאַנק געשאַפן און זי פלאַפּלט עס גלייך אויס:

— מיר וועלן אָפּמאַכן...

— וואָס אָפּמאַכן?

— מיר וועלן אָפּמאַכן אַזוי, וואָס איינער וועט היינט פאַרדערן, טאָר דער צווייטער נישט אָפּזאָגן.

זעליק האָט געזוכט איר בליק, וועלכן זי האָט געוואָלט באַהאַלטן. עס האָט זיך אים אַלץ פאַרשטאַנען, דאָס וואָס זיין האַרץ

האָט אזוי געגומען קלאַפּן נאָך אירע ווערטער, איז געווען בישט אומזיסט.

אָבער לאָז אַ קוק טון אין דיינע אויגן... וווהין פירן זיי?

איין אויג אירס האָט ער אָפּגעדעקט, דאָס צווייטע האָט זי מיט דער האַנט צוגעמאַכט, נאָר דאָס איינע אויג איז אויך געבוג געווען, אַ העזהדיקע שעמעוודיקייט האָט געקוקט אויף אים.

ער האָט זיך אָפּגערופן:

— גוט, גוט, גוט... וואָס איינער וועט היינט פאָדערן, טאָר דער צווייטער נישט אָפּזאָגן און אַזוי ווי זי איז, אַזאַ שמאָלענקע, אַזאַ דרייסטע, קעציש־ביייגעוודיקע האָט ער זי אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס און געזוכט, ווו געשמאַקער צו קושן:

אין די ליפּן, אין האַלדז און טיפער טיפער... דאָרט, ווו איר לייב איז וואַרעמער, דופטיקער.

נאָכן ערשטן אָטעם האָט ער געקושט אירע אויערן, דעם נאַקן און די האָר... דערנאָך האָט ער די האָר אירע מיט די ציין זיינע צעפלאָכטן, צעוואָרפן...

— אָט אַזוי איז שענער, ווילדער...

און זי האָט זיך גענורעט מיט איר קאָפּ אין זיין ברוסט, פּונקט, ווי זי וואָלט דאָרט אַ באַהעלטעניש זוכן און זי האָט געשוויגן, געשוויגן... געשוויגן...

אין איר שווייגן האָבן אָפּגעקלונגען די אַמאָליקע ווערטער אירע אין קאָפּע:

„נישט אויף שטענדיק אַנטלאָפן".

אין איר שווייגן, וואָס האָט זיך צוגעדעקט מיט די פּאַליעס פון צעשאָטענע האָר, מיט דער טונקלקייט פון צימער, מיט דער נאַכט, וואָס האָט געשוועבט אונטער די לאָדנס, האָט זיך איצט פּלוצלינג אַנטפּלעקט פאַר זעליקן דער שוואַרצער לאַגדשאַפט פון

די כסטיבאָזוער פעלדער, באַנאַכט, די פערד, וואָס פיטערן זיך אויפן גראָז, הירזשען און קלאַפּן מיט די פיס... — ער מיט פּאַיען...

ער האָט איצט געפּילט דעם ריח פון פרישן היי, וואָס טריקנט זיך אויף די לאָנקעס, ער האָט געפּילט, גישט געפּילט, פאַרגעסן, נישט פאַרגעסן.

פלוצלינג האָט זיך עסאַ גענומען באַוועגן, געוואָלט זיך באַפרייען פון זיינע אָרעמס און דער לעצטער געראַנגל אירער האָט אים צערייצט און אינגאַנצן פאַרשיכּורט.

אַ זידנדיקער כּעס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן, אַ באַרעכטיקער אויף צו להעכעיס...

וואָס? זי?... אַזאַ פּעדערל, אַזאַ קינד, בלום, מיידל, אַזאַ קאַפּריזל האָט די דרייסטקייט מיט אים זיך צו ראַנגלען.

ווי שטאָלענע שטאַבעס האָבן די אָרעמס זיינע געשמידט איר אָנמעכטיקייט, אין איר אונטערטעניקייט זענען נאָר פריי געבליבן אירע ליפּן, מיט וועלכע זי האָט געזוכט זיינע ליפּן, געפונען און איינגעביסן זיך אין זיי — איר איינציקע נקמה.

באַזיגט...

ביידע האָבן דערנאָך איינצייטיק דערהערט דאָס קלאַפּן פון אַ שטאָל־טיר, צי פון אַן אָפּגעריסענעם לאָדן, דער ערב־פרילינג־ווינט איז געגאַנגען איבער די אָרימע הויפן און וואָס געזוכט, גענישטערט...

זעליק האָט געזוכט מיט זיין האַנט עסאַס פּנים, געוואָלט איר אַ גלעט טון, געווען איז ער אַליין באַזיגט פון זיין אָפּגעהאַלטענעם זיג, געווען איז ער איבעראַשט שטאָלץ און צוריקגעהאַלטן...

ווען זיין האַנט איז צוגעשווומען צו אירע ליפּן, האָט זי איין פינגער זיינעם אַרייגעכאַפּט אין די ציין און איינגעביסן.

— פאַרוואָס? עטאַ! ער איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט דאָס געטון, געגעבן אים די געלעגנהייט צו רעדן אַ וואָרט.

— ווייל איך וויל אַזוי.

אַזוי ענטפערט אַ קינד און אַזוי ענטפערט אַ דערוואַקסענער מענטש, בשעת ער וויל זיך מאַכן קליין, צערטלעך, קינדיש. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, זיי האָבן זיך צעלאַכט איינער צום צווייטן און פאַרזיגלט מיט אַן אָפּגעקילטן קוש די פאַרגאַנגענע ווילדע רגעס.

זי האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַלדז, האַלבאַרומגענומען, האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט און איר שמאָל פיגורל איז אַזוי ווי פאַרלוירן געגאַנגען אין זיין געאָרעמטן רייף...

— מיר זענען פריינט?...

— יאָ!

— מיר זענען געליבטע?...

— יאָ!

ער פרעגט און זי ענטפערט...

— איך וועל דאָ מיט דיר בלייבן אַ גאַנצע נאַכט?

— יאָ... ניין, מיר וועלן מיין בעטל אַריבערטראָגן אין דיין צימער, דיין צימער איז גרעסער, ווי מיינס.

— און איין בעטל וועט שטיין לעבן צווייטן?

— יאָ... אַ קיין ימעלע פון קישנס און קאָלדרעס, מיר וועלן אַוועקשווימען...

— וווהין?

— ווייטער פון אַלע, „מ׳טאָר" און „מ׳טאָר נישט".

אַ רגע געשוויגן און דערנאָך איר שטיל קול:

— אויף איין פוס איז מיר געבליבן אַ שוך, צי עס אַראָפּעליקן!

ער שפרינגט אַראָפּ און שנירלט אָפּ דעם שוך.

ווידער לעבן איר, מיט איר. אין צימער איז וואַרעם און אויף דער גאַס פייפט אַ וועלפישער ווינט — ווי פיל גליקלעכע נעכט אַזעלכע האָט ער שוין אָוועקגעפייפט.

עס איז אים גוט אויף דער נשמה און דאָך דאָס ביסעלע מורא, אַז אַלץ וועט אַוועקגיין, פאַרשווינדן, דאָס נאָגט קוים-קוים און ווי צו זי אַליין רעדט ער:

— יעדער פרייד איז אַרומגעזייעט מיט אַ דייפּעלע טרויער.

— טאַ לאָמיר עס מאַכן פאַרקערט, לאָמיר יעדער פינטעלע טרויער אַרומצוימען מיט פרייד.

— וועסט מיר העלפן דערצו?

— יאָ. און דו?

— איך, עטאַ! פאַר אַ פריינט. וואָס וועל איך נישט אָפּגעבן פאַר אַ פריינט?

און פלוצלינג האָט זיך אין אים אויפגעוועקט זיין אַלטע פריינט-בענקשאַפט, עס האָט אים פון אָרט אויסגעהויבן, פונקט, ווי ער וואָלט וועלן כוחות אָנזאַמלען אַרויסצוזאָגן זיך, געקוקט מיט דערוואַרטונג אויף איר, ווי אין איר, אין עטאַן, וואָלט זיין גאַנצער גורל געלעבט, זיין צוקונפט, זיין האָפנונג:

— עטאַ, זאָל דאָס נישט בלייבן קיין צופאַל די הייַנטיקע נאַכט. דו הערסט, ווי דער ווינט יאָמערט אונטערן פענסטער, דאָס יאָמערט די נשמה פון אַלע איינזאַמע איצט, ווען דו ביסט מיט מיר צוזאַמען, פיל איך זיך, ווי אין אַ שטאַרקער פעסטונג און וואָס ביסטו? אַ שוואַכע פרוי... דו... דיך וועט דער ווינט גיכער אומוואַרפן פאַר מיר, דו ביסט שוואַכער, צופיל אויסגעצערטלט... דו דאַרפסט אויך אַ פריינט און איך וויל דאָס זיין פאַר דיר, באַרעכן זיך, שטעל זיך פאַר! וועסט האָבן אַ מענטש, וואָס וועט שטענדיק

טראַכטן וועגן דיר... עטאַ, לאַנגע חדשים, שוין מער אַפילו, עס דאַכט זיך מיר אַלץ אויס, איך, איך גיי אין שמאָלע, גרויע קאָרי-דאָרן, לאַמיר אָפּרעדן, שטילערהייט פֿאַרחתמעגען אונדזער פּריוואַט-שאַפט, נישט זיין אַזוי ווי אַלע, זיין אַביסעלע אַנדערש, ערלעך אייגער צום צווייטן און איך וועל דאַמאָלס אַרבעטן, אַ סך אַרבעטן, וועסט זען, פון די לעצטע וועל איך זיכער נישט זיין...

די האָט געקוקט שווייגנדיק אויף אים: ער האָט געפּלאָנ-טערט מיט דער צונג נישט געזאָגט אַלץ, וואָס געפילט. אין דער רגע איז ער איר באַנט געווען, אין אַזאַ רגע, ווען אַ פרוי וויל אַלץ נישט זאָגן... זי נעמט אָן דעם בחור פאַר דער האַנט און ציט אים צו צו אירע ליפּן.

און ער טראַכט, אַז זי איז פולקאָם איינשטימיק מיט אים.

זינגט אין אים די האָפנונג און ער וואַרפט ווערטער מיט קושן, קושן מיט ווערטער:

— זיי מיין יום-טוב, עטאַ! זיי מיין יום-טוב, איך וויל נישט האָבן קיין גרוי לעבן, איצטער פיל איך, אַז אָן דיר, וועל איך זיך קיין אָרט נישט געפינען... דו ווייסט, איך האָב דיך שטענ-דיק געזוכט, אַפילו נישט טראַכטנדיק פון דיר, פאַרגעסנדיק דיין נאָמען, האָב איך דאָך געאָטעמט מיט מיין בענקשאַפט צו דיר... איך וויל דיך נישט אָפּלאָזן...

— און אפשר וועסטו גאָר פון מיר אַנטלויפן?

— וואָס רעדסטו? ווו וועל איך לויפן? צו וועמען? אומע-טום זענען די שמאָלע גרויע קאָרידאָרן, אַ יאָר פאַרגייט, איידער אַ מענטש געפעלט מיר, אַ יאָר געדויערט איידער איך האָב דרייסט צוגיין צו וועמען בענטע

שטיל געוואָרן, מיד, געגלעט מיט די פינגער אירע באַקן, די פינגער זיינע, וועלכע זי האָט יעדע פאָר רגעס געקושט און לייכט געביסן... ווי אַ חיהלע.

דערנאָך זענען זיי אַראָפּ פון געלעגער, זיי טראָגן אַריבער איר בעטל אין זיין צימער... אַ פּראָצעסיע. זי גייט, פאָרויס מיט שטילע טריט, די באַלעבאָסטע זאָל נישט דערהערן די איבערוואַנדערונג, וואָס דאָ קומט פאָר...

ער... פון דער צווייטער זייט דאָס בעט.

ביידע זענען זיי מאָדנע אויס, האַלב אויסגעטון מיט צעשויבערטע האָר. זי לאַכט, שמייכלט און נעמט גאָר זינגען מיט אַ האַלב קול די מאַרסעליעזע — עס קומט דאָ פאָר אַ רעוואָלוציע.

זיי טראָגן דאָס בעטל, זיי טראָגן זייער חופּה=געלעגער. ווי גנבים, פאָרזיכטיק!.. זיין צימער איז נעבנטער צו דער קיך, וו די אַלטע שלאָפט. דער אָטעם איינגעהאַלטן...

ווי גנבים...

באַ וועמען גנבענען זיי? באַ זיך אַליין, באַ דער נאַכט, וואָס וויל, אַז אַלץ זאָל טרויעריק און פינסטער זיין, באַ דעם ווינט, וואָס קלאַפּט אין די לאָדנס, ווי אַ מלאך המות.

ווען דאָס בעטל איז שוין געשטאַנען אויף אַן אָרט, צוגעשטעלט האַרט לעבן זעליקס געלעגער, האָט עטע אַזוי ווי זי וואָלט זיך פלוצלינג אָן עפּעס דערמאַנט, גענומען און אויפגעהויבן אַ פייג צו דעם... ווענטל, וואָס האָט אָפּגעצוימט זייערע צימערן:

— נישטאָ מער קיין ווענטל, בע!...

אין אים האָבן די האַלב-קינדערישע שטיפערייען און שפּאַסן געפרייט ביז גאָר.

אין הארץ האָט ער געקניט פאַר איר, פאַר דער געבענטשטער נאַכט, פאַר דעם גורל...

בשעת זי האָט גענומען מיט אירע דינע נאַקעטע הענט צוגרייטן איין געלעגער פאַר זיי ביידע...

ער...

ער האָט זיך נאָך טיף אין זיך געשעמט פאַר דער פרוי, וואָס האָט זיך אים היינט איבערגעגעבן, יונג-בחוריש זיך געשעמט און צוליב דעם אויסגעמיטן פילמאָל איר בליק, דערווייל האָבן זיך די לייִלעכלעך אויף די בעטן אויסגעשפּרייט, די קישנס האָבן זיך אויסגעלייגט איינס לעבן דעם צווייטן, אירע הענט האָבן געאַרבעט לאַנגזאַם, שפּילנדיק...

— וויפיל זענען מיר שוין באַקאַנט? זי פרעגט עס, גלאַט אַזוי, עפּעס צו רעדן און ביידע נעמען רעכענען די טעג, וואָכן, חדשים פון זייער קאַנטשאַפט.

פאַרלעשן דעם לאָמפּ, פינסטער און אין דער פינסטערניש הערט זיך דייטלעך דאָס קלאַפּן פון צוויי הערצער...

יונגע הערצער...

און יעדער הארץ זוכט אויף איר אופן די וועגן פון ליבע, איינער איז דרייסט און ברוטאַל, דער צווייטער איז שעמעוודיק און הכנעהדיק, נאָר אַלע פאָלגן דעם אייגענעם געזעץ פון דער נאַטור, אריינגעבאַרט ווערט מען אין לעבן דורך הנאה...

ווו איז יענע עטאַ פין? וואָס פלעגט זיך רייצן מיט דעם ?עליקן, צורופן צו זיך און אָפּשטויסן.

ענע עטאַ פין, וואָס האָט באַ זיך אין וואַליזקע געהאַלטן ? רעוואָלווער מיט קוילן? ווו איז זי, די, וואָס האָט זיך געחברט מיט בייזע פאַרביסענע מענטשן, מיט אידעאַליסטישע מערדער? נישטאָ עטאַ פין,

דער נאָמען מיכעלסאָן, איר געליבטער, איר געוועזענער געליבטער איז היינט נישט דערמאָנט געוואָרן. קיין איינמאָל נישט...

עס וואָלט געווען אַ זינד צו דערמאָנען איינעם, וועלכן זי האָט אמאָל ליב געהאַט, אין דער צייט, ווען אירע אָרעמס האָבן זיך געצויגן צו אַ צווייטן.

עס וואָלט געווען אַ לעסטערונג צו דערמאָנען אַ ווילד־פרעמדן נאָמען, דאָ אין דעם קליינעם חדר, וווּ די ווייטע, גרויסע וועלט איז אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן, ווען זיי אַליין זענען פאַר זיך דער ציל געוואָרן.

די פינסטערניש איז דאָך צוליב דעם אַליין באַשאַפן געוואָרן צוצודעקן אַלץ, אַפילו זייערע אויגן, וועלכע שעמען זיך, בשעת מען דאַרף זיך נישט שעמען.

די ליפן שווייגן, נאָר די הערצער קלאַפן און, זיי זאָגן זיך אָן:

„זאָ בין איך, דאָ... נעם מיך

אין דער פרי קומט אַריין אין צימער זעליקס אַלטענקע באַלעבאָסטע. זי האָט דאָרט באַדאַרפט אַרייַנטראָגן האָלץ איינצוהייצן.

און זי געפינט דאָ צוויי בעטן.

די שכנטע שלאָפט לעבן דעם הויכן בחור, איר קאָפּ ליגט אויף זיין ברוסט.

זי שטייט די אַלטע און באַטראַכט זיי, זי וויל שלעכט זיין, שילטן זיי די צעלאָזטע, זיי זענען דאָך נישט קיין מאַן און ווייב. נאָר שילטן קען זי נישט די גוטע אַלטעטשקע, זי דערמאַנט זיך איר יוגנט, זי לעבט עפּעס איבער אין דער רגע און גנבעט זיך אַרויס פון צימער, אַפילו פאַר די שכנים טאָר מען דאָס נישט דערציילן.

אָבער אין אַ טאָג אַרום, ווען זעליק איז אַריין צו איר אין קרעמל האָט זי אויף אים בייז אַ קוק געגעבן [illegible] אים טיטער אין קרעמל:

— יונגערמאַן, איר לעבט מיט דעם מיידל ווי מאַן און ווייב פון קיין חופּה טראַכט איר נישט.... באַ מיר אין שטוב וויל איך דאָס נישט.

זעליק האָט זיך געריכט אויף דעם און ער האָט גלייך געפונען אַן ענטפער.

— מיר וואַרטן אויף פּאַפּירן, פון ריגע וועלן אָנקומען אידע פּאַפּירן, מיר וועלן חתונה האָבן, זייט רויִק באַלעבאָסטע!

פון דאַמאָלס אָן האָט זי זיי מער נישט באַאומרויִקט, מיט גוטע אויגן פלעגט זי קוקן אויף זעליקן און מיט בייגעריקייט אויף עטאַן — אַזאַ מיידל האָט זי נישט פאַרשטאַנען.

טעג זענען איצט געגאַנגען רויִקע, כאָטש דער בייזער ווינטער איז אָפּגעשטאַרבן מיט אַזאַ ליאַרם, מיט ווינטן, שנייען און האָגל, די זון פל[illegible]טרוקנען די גאַסן און מענטשן זענען געגאַנגען אויף דער זון־זייט, ווייל אין שאָטן איז נאָך קאַלט געווען.

אין זעליקס צימערל זענען די צוויי בעטן אַזוי שטיין געבליבן.

געגעסן האָבן זיי צוזאַמען. זי האָט זיך איצט אינטערעסירט מיט אַלע קלייניקייטן פון זיין אַרבעט, געהאַלטן זיך לעבן אים מיט אַ געטריי׳ע אונטערטעניקייט

— דיר איז גוט מיט מיר?

איר פראַגע.

און ער, ווען ער וואָלט זיך נישט שעמען, ווען זי זאָל אים פאַר אַ זעלכע סענטימענטן נישט אויסלאַכן — אויף דער ערד, צו אירע פיס וואָלט ער פאַלן און אויסשרייען:

— טויזנט מאָל גוט, ניין, פרעג נישט, טייערע! דאָס האָב איך דאָך שטענדיק געוואָלט. פילן לעבן זיך אַ צווייטע נשמה.

ער ענטפערט אָבער מיט אַ גוטן בליק און מיט עטלעכע איינגעהאַלטענע ווערטער.

— דו זעסט נישט? קינד! איך בין אַן אַנדערער געוואָרן, די אַרבעט גייט בײַ מיר פונקט, ווי אַ פעדערל וואָלט געשוועבט, דאָס לעבן איז מיר לייכט געוואָרן... און דיר, עטאַ, דיר איז גוט מיט מיר?

— דו פרעגסט נאָך?

און ענדיקן פלעגן זיך שטענדיק די שמועסן מיט דעם, וואָס איינער דעם צווייטן פלעגט זיך וואַרפן קושן. די קושן האָבן צוגענומען בײַ זיי אַלע פראַזן, אַלע ווערטער און אַלע באַיז־קייטן.

זי פלעגט איצט נישט וואַרפן מיט געלט, ווי פריִער, אָנגע־הויבן זיך באַשיידענער צו קליידן, אויפגעהערט צו באַגיסן זיך מיט פערפום, געוואָלט זיין גלייך מיט אים, געבראַכט קרבנות צו־ליב זיין אָרימקייט.

וויפיל מאָל האָט זי צו אים דעמאָלט געזאָגט:

— באָרג בײַ מיר הונדערט רובל און באַקלייד דיך אַ ביסל.

— עס איז נאַריש, עטאַ! און דאָך וועל איך בײַ דיר קיין געלט נישט נעמען.

— פאַרוואָס?

— אָן אַ פאַרוואָס.

זי באַטראַכט אים, זיין אָנצוג איז אויסגעריבן, די שיך צע־דרייט.

ווערט ער באַ זיך פאַרלוירן און מונטערט איר:

— דו זעסט דאָך, איך האָב נייע אַרבעט. אין אַ וואָך אַרום וועט זיין באַ מיר געלט.

ער האָט אַליין געאַרבעט אויף אַן איבערזעצונג פון רוסיש, דאָס איז געווען אַ ביכל פון לעבנס־פאַרזיכערונג, דערנאָך האָט ער נאָך אַנדערע אַזעלכע איבערזעצונגען באַקומען. ער האָט עס גערופן די „שוואַרצע" אַרבעט. און ווען די דאָזיקע שוואַרצע אַרבעט האָט אים געבראַכט אַ ניי בגד, איז באַ זיי ביידע געווען אַ גרויסע פרייד.

אים איז געפעלן געוואָרן זיין עקשנות, מיט וועלכער ער האָט עס דערגרייכט.

און דערצו האָט דער נייער אָנצוג אים זייער געקליידט, גאָר אַן אַנדערער מענטש. שלאַנק, באַוועגלעך, עפּעס זיכערער איך זיך געוואָרן.

אויס קבצן.

אַ באַרישער געדאַנק איז אים איינגעפאַלן: וועט ער האָבן אַמאָל אַ סך געלט, באַשטעלט ער זיך דאַמאָלס צוואַנציק אָנ־צוגער.

געקויפט אַ טראַסטענעם שטעקעלע און געפראַנטעוועט. באַ־געגנט אים אויף דער גאַס שמואל רובין:

— האַ! אַ נייעם אָנצוג, עס ליגט גרויסאַרטיק... איר ווערט אַ לייט. זעליק! קיין וווּנדער נישט, אַז מען נייט אַרום מיט אַ רייך מיידל...

זעליקן איז דאָס בלוט אַריין אין פּנים:

— וואָס מיידל? וואָס קריכט איר אין די אויגן, גייט צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

שמואל רובין איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, פאַר אײַנ־
ווענען אַזעלכע שפּאַסן, אַזעלכע חכמהלעך קיין נײַס גישט גע־
ווען, אָבער זעליק, יענער איז צוליב דעם אָנצוג טעג פיל אָפּגע־
גע[illegible] איבער אַ טויט ביכל פון „לעבנס־פאַרזיכערונג.“
— מער האָט ער שוין מיט שמואל רובין נישט גערעדט —
געבליבן שו[illegible]

אונטער די סאָסנעס...

דאָס איז געווען איר אויפטו: דינגען אַ וווינונג אויף אַנטאָקאָל, צוויי וויאָרסט גאַנג פון שטאָט.

ער זעליק האָט זיך צום אָנהייב קעגנגעשטעלט, ער האָט געוווסט, אַז דאָס וועט איר אָפּקאָסטן געלט און מיט זיינע פאַרדינסטן האָט ער זיך אויף אַזאַ לוקסוס נישט געקענט פאַרגינען ביגז.

האָט זי איינמאָל אים אַריינגעוואָרפן אַזאַ בראַזע:

— גוט, אויף אַזאַ אופן וועל איך דינגען פאַר זיך א צימער אויף אַנטאָקאָל און דו וועסט דאָ בלייבן באַ דער הערינגיידענע, וועסט אַמאָל קומען צו מיר און איך וועל קומען צו דיר... יאָ זעליק!...

— דו ווילסט אַנטלויפן פון מיין אָרעמקייט?

— איך וויל אַ ביסל לופט, דו זעסט ווי בלייך איך בין לעצטנס געוואָרן.

אמת, זי איז בלייך און מאָגער געוואָרן, די לופט פון זייער שטוב איז נישט געווען קיין געהויבענע און זי, וועלכע איז בלויז צוליב אַ קאַפּריז אירן אַרייננעפאַלן אין אַזאַ אָרימע נאַרע, זי איז טאָקע אָפּגעקומען פאַר אירע אייגענע קאַפּריזן. נישט קיין וווּנדער, וואָס איר האָט זיך געוואָלט אַרויסכאַפּן פון דאַנען אין אַ וואַלד, ווו דער פרילינג הערשט איצט מיט זיין גאַנצן פאַרנעם.

אָן זעליקן וואָלט זי אין וואַלד נישט געגאַנגען, זי האָט נאָר געזוכט אַרגומענטן, מיט וועלכע אים צו צווינגען, ער זאָל איינשטימען.

אין אַ ליכטיקן טאָג, בשעת ער איז געזעסן אין פאַרשטיקטן צימער און געאַרבעט, איז זי אַרייננעפאַלן אַ פריילעכע און באַפוילן, ער זאָל זיך נעמען פּאַקן.

— וואָס, ווו?

— שוין געדונגען, שוין געדונגען אַ צימער, אַ גרויסן באַלויכטענעם צימער, אויף אַנטאָקאָל, נעם דיינע שמאַטעס און איך וועל נעמען מיינע שמאַטעס, מיר וועלן פאָרן.

זי איז געווען אַזוי אויפגעמונטערט, אַזוי קינדיש-איבעראַשט פון דעם, וואָס זי האָט שוין אַ צימער, ער האָט זיך דערפרייט מיט איר פרייד און דאָך אַ רגע זיך געקווענקלט.

זי האָט אים טראַכטן נישט געלאָזט:

צוגעגנבעט זיך צו אים און נעפרעגט מיט אַ שטיפעריש-געמאַכטער גוטסקייט;

— וועסט דאָך פאָרן, האַ? מיין זעליק!...

„מיין זעליק!"

אַ ניי וואָרט, וועלכעס ער האָט נאָך פון איר נישט געהערט.

ער האָט פאַרגעסן, פאַרוואָס ער האָט פריער זיך געקשנט, פריילעך גענומען זיך גרייטן צום אַריבערפאָר.

עס איז שוין געווען אין מיטן פרילינג. געדיכטע צווייגן בעז האָבן אַרויסגעקוקט פון גאָרטן, ווען גאָט וויל זיך באַרימען פאַר די מענטשן וואָס פאַר אַ שיינע וועלט ער האָט באַשאַפן, דאַמאָלס לאָזט ער בליִען די בלומען... געציילטע מענטשן זענען אים דאַנקבאַר דערפאַר און די איבעריקע שענקען אַמאָל אַ בליק צו די אַלע קאָלירן און איילן אַוועק צו זייער איינגעליבטער גרויקייט.

אַרום אַנטאָקאָל זענען געווען אַ סך גערטנער און סעדער און אומעטום האָבן זיך בלומען געזען, אַ פּאַרשפּעטיקטער פרוכט-בוים צאַצקעט זיך פאַר דער גאַנצער וועלט מיט זיינע שניי-ווייסע פליטערלעך, ווי אַ כּלה מיט איר חופּה-קלייד שטאָלצירט פאַר אירע חברטעס ערב דער חופּה.

יעדער מין גראָז און פאַרזייעכץ קומט דאָ ווי אויף אַן אויסשטעלונג אין פרילינג אַרום זינגען הונדערטער פייגלעך, וועלכע זען אויס, ווי אָנגעשטעלט בײַ דעם פרילינג, זיי לויבן און באַזינגען אַלץ, וואָס אַרום וואַקסט און בליט.

האַסטיק שטראָמען די רויִקע פאַליעס פון דער ווילִיע, דער טייך האָט זיך דאָ זיין כּוונה, — נישט לאָזן טריקענען די ברעגן.

עס איז געווען אויסגעקליבן אַ גוטע צייט צו פאָרן אין וואַלד, ווייל דער גרויסער עולם, וואָס כאַפּט זיך זומער-צייט אַרויס פון שטאָט איז איצט נאָך נישט געווען.

געציילטע מענטשן האָבן געלעבט אין געציילטע הייזער און די מענטשן זענען דאָ געווען די רויִקסטע בפּשוּת, דאַמאָלס, ווען דער קוקוק האָט כּסדר געשריגן, ווען יעדער פויגל האָט פילמאָל איבערן טאָג איבערגעחזרט זיינע עטלעכע טענער געזאַנג און די וועווערקע האָט געשניטן די לופט מיט איר קוויטש.

— הערסט די קלאַנגען? עטאַ!

— עס איז מער ווי צו הערן, דאָס דאַרף מען פילן.

— איך זאָג דיר, אַז דאָס איז אַלץ פאַר אונדז, פאַר אונדזערע בײדע און מער פאַר קײנעם נישט.

— איך װאָלט לעבן נאָך מענטשן.

— עס איז נישט ריכטיק, מער איז קײנער נישטאָ אויף דער וועלט, דאָס האָבן מיר זיך אײנגערעדט, אויסגעטראַכט געשטאַלטן.

— ביסט אַן עגאָיסט, ביסט מער אַנאַרכיכט פאַר מײנע חברים.

האָסט נאָר זיך אין זינען...

— עס קען זײן, עטאַ, מײן „איך" וויל איך נישט פאַרשאַכערן.

צוויי פלינקע וועווערקעס גיבן זיך אַ יאָג אונטער זײערע פיס און דערשרעקן זײ, צעטומלען זײער געשפּרעך. מען רעדט שוין עפּעס אַנדערש.

— דאָס איז אַן „ער" און אַ „זי".

— זײ האָבן זיך ליב...

— אַזוי ווי מיר...

— זײ זענען געלע און מיר זענען שוואַרצע.

די סאָסנעס פאַרפירן אַלץ ווײטער אין וואַלד אַרײַן, זײ וואַקסן אויף בערגלעך און אין טאָלן, אויף די צווײַגן איז פאַרהאַן אַ פרישער צוווּקס פון פריש־גריגע נאָדלען. עס שמעקט מיט יוגנט, מיט געבוירונג.

עטאַ און זעליק שפּרײַזן אַלץ ווײטער.

בײדע ווײסן און מאַכן זיך פאַר זיך אַלײן נישט ווײסנ־

דיק צוליב וואָס, זיי שפּרייזן אַלץ טיפער אין וואַלד אַריין, דאָרט, וווּ קיין איין קלאַנג פון קיין מענטש זאָל נישט דערגיין.

און אָט קומען זיי צו אַן אַלטער סאָסנע, וועלכע האָט זיך צעוואַקסן מיט א סך צווילינג-צווייגן, אונטער דער סאָסנע ליגט אַ גרינער שפּיגל פון גראָז, אויף צוויי-דריי ערטער פאַלט אַ שטיקל שטראַל, ווי אַ זון-זאַלב.

— דאָ וועלן מיר זיך אָפּרוען, עטאַ!

און זי, די גנבטע ווייסט וואָס דאָס הייסט „אָפּרוען זיך" דאָ אין טיפן וואַלד, ווו זיי ווערן פון דער אַרומיקער אָפּגעזונ-דערטקייט נאָך נענטער איינער צום צווייטן.

און רגעס פון ליידנשאַפט פלעגט זי אים צעדראַפּען, ווי א קאַץ, צעבייסן, נישט אָפּלאָזן פון זיך, דערנאָך אַ קוק געבן אַרום זיך:

— דעם בוים באַדאַרף מען געדענקען, עס איז אַ טייער ווינקעל.

א סך אַזעלכע טייערע ווינקעלעך האָט דער דאָייקער וואַלד געהאַט.

איינמאָל אויף צוריקוועגס פון אַזאַ שפּאַציר האָט זי זיך צו זעליקן אָנגערופן:

— דו ווייסט, איך דערקען זיך אַליין נישט, פונוואַנען איז צו מיר די רויקייט געקומען? ווו איז מיין נעכטן? איך האָב דאָך דריי טעג נאָכאַנאַנד נישט געקענט זיין אין דער זעלבער שטוב קוקן אויף די זעלבע מענטשן, אויף די זעלבע חפצים, הערן די זעלבע שטימען.

— עטאַ, דו ביסט פאַרליבט... און אין וועמען? איך האָב זיך קיינמאָל נישט גערעכנט אויף אַזאַ גליק.

— טאַקע אין וועמען? וואָס ביסטו? וואָס ביסטו? שרייבסט לידלעך, וועלכע געפעלן נישט זעלצערן.

— ער געפעלט מיר נישט איינגאַנצן און פונדעסטוועגן...

— און פונדעסטעגן?

— ... האָט ער געטון אַ גאַנץ גוטן שידוך.

— דורך אַ שדכן?

יאָ, זאָל אים ווייל באַקומען, איך האָב זיך זיך פאַר אים קיין מורא נישט, איך לייג האָפנונג נאָר אויף זיך אַליין, דו זעסט... ער ווייזט אָן אויף זיין האַרץ, דו זעסט, עטאַ, דאָ ליגט מיין צו־קונפט, פריער צי שפּעטער, עס וועט זיך צעזינגען, עס וועט זיך צעזינגען, אויב נאָר גאָט וועט מיר געבן יאָרן.

פאַרנאַכט, זיי זענען אַליין אין שטוב. אונטן לעבט אַ קריס־טין, זי הייסט בראָניסלאַווא, זי גרייט צו פאַר זיי עסן, קויפט איין שפּייז און רוימט אויף דאָס צימערל...

פאַרנאַכט... זייער צימער האָט אַ באַלקאָן און אַז מען זיצט אויפן באַלקאָן קען מען לייכט דערלאַנגען צו די צווייגן פון די ביימער, וועלכע קוקן טאָג און נאַכט אַריין צו זיי אין צי־מערל...

דאָס פענסטער איז דאָך אָפן און די ביימער הערן אויס זייערע אַלע סודות, די ביימער — זייערע פאַרטרויטע שומרים...

אין וואַלד איז אַריין אַ שטילקייט פון יענער וועלט, פון נישט־וועלט, פון גאָרנישט. אַ בוים רירט זיך נישט, ווייל עס דאַרף זיך נישט רירן, ווייל עס איז איצט נישטאָ קיין פראַגע, פאַרוואָס, פאַר ווען?

די שטילקייט קומט נישט פון ערגעץ — זי איז שטענדיק דאָ. קומען קומט דער שטורעם, קומען קומט דער ווינט. דאָס גע־שריי, דער ליאַרם און רויבט אַוועק באַ דער שטילקייט איר האַרץ, שטעלט אָפּ איר אָטעם, וואָס זי אַליין פילט נישט.

איצט האָט גאָרנישט געשטערט די שטילקייט, די בינע־לעך, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן איבער די ביימער און גענומען

אַלע אינאײנעם צײַען אײן סטרונע, אײן סטרונעלע... דאָס איז אויך געװען שטילקײט, אָטעם פֿון שטילקײט, אײן־זיך־געזאַנג...

עטאַ און זעליק זענען געזעסן אויפֿן באַלקאָן, די רויִקייט האָט זײ אויף אַ קורצע צײט געצװוּנגען צו שװײַגן, נישט זיך צו רירן, איר האַנט, װאָס ער האָט געהאַלטן אין זײַנער, האָט זײ אַזוי װי צונױפֿגעשמידט.

ער האָט אָנגעשטרענגט די אויערן, געװאָלט כאַפּן אַ קלאַנג... עס איז געװען אַזוי שטיל, אַזוי ציטערדיק אײַנגעהאַלטן דער אָטעם פֿון װאַלד, עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַלץ אומישנע... באַלד, באַלד װעט זיך דאָס איבעררײַסן מיט אַ לצים־געלעכטער, אַ בוים װעט אומפֿאַלן, אַ שטײן װעט פֿון ערגעץ אַראָפּ־פֿאַלן...

עס קען נישט זײַן, אַז די שטילקײט זאָל אַזוי לענגער גע־דויערן.

נאָר אין דעם דערהערן זײ, װי בראָניסלאַװאַ רופֿט זײ אי־נעװײניק פֿון צימער:

— דאָס עסן איז גרײט.

זי צינדט אָן אַ לאָמפּ און קוקט מיט נײַגעריקײט אויף די פּאָר פֿאַרליבטע.

עטאַ פֿרעגט:

— זעליק, װען מען איז אַלײן, קען מען אויך דורכלעבן אַזוי די שטילקײט? אַזוי אָפּרײַסן זיך פֿון לעבן.

— באַ מיר טרעפֿט עס גאַנץ אָפֿט.

— דו װײסט, איך װעל דאָ באַ דיר װערן... װאָס װעל איך דאָ װערן? אַ שטערן־זעער, אַ כּישוף־מאַכערין, איך װעל אַרויס־גײן איבערן װאַלד און פֿעלד, גראָז װעל איך קלויבן און אָפּ־שפּרעכן קרענק, װער װײסט? איך װעל אפֿשר נעמען שרײַבן לידע־לעך אויך.

— האָסט חרטה ? שוין?

— חרטה קען מען האָבן דאַמאָלס, ווען עס ווילט זיך אַנדערש לעבן, איצט איז מיר גוט, הער זיך נאָר איין, ווי שטיל עס איז אין וואַלד, ביסט גערעכט געווען פריִער, ווען דו האָסט געזאָגט, אַז מער זענען קיין מענטשן נישטאָ אויף דער וועלט, איר בײדע, מער קײנער נישט.

איצט אַמפּערט זיך שוין זעליק.

— און בראָניסלאַווא ?

— מיר האָבן אויסגעטראַכט בראָניסלאַווען, עמעצער מוז אונדז דאָך צוגרייטן עסן, אמת ?

זי האָט געטראָגן אויף זיך אַ ווייס קליידל. באַטאָג פּלעגט די זון דורכשטראַלן דאָס גאַנצע געוועב פון דעם לייכטן שטאָף און איצט באַנאַכט אין צימער, וואָס איז מיט וואַלד און שטילקייט אַרומגערינגלט. אין צימער, ווו עס איז געשטאַנען אַ ווייס געלעגער, האָט דאָס קליידל אירס זיך צענויפגעגאָסן מיטן געלעגער, האַרמאָנירט.

עסן, שמועסן, זיצן אויפן באַלקאָן און שווייגן און דערנאָך זיך צוטוליען איינער צום צווייטן אויפן געלעגער, שפּעטשען געציילטע ווערטער...

„שפּעט שוין, שפּעט".

ס'איז אָפן דאָס פענסטער. נאַכט, וואַלד, וואַלד און נאַכט, איבער דער ריזיקער שווארצקייט גלאַנצן קליינע פינטעלעך. גאָלדענע וואָך-סיגנאַלן צייכענען פאַר עמעצן. סודען זיך איינער צום צווייטן.

וואָס ס'קען זיין, ס'קען דאָך זיין, אַז זיי האָבן בעסערע אויגן, די וואָס לעבן אויף די שטערן און זיי זעען אַלץ, אונדזערע אַלע זינד, אונדזער בייזקייט און קליינלעכקייט...

דאַמאָלס זאָל גיין צו זיי אַ תפילה פון די, וואָס זענען פאַר-

משפט צוּ לעבן אין טאָל און ראַנגלען זיך מיט אַלע שוועריקייטן כדי צו זיין אַ ביסעלע בעסער און שענער. אין נאָמען פון דער אומדערגרייכמער הויכקייט אייערע, משפט נישט שטרענג די, וועלכע משפטן זיך יעדן טאָג אַליין, קיין פליגלען האָט מען אונדז נישט געגעבן...

און גליק? ס׳קען יעדע רגע ווערן אומגליק...

— פון וואָס טראַכסטו? זעליק!

— מען דאַרף פאַרהענגען דאָס פענסטער, די נאַכט קוקט אַריין צו אונדז.

— האָסט מורא פאַר איר?

— איצט נישט, דו ביסט צו נאָנט לעבן מיר...

זי איז האַלב פאַרשלאָפן, מיט צוגעמאַכטע אויגן זוכט זי זיינע ליפּן.

XI

איבערקערעניש..

אין וואַלד איז געוואָרן לעבעדיקער, די לעבעדיקע מיט לאָדנס פאַרקלאַפּטע הייזער האָבן זיך געעפנט.

קינדער, ווייבער, דינסטן, געוויין פון די קינדער, געזאַנג פון די דערוואַקסענע.

קאַלירן זענען צוגעקומען.

פריער האָבן די באַגילדטע סאָסנעס שטאָלצירט מיט זייערע גרינע קעפּ.

גאָלד און גרינס האָט דאָ געהערשט. איצט פאַרבן זיך פלעקן אין וואַלד, די מיידלשע קליידלעך.

רויט, ווייס, בלוי און שוואַרץ.

עס האָט געשימערט אין וואַלד, עס האָט געטומלט. צו די געציילטע קלאַנגען פון אַ פויגל צי פון אַ ווייעווערקע זענען צוגעקומען די טענער פון די מענטשן, עכאָס, ווייטע און נאָענטע ווידערקלאַנגען.

אין וואַלד איז אַראָפּגעקומען האַלפּערין דער לערער, עלעכע באַקאַנטע זיינע האָבן געדונגען זומער-וווינונגען, עס איז געוואָרן אַ גאַנצע קאָלאָניע פון יידישע אינטעליגענטן: לערער, כּלל-טוער און ליטעראַטן, געלעבט האָבן די אַלע אַ ביסל ווייטער פון זעליקן, באַ אַ האַלבע וויאָרסט וועג.

יענץ ווינקל, וווּ די אַלע פלעגן זיך צונויפקליבן, האָט גע-הייסן „בערדיטשעוו", איינער האָט עס אין אַ שפּאַס אַמאָל גע-זאָגט:

— באַ אייך איז דאָך אַ גאַנצער בערדיטשעוו.

און פון דאַמאָלס אָן איז שוין אַזוי געבליבן איפן גאַנצן זומער:

— קום קיין בערדיטשעוו.

— וואָס מאַכט מען אין בערדיטשעוו?

זעליק מיט עטאַן זענען אויך אַהין געקומען, פון צייט צו צייט.

זעליקן האָט דאָך געצויגן צו זיינע חברים, געוואָלט אויס-הערן זייערע נייעסן — געווען פאַרבונדן מיט זיי מיט זיין אַרבעט.

ווער איז דאָרט אין וואַלד נישט געווען?

דיניעווסקי, אַרום וועלכן אַ גאַנצער קרייז מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן, כאָטש ער איז שוין נישט געווען קיין יונגער בחור, דאָך האָט ער געהאַט גרויס דערפאָלג, ער פלעגט עס צונעמען מיט ווירדע נישט געיינגלשט...

פלעגט וואַרפן אַ בליק היינט אויף איינער, מאָרגן אויף דער צווייטער.

זיין מעטאָדע צו פלירטעווען פלעגט באַשטיין אין דעם: אָנגע-הויבן רעדן אויף אַ ליטעראַרישער טעמע, ער האָט געהאַט זיינע געליבטע שרייבערס, פאַר וועלכע ער איז געשטאַנען אייזן שטאַרק.

האָט זייער ליב געהאַט דעם האַלב-פאַרגעסענעם גאַטיע, פאַר דעם גרעסטן פּאָעט האָט ער געהאַלטן באָדלערן און נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן וויספּיאַנסקין... גערעדט ערנסט, מיט איבערצייגונג און מיט וויסן...

און אַז דער שמועס פלעגט אַריין אין רעכטן ברען און דאָ שטערן די מענטשן, נעמט ער דאָס מיידל, די וועלכע הערט אים אויס מער ווי אַלע איבעריקע, אונטערן אָרעם און שפּרייזט מיט איר אַוועק טיפער אין וואַלד...

שמואל רובין, וועלכער איז אויך געווען אין וואַלד, פלעגט זאָגן, אַז ווען דיניעווסקי קומט טיפער אין וואַלד, בייט ער די טעמע...

מן הסתם האָט רובין געוווּסט, וואָס ער רעדט, ער האָט איבערהויפּט געוווּסט צופיל זאַכן.

יעדער פאָר טעג פלעגט זיך פלוצלינג באַווייזן בערנער אויף אַ באַזוך, אָפט בלייבן און איבערנעכטיקן בײַ האַלפּערין. ער פלעגט אַראָפּקומען מיט אימפּעט, ווי אַ שטאָפּעט פון עפּעס אַ רייכן הער-שער, יעדע באַוועגונגען זיינע, יעדער בליק האָט גערעדט:

— אַכטונג! בערגער איז געקומען...

ער פלעגט קומען כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט... ביין, דיין כוונה איז געווען געניע, זי איז מיטגעפאָרן מיט די האַלפּערינס אין וואַלד אַריין.

געניע מיט די לאַנגע בלאָנדע צעפּ, דאָ האָט זי זיך פונאַנ-דערגעבליט.

אין די לייכטע קליידער האָט זיך איר פיגור מער געוואָרפן אין די אויגן.

געזונט, בלוט און מילך, צייטיק צו ווערן אַ כלה, אַ בילד פון אַ פרוי, אין וועלכער עס האָט זיך געפילט פרוי-מוטער,

ווּקנדיק אויף איר האָט מען געהאַט אַן איינדרוק, אַז עפּעס פֿעלט איר...

אַ קינד, וואָס זייגט פֿון די רונדע ברוסטן.

זי פֿלעגט שפּרייזן מיט פעסטע טריט — די ערד איז אירס.

אויפֿן גראָז פֿלעגט זי ליגן, געשמייכלט, געלאַכט מיט אַ געזונטן געלעכטער, אַ פוס דעקט זיך באַ איר אַ ביסל אָפּ און אַלע מאַכן זיך נישט זעענדיק, אַלע מענער, נאָר יעדער איינער גנבעט אַ בליק אויף דער נאַקעטער ליניע... עס רייצט, ווי דאָס לעבן.

צוליב געניען פֿלעגט בערגער אַהער אַראָפּקומען.

ער איז געווען זעלבסטשטענדיק און שטאַרק געווען, נאָר זאָל ער זיך נישט גרויסן!

געניע מיט דעם פֿולן זאַפטיקן לעבן, וואָס זי האָט געטראָגן אין זיך, האָט אים גערייצט און פֿאַר איר וואָלט ער געבראַכט געוויס דעם גרעסטן קרבן: זיין פֿרייהייט... נאָר זי האָט זיך לעצטנס אַרויסגעגליטשט פֿון זיינע אַריינדרינגנדיקע בליקן, אָפּגערוקט זיך פֿון אים אַלץ ווייטער, און גענומען זיך בייגן צו... שמואל רובין.

וואָס איז דאָ פֿאַרגעקומען?

זעליק האָט געלעבט מיט זיין רעטעניש: געניע און שמואל רובין...

ער איז טאַקע אַ פּאָעט, פּאָפּולער געוואָרן אַזוי גיך, ער וועט נאָך ווערן באַרימט, אָבער זיין נישט מענערישע פיגור, זיינע קרענקלעכע אויגן און די דינע פּיסלעך, זיין פּלוידערן און באַרימען זיך.

אומפֿאַרשטענדלעכקייטן פֿון לעבן — ווער קען אייך באַגרייפֿן?

מיט רובינען פלעגט זי אָפּזיצן שעהן, אַוועקגיין מיט אים אויף שעהן לאַנג אין דער טיפענישׁ פון װאַלד, אויף „דו" זענען זיי געוואָרן, זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן קושן פאַר אַלעמען אין די אויגן...

חתן-כּלה.

אַ ביכל לידער האָט ער אָנגעשריבן און עס אָנגערופן: „צו מײַנער!" די לידער האָבן זיך שוין געדרוקט און רובין האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן זײַן נײַער שאַפונג, אויף רעכטס און אויף לינקס געלייענט פאַר יעדן און כּסדר איבערגעחזרט די פּראַזע:

— אין דער יידישער ליטעראַטור איז דאָס נאָך נישט געווען.

בערגער איז אַרומגעגאַנגען און געקריצט מיט די ציין, ער וואָלט שוין אײַנגעשטימט, אַז רובין איז דער גרעסטער פּאָעט אויף דער וועלט, ער וואָלט שוין אײַנגעשטימט צו אַלץ, זאָל ער נעמען די גאַנצע מיט די לאַנגע צעפּ, זאָל ער זיך איפּהענגען אויף אי־רע צעפּ, זאָל ער, זאָלן זיי... נאָר איין זאַך: זאָל ער, דער רובין אים נישט קריכן אין די אויגן, זאָל ער נישט רעדן וועגן פּאָעזיע, וועגן פּרויען, וועגן ליבע.

אים האָט נישט געפּאַסט אינגאַנצן אָװעקצוגיין פון דער גע־זעלשאַפט, נישט באַווײַזן זיך... דאָס וואָלט געהייסן קאַפּיטולירן. איבערשטייגן זיך האָט ער געוואָלט, באַזיגן אין זיך דעם פּאַרדרוס און דערנאָך זיך אויסלאַכן.

דערווייל האָט מען אָבער אין „געזעמל" געהאַט צו רעדן און באַרעדן.

מען האָט זיך געשושקעט און פּאַרזיכטיק געקוקט אויף בער־גערן — ער קען אָפּבריען מיט אַ וואָרט, עס זאָל זיך לאַנג גע־דענקען.

בערגער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, ער איז כסדר גע־קומען צו האַלפּערין. געלאָזט זיך הערן, געזונגען און געמאַכט זיי־נע גימנאַסטישע איבונגען... זיינע מוסקולן האָבן געוואַקסן.

זיינע לידער פלעגט ער נישט אַזוי אָפט לייענען פאַר עמעצן, דערפאַר האָט יעדער געמוזט אַ טאַפּ טון אים בײַ זיינע מוסקולן:

— א י י ז ן !

און ער האָט געהאַט פון דעם זיין הנאה.

יעדער מעגטש האָט זיך זיין שוואַכקייט, בײַ בערגערן איז עס געווען זיינע מוסקולן.

זעליק האָט געקוקט אויף דער גאַנצער חברה, געוואָלט זיין נאָנט מיט זיי, מיט זייערע ענינים און געבליבן איז שטענדיק אַ פרעמדשאַפט

יאָ, ער איז אַן אָנגענומענער גאַסט בײַ אַלע, איבערהויפּט בשעת ער פלעגט קומען מיט עטאַן...

האָט אַלעמען געניי‌גערט, צוליב איר איז זעליק אויסגע־וואַקסן בײַ זיי אין די אויגן, זי אַזאַ רייכע, פיל האָבן געקענט אירע עלטערן פון ריגע און וועגן איר אַנאַרכיזם האָבן זיי געוווּסט...

אָט אַזאַ מיידל האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ בחור אַ שרייבער פון לידלעך...

און אַז מען שרייבט שוין לידלעך, איז וואָס? ניין, דער בחור מוז עפעס ווערט זיין, אויב אַזאַ מיידל האָט אַזאַ בחור אויסגעקליבן.

זעליק האָט געהערט, ווי אויך אַרום אים שעפּטשעט מען זיך, מען האָט זיך אינטערעסירט, צי זיי האָבן חתונה געהאַט, צי זיי וועלן חתונה האָבן!

— עטאַ? ווי געפעלם דיר די חברה? אונדז האַלט מען איך אין די ציין.

זי שמייכלט און ענטפערט:

— מענטשן... קיינמאָל גישט בעסער און קיינמאָל נישט ערגער.

— אָבער איך וויל, דאָס מיר זאָלן זיין בעסער, איך וויל זיין בעסער...

— אפשר ביסטו בעסער, אפשר בין איך אויך בעסער, דאַכט זיך, אַ ביסעלע בעסער, קיין שלעכטע זענען מירביידע נישט. איך — יאָ אַמאָל.

— גלייב מיר. עטאַ! איך וויל אַ סך מאָל זיין שלעכט, איך פיל, אַז איך בין גרייט צו טון שלעכטס.

— אַז דו ווייסט עס וועלן שטאַרק, דאַמאָלס — טו עס!

קיין סך פלעגן זיי וועגן די פרעמדע נישט רעדן, זיי זע־נען אַלץ געווען פארנומען מיט זיך. דער זומער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן און גיי אַרום זאָרג פאַר דער וועלט, פאַר מענטשן, פאַר רעכט און אומרעכט דאַמאָלס, ווען שמעטערלינגען שוועבן און פלאַטערן צווישן ביימער און הויכע גראָזן.

געוואָרן זענען זיי ביידע רייפיקער, ערנסטער צוליב זייער ליבע.

אין די גוטע שעהן האָבן זיי איינער דעם צווייטן האַרץ און נשמה אויסגערעדט.

זיי האָבן זיך אפילו צערעדט וועגן דער צוקונפט, וועגן חתונה האָבן, וועגן אַ קינד, געשפּילט זיך מיט זיך אַליין, מיט זייערע איינפאַלן און פלוידערייען.

איין זאַך האָט זי געפרייט:

זעליק האָט נישט געשריבן אין זיינע לידער וועגן איר, וועגן זייערע נעכט און טעג, וועגן די טעג, ווען זיי פלעגן פאַר־

בלאָנדזשען אונטער אַן אַלטער סאָסנע און צונויפשמידן זיך אין די אָרעמס.

ער האָט נישט געזונגען וועגן דעם, ווייל זיין געפיל איז געווען שטאַרקער פאַר די לידער, ווייל דאָס וואָלט באַליידיקט...

נעמען די רייכקייט פון גליק און קאָמבינירן פון דעם קלאַנגען און גראַמען...

רעדן וועגן דעם, וואָס די געלייטערטע שעמעוודיקייט פאַרשווייגט — מיט שיינע לידער קען מען אויך לעסטערן.

זי איז אים דאַנקבאַר געווען פאַר זיין טאַקט.

איצט, ווען זי האָט אויפגעהערט זיך צו שפּילן אין אַנאַרכיזם און וואַרפן מיט פראַזן, ווען זי איז צו זיך אַליין אַ ביסל געקומען, איז דער יחוס, דער שטאַם אירער ווידער אַרויסגעשווומען, די ווערטער זענען געווען מיט ווירדע.

די רוישיקע צייט האָט זי צעטומלט, ביכער און מענטשן האָבן נישט ריכטיק געווירקט אויף, איר אָבער אין דעם מאָמענט, ווען איין שטאַרק געפיל האָט זי באַזיגט, איז דער נעכטן ווי אָפּגעמעקט געוואָרן...

אַזוי האָט עס אויסגעזען, זי האָט מיכעלסאָנען נישט דערמאָנט, פון אירע חברים פלעגט זיך קיינער נישט באַווייזן.

צום גליק געווינט מען זיך לייכט צו און דאָך פלעגט זעליק פיל מאָל אויפציטערן פון דעם געדאַנק, אַז דאָס קען זין נאָך ענדיקן, ער איז שוין געווען אַ ביסעלע אָנגעלערנט פון לעבן.

ער אַרבעט באַגייַסטערט. זי שלאָפט.

ער האָט זיך גענומען צו אַ פּאָעמע פון „געטאָ-לעבן". זי גיט אים מיט איר זיין באַ אים אַזוי פיל רויקייט — זאָל דאָס ווערן אויסגענוצט.

זי שלאָפט...

טראַכט ער, ווען ער קוקט אויף איר, אַז ער האָט געפאַנגען א טיגערל...

ווי רויִק זי שלאָפט, ווי רויִק זי איז דאָ לעצטנס געוואָרן.

פאַרהאַן ליבע, וואָס שטראָמט און שפּרינגט. פאַרהאַן ליבע וואָס איז זיך אַליין אונטערטעניק — בּאַ זיי איז אַן אונטערטעניקע ליבע, פּונקט, ווי איינער אַ דריטער האָט זיי ביידע באַזיגט.

עס קריכט שוין די זון אין פענסטער מיט בלייכע שטראַלן; איר אָפּגעדעקטע ברוסט איז באַלויכטן, די שוואַרצע האָר אויף דעם קישן זען אויס ווי אַ גרויסער שוואַרצער פויגל, וואָס האָט זיך איינגעגנורעט אין זיך אַליין.

נישט אָפּצורייסן די אויגן פון אירע אַראָפּגעלאָזטע ברעמען... אפשר מאַכט זי זיך שלאָפנדיק און וויל אים נישט שטערן אין זיין אַרבעט.

אָט אַזוי צוגיין צום בעט און זיך שטעלן פאַר איר אויף די קני.

פאַרוואָס דאַנקט מען גאָט? ווייל ער גיט לעבן און שענקט רויִקייט און זי האָט געגעבן אַן אומרויִקן מענטשן רויִקייט און זיכערקייט אין זיך.

זיינע ליפּן שעפּטשען איר נאָמען:

— „עטאַ, עטאַ!" אָבער אַז זי זאָל נישט הערן.

דערנאָך נורעט ער איין זיין קאָפּ אין די ברעגן פון דעם קישן און פאַרטיפט זיך אין זיך אַליין, איבעראַשט און באַזיגט פון זיין גליק.

דערפילט ער איר האַנט אויף זיין קאָפּ:

— נארישער בחור, פאַרוואָס אַרבעטסטו נישט?

ער וויל עפּעס ענטפערן און די אויגן זיינע פאַלן אויף דעם ים גרינקייט, וואָס שטראָמט פון די סאָסנעס, פאַליעס גרינקייט גיסן זיך אין פענסטער אַריין, נענטער...... צו דער נשמה זיינער.

עס דערמאָנט אים עפּעס.

דעם גרינעם פּאַפּוגיי פון נאָוואָגראָדער גאַס...

דער פויגל האָט אים געבראַכט דאָס גליק...

דערמאָנט ער דעם פויגל, נעמט זי לאַכן פון אים פאַר זיי־נע נארישקייטן. פאַרדריסט עס אים און ער וויל איר באַצאָלן דערפאַר, דער אָפּלאַכערין... מיט אַ סך קושן איר באַצאָלן דער־פאַר...

אַ רגע געראַנגל און איינער איז שוין באַם צווייטן אין די אָרעמס.

שטיל אין צימער.

שטיק אין וואַלד...

אַ וואַרעמע קילקייט פון פאַרטאָג שוועבט אַריין אין אַלע ווינקלעך פון זייער צימער, עס שוועבט און עס גליט ... די נאַ־קעטע אָרעמס פון צוויי יונגע לעבנס...

אין דעם זעלבן טאָג, שפּעט נאָכמיטאָג זענען זיי ביידע גע־זעסן אויף דעם הילצערנעם באַלקאָן פון זייער צימער. אין וואַלד האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון אַלע זייטן: קינדער האָבן גע־שטיפט, געזונגען און די אַלע געשרייען פלעגן אָפּשטאַרבן אין קורצע עכאָס, אָפּשטאַרבן און אַראָפּפאַלן אין דעם האַרץ פון דער שטילקייט.

זיי האָבן גערעדט און געשוויגן, געשוויגן און גערעדט, מי־נוטן פון גלייכגילטיקייט און איינשטימיקייט.

פלוצלינג זענען אונטערן באַלקאָן אויסגעוואַקסן צוויי יונגע בחורים... באַקאַנטע טיפּן. יאָ, זעליק האָט זיי שוין אַמאָל געזען בײַ עטאַן. ערנסטע, בייזע האָבן זיך שווייגנדיק באַגריסט מיט עטאַן און אַ ווינק געטון זי זאָל אַראָפּגיין.

זי האָט זיך שוין אָן זייער ווונק אַ הייב געטון פון אָרט, דאַכט זיך, אַז זי האָט אויפגעציטערט, געביטן זיך אויפן פנים.

זי איז אַראָפּ צו די בחורים אונטן און אַוועקשפּרייזט מיט זיי טיפער אין וואַלד אַריין.

און זעליק איז געבליבן אַליין. דער געדאַנק, אַז עמעצער קען קומען און מיט אַ ווונק זי צונעמען פון אים אַפילו אויף אַ מינוט האָט אים אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַר־לוירן. בייז געוואָרן און באַלד נאָך דער בייזקייט איז געקומען אַ שרעק, אַ פאַרגעפיל.

ווידער „זיי",

ער מיט זיין אָפּגעצוימט וועלטל און דאָרטן הינטער אים גייט אַ שטורם, אַן אומרויִק לעבן, מענטשן קיימפן, מענטשן קומען אום... ער וויל אָבער נישט וויסן פון זייערע ענינים, ער וויל מיט געוואַלט אַרויסרייסן פאַר זיך אַ ביסעלע נשמה פון לעבן.

עטאַ זאָל דאָס זיין די טרייסט, דאָס רינגעלע, וואָס פאַר־קייטלט אים מיטן לעבן.

וואָס ווילן זיי פון עטאַן?

זי איז זיינע, אין די לעצטע וואָכן האָט זיך געזיגלט זייער פאַרבאַנד, זייער הייליקע חברשאַפט, דאָס איינציקע וואָס אין לעבן איז מעגלעך דאָס איז דער פאַרבאַנד צווישן צוויי... אַ דריטער איז דער מלאך-המות, אַ דריטער — מעג דאָס זיין די גאַנצע

וועלט מיט אַלע אירע זאָרגן, ווידערשפּרוכן, דער דריטער צע־שטערט...

וואָס ווילן זיי פון אים, פון זיין עטאַן?

אין וואַלד האָט ער געוואָלט לויפן, פאַרטרייבן די צוויי שלוחים, די אומבאַוווסטע מענטשן. מיט וועלכע רעכט זענען זיי אַהער געקומען? אין ז י י ן וואַלד, אין זיין וועלט? מיט וועלכער רעכט סודן זיי זיך מיט דער צווייטער העלפט פון זיין נשמע.

ניין! נאָכיאָגן? דאַמאָלס בשעת זי איז געגאַנגען צו זיי. אויף דעם ערשטן ווונק איז זי אַראָפּגעגאַנגען און געמאַכט ליידיק פאַר אים דעם באַלקאָן, דעם וואַלד און אָנגעפילט זיין האַרץ מיט אַזאַ אימהדיקן פאַרדאַכט.

ער איז געזעסן פאַרביטערט און געוואַרט אויף איר. עס איז אַוועק אַ שעה און זי איז געקומען.

אַליין.

יענע צוויי בחורים זענען שוין פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ביימער.

זי האָט גאָרנישט גערעדט וועגן זיי, נאָר זעליק האָט געפילט, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען אָדער עס דאַרף וואָס אַזעלכעס פאָר־קומען

זי האָט געפרעגט:

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?

— אַ פרעמדשאָפט האָט זיך געלייגט אויף דיין פנים.

— הייבסט שוין אָן, זעליק!

— ניין, הער אויף זעליק! איך וויל זיך מיט דיר בישט קרינגן.

דער וואַלד, די גאַנצע דעקאָראַציע פון אַרום איז אים מיט־

אַמאָל פרעמד געוואָרן, אַן אויפרעגונג מורא האָט זיך געוואָרבן אין זיין האַלדז.

געשוויגן

איז זי צוגעגאַנגען צו אים נעענטער.

— נאָך קנאַפּ באַווייזן האָב איך דיר געגעבן, אַז איך האָב דיך ליב?

דאַכט זיך, אַז זי האָט גאָרנישט געזאָגט, געווייינטלעכע עט־לעכע ווערטער און אין די אויגן איז אים ליכטיק געוואָרן, דער וואַלד האָט ווידער געשימערט מיט זיין גרינקייט, קלאַנגען פון קינדער, קלאַנגען פון פייגלעך. דו הערסט די קלאַנגען און הערסט זיי נישט, אַלץ איינס: די נשמה זינגט מיט.

וואָס וויל ער פון איר? וואָס וויל ער פון זיך? זי איז דאָך זיינע, זיינע.

און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי האָט זיך היינט אָנגערופן די ערשטע מען זאָל גיין צו האַלפּערין. די זון איז אַלץ נידעריקער אַראָפּ, אין דער צייט קומט שוין דער עולם פון שטאָט, בא האַלפּערין איז טומלדיק.

עטא האָט פאַרגעלייגט צוגיין אהין, זי האָט היינט נישט גע־וואָלט קיין סך בלייבן מיט אים אויג אויף אויג — ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען.

אין וואַלד זענען אָפענע פּלעצער, ווו די שפּעטע באַכמיטאָג־זון האָט באַלויכטן שטיקער באַגרינטע ערד, אויף וועלכע קינדער און דערוואַקסענע האָבן זיך אויסגעלייגט אין זייערע קאָלירטע בגדים. יעדעס מאָל ווען מען זעט אַזעלכע בילדער, דערמאַנט עס אַ יום־טוב...

עס האָט געפרייט און דאָך זענען היינט ביידע געגאַנגען שווייגנדיק ביז האַלפּערינס הויז.

אין אַ האַמאַק האָט זיך געוויגט געניע.

שמואל רובין איז געזעסן לעבן איר מיט אַ בוך, די האָר באַ איִם זענען געווען צעשויבערט, הויכע שטייענדיקע האָר, מיט זיי־נע קרענקלעכע אויגן האָט ער גלייכגילטיק אַ קוק נעגעבן אויף זעליקן מיט עטאַן און אַפּגעדרייט דעם קאָפּ.

אָבער די גוטמוטוקע געניע האָט זיך געסטאַרעט אויפצוהייבן פון איר האַמאַק.

זי האָט פריינטלעךביידע באַגריסט און זיך געלאָזט שמועסן מיט עטאַן.

זעליק האָט זיך אוועקגערוקט טיפער אין וואַלד, ווו בער־גער מיט עטלעכע יונגעלייט האָבן געשפּילט אין קאָרטן. זיין קול האָט זיר געלאָזט הערן.

די גרינקייט פון וואַלד האָט מאָט געמאַכט בערגערס פּנים. ער איז דאָ האַלב־געלעגן און קאָמאַנדעוועט מיט זיינע פּאַרטנערן, מיט די קאָרטן, מיטן גאַנצן וואַלד...

פּאַרהאַן מענטשן, וועלכע באַהערשן יעדן פּלאַץ, ווו זיי קו־מען, זייער קול הערט מען, זייערע טריט פילט מען און ווו מען זאָל זיך צו זיי נישט באַציִען, מען מוז זיי באַמערקן, זיי מאַכן אָפּט ענג די לופט, ווייל זיי אַליין נעמען צו צופיל פּלאַץ. דאָ אויף דעם פּלאַץ אין וואַלד האָט זיך געפילט דער איינער — דער בערגער. זעליק האָט געקוקט אויף אים. דעם קראַגן האָט בערגער אַראָפּגענומען, די העמד אויפגעעפנט און אַ פאַרוואַקסן שטיק ברוסט האָט אַרויסגעקוקט.

אין קאָרטן־שפּיל פּלעגט ער זיך פון צייט צו צייט פאַר־טראַכטן און עפּעס ענלעך צו פּאַרדרוס אָדער טרויער פלעגט זיך אָנצינדן אין זיינע אויגן.

דאָרטן אַ ביסל ווייטער איז געזעסן רובין מיט געניען און

בערגער באַדאַרף שפּילן די ראָל פון אַזאַ, וועמען נישט געניע און נישט שמואל רובין גייען אָן.

אינגאַנצן האָט זיך אים דאָס נישט איינגעגעבן, ווייל זעליק האָט באַמערקט זיין אומרויקייט, ער האָט אויף אים געקוקט לענ־גער, ער האָט זיך באַגעגנט מיט זעליקס בליק און פּלוצלינג אַ וואָרף געטון די קאָרטן:

— גענוג, עס נודעט מיך שוין.

צו זעליקן האָט ער זיך אָנגערופן:

— איר גייט אַביסל שפּאַצירן, דאָרט איז פאַרהאַן אַ בערגל פון וואַנען מען זעט די זון פאַרגיין.

זעליק איז אויף אַ רגע צוגעלאָפן צו עטאַן:

— איך גיי זיך דורך אַ ביסל מיט בערגערן, נישט אויף לאַנג, עטאַ!

— גוט, גיי!

זיי האָבן זיך דערווייטערט פון אַלעמען, אָנגעהויבן רעדן האָט בערגער:

— מער קום איך דאָ נישט, אַ סוף... מען פרעסט, מען פרעסט און מען רעדט רכילות, רובין איז דאָ פאַר זיי צוגעגן פאַסט.

— איר זענט נאָך אַלץ אין כעס אויף רובינען? — האָט זעליק געפרעגט.

— וואָס זאָל מען טון? מען באַמערקט אַליין נישט ווי מע־קריכט אַריין אין אַ בלאָטע.

זעליק איז איצט געווען אַ סך דרייסטער, ווי אין די פריער־דיקע באַגעגענישן מיט בערגערן, ערשטנס האָט עטאַ מיט איר ליבע אים צוגעגעבן מוט און צווייטנס איז בערגער אַליין געווען אַ ביסל געשלאָגן. ער האָט געפרעגט אויף בערגערס לעצטע ווער־טער:

— וואָס מיינט איר מיט די ווערטער, „אַרייַנקריכן אין אַ בלאָטע?"

— אַז מען הייבט אָן צו קעמפן מיט די ווערעם קריכט מען דאַמאָלס אַריין אין אַ בלאָטע, מען מוז זיי אויסמיידן, נישט באַמערקן

זיי האָבן גערעדט. ביז זיי האָבן זיך דערעדט צום עיקר: וועגן רובינען און געניען.

— עס פאַרדריסט אייך שטאַרק, וואָס זי האָט זי צענויפגעבונדן מיט שמואל רובין?

— עס פאַרדריסט און עס הערט שוין אויף צו פאַרדריסן, זי ווערט בא מיר יעדן טאָג קלענער, ווייטער, פרעמדער, איר פּאַר. שטייט, רובינס שאָטנס פאַלן אויף איר און איך הייב אָן צו זען אַן אַנדער געשטאַלט, אַן אַנדערע געניע... איינער איז ווערט דעם צווייטן. מיין באַציונג צו איר? זי איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן, זי איז געזונט און שיין, ווען איך האָב זי געזען צום ערשטן מאָל האָב איך אַ טראַכט געטון, אַז אַזאַ פרוי באַדאַרף הייסן: „חוה", הייסט זי גאָר געניע און פאַרליבט זיך אין אַ פּאָעט מיט דינע פיסלעך... אַמאָל קומט אויס, עס לאָזט זיך אַזוי טראַכטן, אַז דער שיקזאַל פירט מיט אונדז אַ ביטערן אויף צו להכעיס, דאָס וואָס מיר איז געפעלן געוואָרן, ווערט אַוועקגעגעבן דעם, וועלכער איז מיר עקלהאַפטיק, אָבער מען דאַרף אָפּט דעם שיקזאַל צודריקן מיט אַ פוס, ווי אַ זשאַבע...

בערגער האָט געמאַכט אַזאַ באַוועגונג מיטן פוס.

אויף זיין פנים איז געלעגן פאַרדרוס און כעס, די זון, וואָס איז פאַרגאַנגען, האָט אים באַדעקט מיט אַ רויטן אָפּשיין, ער האָט אויסגעזען אין דער רגע ווי אַן אַלמעכטיקער כעסן, וועלכער פאַרגעסט זיך אויף עפּעס גרויזאַמעס.

זעליק האָט נישט געהאַט וואָס צו רעדן, קריכן אין די בייַ-

נער בײַ בערגערן האָט ער נישט געוואָלט, נישט חילנדיק האָט זיך בײַ אים דאָך אַרויסגעשריגן:

— אָבער לידלעך שרײַבט ער שײנע.

בערגער איז אויפגעשפּרונגען:

— כאַפּט אים דער שוואַרץ יאָר מיט די לידלעך... אָבער זי, די פרוי מיט די צײטיקע ברוסטן אירע, מיט אירע שטײפע אָרעמס, זי װעט דאָך נישט שלאָפן מיט די לידלעך, וואָס איז דאָס פאַר אַן אָפּגאָט? לידלעך, גראַמען! עס עקלט פון דער גאַנצער חברה, וועלכע לעבט דאָ אין „בערדיטשעוו". זעלצער שטײט אויף אין דער פרי מיטן בוך, באַטאָג — בוך, באַנאַכט — בוך. אַ גאַנצן טאָג פּלאַפּלען מענטשן וועגן ביכער... אַזוי ווי די לעדער-סוחרים רעדן שטענדיק וועגן דעם שטינקעדיקן שטיקל לעדער... זעלצער זאָגט מבינות און די איבעריקע גלאָצן מיט די אויגן. רובין טאַנצט אַרום אים, ער האָט דערשפּירט, אַז מיט זעלצערס מײנונג רעכנט מען זיך און ער וועט אים שוין גישט אָפּלאָזן... דאָ איז עפּעס אַ גאַנצע קאַמאַרילע באַשאַפן געוואָרן מיט פּאַיאַצן, וואָס לידלען, מיט פּראַזע-כּהנים... איך פאַר קײן אַדעס, צום ים, מען מוז זיך גוט אויסבאָדן נאָך אַזוי פיל באַגעגענישן מיט דער ליב-האַרציקער באָהעמע אונדזערער... רחמנא לצלן!

עס איז שוין געווען פינסטערלעך, ווען זײ זענען צוריקגע-גאַנגען.

אַלע זענען איצט געזעסן בײַ האַלפּערין אויף דער וואַ-רענדע.

זעליק איז צוגעקומען און באַמערקט, אַז עטאַ איז נישטאָ. גענינע האָט זיך אָפּגערופן:

— אײער עטאַ איז אַוועק אַהײם, דאָ איז געקומען אַ יונ-גערמאַן און זי איז מיט אים אַוועק.

אַוועקגעגאַנגען... נישט געוואָרט אויף אים, אַ יונגערמאַן

איז דאָ געווען... אפשר איינער פון די צוויי, וואָס זענען פריער געווען?

אַהיים איז די וועק?...

ער האָט נישט געוואָרט ביז גאַנץ האָט אַלץ אַרויסגע־רעדט.

דאָס האַרץ האָט אים גענומען שפּרינגען און ער איז געלאָפן איבערן פינסטערן וואַלד.

צו זיך אַהיים איז ער געלאָפן.

די ביימער האָבן אים יעדע רגע פאַרהאַלטן, פונקט, ווי זיי וואָלטן אים פרעגן:

„יונג, וווּ לויפסטו אַזוי משוגע?“

דעם קאָפּ זיך צעקלאַפּט און געלאָפן ווייטער, אָט איז זיין פענסטער.

פינסטער אינעווייניק.

אַריינגעלאָפן אין צימער און אַ געשריי געגעבן: „עטאַ!“ קיין ענטפער.

האָט ער פייער אָנגעצונדן און געפונען אויפן טיש אַ צע־טעלע:

„זעליק! איך וועל היינט נישט קומען נעכטיקן, מאָרגן גייט מען באַפרייען מיכעלסאָנען, איך קען פון דער ווייטן נישט שטיין, זיי מוחל און ווייס, אַז איך בין דיינע“.

ער האָט דעם לאָמפּ גישט פאַרלאָשן, נישט פאַרשלאָסן די טיר, אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ און געלאָזט זיך צו דער שטאָט.

אין דער אומבאַהוסטזיניקייט פון זיין יעדן טריט איז גע־ווען איין גרויזאַמער געדאַנק, וואָס האָט ווי אַ פאַקל באַלויכטן זיין וועג.

דער געדאַנק, אַז די איז אַוועק, אַז היינטיקע נאַכט וועט

נישט זיין אזוי, ווי פאריקע נאכט... זיין קינד, זיין ווייב, זיין אויסגעבענקטער פריינט איז אוועק.

מארגן וועט ער שוין נישט האבן די רויקייט, וואס ער האט נעכטן געהאט.

דער זומער איז אויס זומער געווארן, די וועלט, די שיינקייט, די שטערן פון דער נאכט — אלץ אויס.

צום ערשט איז ער געגאנגען צווישן די שיטערעביימער, דערנאך איז ער ארויס אויף אנטאקאל, ער איז געלאפן פארויס, אריינגעקוקט אין יעדן סילועט, וואס האט זיך באוויזן אויף רעכטס און אויף לינקס.

וואס וועט דא געשען מיט איר?

ווו איז זי אוועק?

פיל מאל האט זי אין זייערע גוטע שעהן גערעדט וועגן מיכעלסאנען און זיינע חברים, גערעדט ווי וועגן א געוועזענער זאך... וואס האט זיך איצט אין איר אויפגעוועקט? פליכט צי ליבע? וואס העלפט אבער דאס טראכטן דאמאלס, ווען די וועלט ווערט פלוצלינג פוסט.

ער איז אריין אין צענטער פון שטאט, געלאפן אויף גרויסער גאס, אויף דער דייטשער, אויף טראקער, ער האט ווייניק האפנונג געהאט זי צו באגעגענען און דאך זיך נישט אפגעשטעלט, ווייל ווי נוצלאז זיין זוכן זאל נישט זיין, איז נאך מער נוצלאז זיך אוועקזעצן אויפן ארט און ווארטן, זי וועט אליין צו אים קומען.

יונגווארג האבן געלאכט אויף דער גאס, געשפאסט, געטראגן בלימלעך אין די הענט, אין די לאצן, פארלעך...

ער דערמאנט זיך, אז ביז איצט איז ער אויך געווען גליקלעך, נישט געווען אליין, נישט געווען אליין... און איצט רייסט דאס הארץ זיך אויף שטיקער פון דער גרויסער פוסטקייט, די

בנינים שטיקן, די לאַמטערן מיט די ווייסלען גלאָזן מיט די בלינדע אויגן גלייכגילטיק, ווי דער טויט.

און אפשר וועט זי מאָרגן קומען?

אַלץ וועט זיין, ווי עס איז געווען, ווי גוט עס איז אים געווען די לעצטע צייט, אויף אַ שטיקל ערד האָבן זיי זיך באַזעצט, ביימער האָבן זיי אַרומגערינגלט, דער וואַלד האָט אין פענסטער אַריינגעקוקט.

דער וואַלד איז דאָך געוואָרן זיין גן עדן... אפשר וועט מאָרגן ווידער זיין דאָס זעלבע? גיין, ווען זי וואָלט אים אַזוי ליב געהאַט, ווי ער, דאַמאָלס וואָלט צו דעם נישט געקומען. פאַרוואָס?

ער האָט נישט געהאַט קיין וועלט פאַר זיך — זי איז געוואָרן זיין וועלט.

און זי? מיט פאַלשע פעדעם האָט זי זיך צונויפגעבונדן מיט חברים, מיט אַנאַכירסטין, מיט אַ מיכעלסאָן און בײַ דעם ערשטן צופאַל האָט זי איבערגעריסן די פעדעם, וואָס זי האָט פאַרבונדן מיט אים, מיט זעליקן און געלאָפן, אַנטלאָפן אין דער ווייסטער נאַכט אַריין צו דער גרויסער וועלט, צו אַ קאַמף, וועלכער איז אפשר זיי ביידן פרעמד...

צי זי וועט העלפן דער וועלט, דער גערעכטיקייט מיט איר טריט איז נאָך אַ פראַגע, אָבער בײַ איינעם פון דער וועלט האָט זי היינט אַרויסגעריסן דאָס האַרץ...

וויפיל גאַסן ער איז דורכגעגאַנגען אין יענער נאַכט, וויפיל מאָל שיער נישט געפאַלן פון מידקייט, איצט איז ער געזעסן אויף האַלץ וואָס איז געלעגן בײַ דער ווילי.

דער טייך איז רויק געשוווּמען אויף צו להכעיס די שטערן, וועלכע זענען געשטאַנען אויף איין אָרט...

געווען אַ מאָמענט, ווען זיין פאַרביטערטע נשמה האָט אַ טראַכט געטון פון טויט...

דער טויט האָט אים אויסגעזען, ווי אַ זיס וויגעלע, ווו מען ליגט זיך רויק.

באַלד ענטפערט אים עפּעס אָפּ אינעווייניק:

— זעליק, אַ ביסעלע עקשנות!

היינט פאַרנאַכט האָט זיך פאַר אים בערגער אַ ביסל מתוודה געווען, ער האָט געזאָגט, אַז מען באַדאַרף אַליין אין זיך אַלץ איבערשטייגן.

ווער ווייסט? אפשר האָט בערגער געליטן מער פאַר אים? נאָר יענער איז שטאַרק, יאָ, בערגער וועט אַרויסגיין גאַנץ פון אַזעלכע גאַרישע איבערלעבונגען.

שוין לאַנג זענען שטיל געוואָרן די גאַסן.

די ליידיקייט האָט טריומפירט, פאַרטריבן זענען געוואָרן די מענטשן אין זייערע הייזער און דאָס ווינטל האָט איצט געקענט פריי שפּאַצירן און גלעטן די טויטע מויערן, וועלכע שטייען רויק און באַוועגן זיך נישט אַזוי ווי די פלאַפּלערס, די מענטשן.

דער ווינט איז עלטער פאַר די מענטשן, די שטילקייט איז עלטער און די אַלטקייט האָט נישט ליב, ווען די שומיקע יוגנט שטורעמט...

שטיל-שטום...

אַ מענטש האָט זיך צעקריגט מיט זיך אַליין און קען נישט שלאָפן, דאָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ קלאָץ לעבן טייך, האַלב-פאַרגליווערט איז ער, ער וויל זיך נישט רירן פון אָרט, זאָל די נאַכט טויטן זיין גערידער...

אָבער אויף יענעם ברעג האַלט זיך שוין דער פאַרטאָג.

עס האָט שוין געטאָגט, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און גענומען שפּרייזן.

עס איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, טאָמער איז זי אַהיים גע-

שׂמען? טאָמער האָט זיך אין איר אויפגעוועקט אַ טראָפּן בענקשאַפט צו אים, צו זייער צימערל, וואָס עס זענען אַריבער אַזעלכע רויק־האַרמאָנישע טעג און נעכט... ס'קען דאָך נישט זיין, זי זאָל דאָס אַלץ אַרוישליידערן פון האַרץ באַם ערשטן צופאַל. אפשר איז זי שוין באַ זיי אין צימערל, זי ליגט דאָרט אויפן בעטל און וואַרט אויף אים מיט חרטה, פאַר די יסורים, וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט.

דער געדאַנק האָט אים שטאַרק דערפרייט, ער האָט זיך אַלץ מער איינגערעדט, אַז דאָס איז אַזוי...

דער וואַלד האָט געזונגען. פאַרטאָג זינגט דער וואַלד הילכיקער. די אַלע פויגלעך, וואָס זענען באַטאָג פאַרנומען מיט זוכן ווערעם, מיט בויען נעסטן, זינגען זיך איצט אויס מיט פולע טרעלן. דאַכט זיך, קיין איין ווינקל נישטאָ אין וואַלד, קיין איין בוים איז נישטאָ פונוואַנען אַ קלאַנג זאָל נישט גיין, פון די נעסטן הערן זיך קלאַנגען פון די גאָר יונגעטשקע, וועלכע פּישטשען אַזוי רחמנותדיק. דער גאַנצער וואַלד באַוועגט זיך פון די טענער, פונקט ווי די צווייגן מיט די באַדלען וואָלטן זינגען און שפּילן אַ גאַנצע אָרקעסטער, אַ סימפאָניע.

די באַדלען אויף די שפּיצן פון די ביימער זען אויס, ווי אָנגעשאַרפטע פון דעם גלאַנציקן טוי, וואָס ווערט פאַרצוקט פון די ערשטע זון־שטראַלן. אַ געלע וויעוועריקע שאַרט זיך אויף דער ערד, עפּעס זוכט זי באַגינען. שפּעטער, ווען די מענטשן קומען אַרויס פון וואַלד האָט זי מורא...

האַסטיק האָט זעליק דורכגעשפּרייזט דאָס שטיקל וועג ביז דער שטוב, ווו ער האָט געלעבט. ער איז געטראָגן געוואָרן פון זיין האָפנונגס־געדאַנק, אַז עטאַ מוז אין שטוב שוין זיין און פון די אַלע פריילעכע וואַלד־קלאַנגען.

אַריין צו זיך אין צימער מיט האָרץ־קלאַפּעניש.

עטאַ איז נישטאָ.

די טיר איז געווען נישט פאַרשלאָסן. דער לאָמפּ, וועלכן ער האָט נעכטן באַנאַכט, אַנגעצונדן האָט נאָך איצט געברענט, אומעטיק־קרענקלעך, ווי דער נר־תמיד פון זיין צער און עלנט.

דאָס ווייסע בעטל איז געשטאַנען פאַרלאָזן און די שטראַלן פון דער זון האָבן געגלעט דעם ליידיקן פלאַץ אויף דעם קישן, וווּ נעכטן איז געלעגן עטאַס שוואַרצער קאָפּ.

אונטערגעבראָכן פון דער שלאָפלאָזיקער נאַכט איז ער אַראָפּ־געפאַלן אויף דעם געלעגער אין די קליידער זיינע.

דער בליי פון דער מידקייט האָט פאַרגליווערט זיין טראַכטן און צוגעקלעבט די אויגן.

אין פענסטער איז געקראָכן דאָס גרינס פון וואַלד, אַ ים מיט קלאַנגען, אַ קיל ווינטל.

אַלץ, וואָס האָט געלעבט האָט גערופן צום לעבן, צום ברייטן אָטעם פון דער וועלט...

זעליק איז געשלאָפן עטלעכע שעה און אויפגעכאַפּט זיך נאָך אַ האַלבן טאָג, גלייך מיט אים האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט זיין פאַרצווייפלונג, וועלכע האָט אים ווידער אַוועקגעיאָגט אויף די גאַסן פון דעם אַלטן ווילנע.

געבלאָנדזשעט, געזוכט, געקוקט אין דער ווייט. אפשר וועט עטאַס שמאַל פיגורל זיך באַווייזן אויף אַ טראָטואַר, אָדער אויף אַ דראָזשקע?

פּלוצלינג באַגעגנט אַ לערער, וועלכער פלעגט אַריינקומען צו האַלפּערין. יענער האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַגריסט זיך מיט זעליקן און אָנגעהויבן צו דערציילן:

— אויף געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט איז נאָר־וואָס פאָרגעקו־מען אַן אָנפאַל. מען זאָגט, אַז דאָס זענען די אַנאַרכיסטין אָנגע־פאַלן אויף זשאַנדארמען, וועלכע האָבן געפירט זייערס אַ פּאַרטיי־חבר.

די פיס האָבן זיך אָנגעהויבן בײַ זעליקן צו וויגן און צו־גלייך, די מויערן, די גאַסן, אָבער אויגנבליק האָט ער זיך בײַ־רויקט.

די שרעק האָט אָפּטמאָל אַ פּאַרקעטע ווירקונג: ער מאַכט וויזיק און קאַלטבלוטיק.

ער האָט געלאַסן געפרעגט בײַ דעם לערער:

— נו, און מען האָט וועמען דערהרגעט? מען האָט וועמען אַרעסטירט?

— דער לערער האָט זיך שוין געאיילט און ער האָט צו־געגעבן:

— דערהרגעט קיינעם נישט און אַרעסטירט האָט מען יאָ וועמען: אפשר גאָר אומשולדיקע, ווי שטענדיק...

דערנאָך, ווען זעליק איז געבליבן אַליין, האָט ער אָנגעהויבן זיך איינגאַבן צו פאַרגעסן.

איין געדאַנק האָט אים געפּייניקט:

וואָס איז געוואָרן מיט עטאַן? זאָל זי אַוועק פון אים, זאָל זיין, וואָס עס וויל, נאָר גאַנץ זאָל זי זיין, אין תפיסה זאָל זי נישט אַרייַנפאַלן.

און ער האָט אָנגעהויבן אויספרעגן בײַ באַקאַנטע און אום־באַקאַנטע.

בענוי האָט קיינער נישט געוווסט, נאָר איינס איז קלאָר געווען:

אין גענערגעוואָסקי האָטעל איז איינגעשטאַנען אַ זשאַנדאַרמען־גענעראַל, וועלכער איז ספּעציעל געקומען פון פּעטערבורג צוליב וויכטיקע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. צו אים האָטעל פלעגט מען יעדן טאָג ברענגען אַרעסטאַנטן. היינט האָט מען געבראַכט איינעם אַן אַנאַרכיסט, בשעת מען האָט אים צוריקגעפירט זענען אָנגעפאַלן עטלעכע יונגעלייט מיט אַ פּריילין זיי האָבן געשאָסן אין דער לופט, איבערשראָקן די זשאַנדאַרמען און אָפּגעשלאָגן זייער חבר.

מער דערוויסן זיך האָט זעליק נישט געהאַט די מעגלעכקייט. איינס האָט אים געפרייט, וואָס קיינער איז נישט דערהרגעט געוואָרן.

ער איז נאָך געבליבן אַ צייט אויף דער גאַס. שפּעט נאָך מיטאָג איז ער געלאָפן צו זיך אינדערהיים, אפשר איז שוין עסטאַ עקומען?

נאָר לעבן שטוב האָט ער באַגעגנט די בראָניסלאַווא:

— ניין׳ די פּאַני איז נישטאָ.

איז ער געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט.

צו זיין ווייטיק האָט זיך נאָך איצט פאַרטאָפּלט ... פיין פון דער אומבאַוווסטקייט.

נישט וויסנדיק אַליין, וואָס ער טוט איז ער ווידער געלאָפן אין שטאָט אַריין.

נישט געגעסן, נישט געטרונקען האָט ער באַנאַכט, געשלעפּט זיינע פיס אויף אנטאָקאָל. — אַריין צו זיך אין צימער, געזעסן אַ ביסל צייט אין דער פינסטער. פּלוצלינג האָט ער דערהערט טריט אויף די טרעפּ, איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט איז שוין בערגער געווען אין צימער.

ווער איז דאָ? ... האָט זעליק אויסגערופן, איידער

ער דערקענט דאָס פּנים פון דעם, וואָס איז נאָר וואָס אריינגע־קומען.

— איך, בערגער.

— ווי קומט איר אהער?

— איך האָב פאַר אייך נייעס:

אין שטאָט רעדט מען, אַז דאָס מיידל, וואָס גייט אַרום מיט אייך, איז היינט געווען איינע פון די, וועלכע זענען אָנגעפאַלן אויף די זשאַנדאַרמען...

—ווו איז זי? נישטאָ.

— זי איז אַרעסטירט?

— מען זאָגט, אַז קיינער איז פון זיי נישט אַרעסטירט גע־וואָרן, א דרייסטער אָנפאַל.

דאָס וואָס בערגער איז צו אים געקומען, האָט אים באַמוטיקט, ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן פון עטאַן... נאָר בערגער האָט אים איבערגעריסן.

— די ערשטע זאַך, וואָס איר באַדאַרפט טון איז זיין אַ ביסל פאָרזיכטיקער, וואָס ווייניקער זיצן אינדערהיים.

— איך? וואָס האָב איך געטון אַזוינס?

בערגער האָט אים גענומען פאַר דער האַנט און אַוועקגעפירט פון צימער.

ער האָט געזאָגט:

— איך בין נאָר וואָס געווען בײַ האַלפּערין, דאָרטן האָט מען אויך וועגן עטאַן גערעדט, מען האָט גערערט וועגן אייך. צי איר זענט אַן אַנאַרכיסט, צי נישט. פאַרשטייט, מען פּלאַפּלט און פּאָ־ליציי וועט אַוודאי זוכן די שולדיקע... איר קענט אומשולדיק אַריינפאַלן.

זיי זענען געגאַנגען דורכן וואַלד צו דער שטאָט.

אין וואַלד האָבן צווישן דיביימער געבליצט פייערלעך, ווי־וועלפישע אויגן.

אַלץ האָט איצט אויסגעזען געהיים, שרעקנדיק.

זעליק האָט זיך אָנגערופן צו בערגערן:

— ווי איך זע, קענט איר אויך זאָרגן וועגן אַנדערע.

יעבער האָט זיך געפרווט פאַרענטפערן:

— איך ווייס נישט, צו דאָס הייסט זאָרגן, איר אינטערעסירט מיך, אין אייער גאַנצער צוריקגעהאַלטנקייט איז פאַרהאַן עפּעס פון אַ יחסן, פון גאָר אַ באַזונדערער זיכערקייט אין זיך.

— אַי, ווי איר וואָלט וויסן, ווי איך האָב געליטן אַ נאַכט, ווי נעבעכדיק איך האָב זיך אַליין אין מיינע אויגן אויסגעזען... אַ קנאַפּער גבור...

— צוליב דעם מיידל? איך פאַרשטיי אייך... אָבער איך וועל זיין גראָב מיט אייך און איך וועל אייך זאָגן אַ וואָרט, וואָס וועט אייך נישט שמעקן.

— וואָס פאַר אַ וואָרט?

— עס זענען פאַרהאַן אַ טך מיידלעך אויף דער ערד.

— און ברעכן דעם קאָפּ קען מען צוליב איינער.

— דעם קאָפּ באַדאַרף מען היטן.

— און דאָס האַרץ?

— קירעווען מיטן קאָפּ... אין ערנסטע מאָמענטן, פאַרשטייט זיך... מען באַדאַרף זיך שפּילן, מען מוז זיך שפּילן מיטן טייוול... אַפילו ווען ער קריכט אַריין אין האַרץ, נאָר ווען ער נעמט זיך אַרויסרייסן דאָס האַרץ, דאַמאָלס מוז מען אים אויסהאַקן די נעגל, אויב מען איז נאָר אַ מאַן...

— באַ מיר איז אַזאַ מאָדנער פּלאָנטער, האָט זעליק נאָך

אַ שווייגן געענטפערט, אַזאַ מאָדנער פּלאָנטער; זי האָט מיך ליב, אָנ־ערש וואָלט זי צו מיר נישט געגאַנגען...

זיי זענען שוין געווען אין שטאָט, נישט ווייט פון גאָרטן, וווּ עס איז געשטאַנען פּושקינס דענקמאָל. בערגער האָט נאָך געוואָלט אַ סך רעדן וועגן [illegible] און אוודאי וועגן זיך אַליין.

אין דער רגע האָט אויף [illegible] אַ קוק געגעבן אַ יונגערמאַן. זעליק האָט אים דערקענט: נעכטן איז ער דאָס געווען מיט דעם צווייטן, בײַ טאָג האָט ער עטאַן מיט אַ ווונק אַראָפּגערופן פון באַלקאָן. דער יונגערמאַן האָט אים אויך דערקענט און האָט זיך אָפּגערופן:

— איר זענט קאַמעניעצקי?

— יאָ, יאָ, וווּ איז עטאַ?

— זייט רויק, איך האָב צו אייך אַ פּאָר ווערטער פון איר.

בערגער איז געשטאַנען פון ווייטן און זעליק האָט מיט אומגעדולט אויסגעהערט:

— עטאַ איז אויף טאַטאַרסקע גאַס. איך וועל גיין מיט אַ צען טריט פאָרויס און איר וועט מיר נאָכגיין, זעגנט זיך מיט אייער חבר!

ער איז האַסטיק צוגעלאָפן צו בערגערן:

— איך דאַנק אייך, וואָס איר זענט געקומען, איך ווייס שוין, וווּ זי איז, איך וועל זי באַלד זען... אַ גוטע נאַכט!

און ער האָט גענומען נאָכשפּרייזן דעם יונגנמאַן. געווען צעטומלט און געטראַכט פון איין זאַך: באַלד, באַלד וועט ער זי זען.

אין צוואַנציק מינוט אַרום איז ער שוין געווען אויף דער

שמאָלער טאַטארסקי גאַס, אויף אַ קליינעם הייפל מיט עטלעכע נידעריקע הייזער.

דער יונגערמאַן ווען ער איז די גאַנצע צייט נאָכגע־גאַנגען, האָט אים צוגעפירט צו אַ טיר, האָט אים געהייסן אָנ־קלאַפּן און אַליין איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן.

XII

אַ נ אַ כ ט...

אַ פרעמד קול האָט אים געפרעגט:

— ווער?

ער האָט אָנגערופן זיין נאָמען. די טיר האָט זיך געעפנט. באַ דער טיר אַ יונגע פרוי, אַ טונקעלער צימערל. באַם טיש איז געזעסן אַ יונגערמאַן מיט ברייטע פלייצעס, אָן אַ מאַרינאַרקע איז ער געזעסן און געהאַלטן אַ בוך אין האַנט. די פרוי האָט זיך אָנגערופן:

— עטאַ, צו דיר איז מען געקומען.

און פון צווייטן צימערל איז האַסטיק אַרויסגעלאָפן עטאַ. די אייגלעך אירע האָבן געפיבערט, נאָר אויף די ליפן האָט זיך געלייגט אַ פרייַנטלעכער שמייכל:

— ביסט געקומען, זעליק! אַ גאַנצן טאָג זוכט מען דיך אַרום.

צוגעגאַנגען צו אים נענטער און זיך צעקושט מיט אים.

ער האָט געשוויגן. טרערן האָבן זיך אים געוואָרגן אין האַלדז פון אויפרעגונג און פרייד. ער זעט זי גאַנץ, עס האָט זיך אים געוואָלט מיט וואָס עס איז זי באַשטראָפן פאַר דער משוגע-נער נאַכט, וואָס זי האָט אים געבראַכט מיט איר פאַרשווינדן ווערן.

זי האָט אים אַריינגעפירט אין צווייטן חדר. קיין לאָמפּ האָט דאָ נישט געברענט, נאָר פון צווייטן צימער האָט אַ ביסל ליכט אַריינגעשיינט, אַ שאַפע איז דאָ געשטאַנען, אַ טיש מיט שטולן און אַ ברייטע האַלב צערוּיִנירטע קאַנאַפּע.

זי האָט אים געפרעגט:

— ביסט אין כעס אויף מיר? אין כעס? איך ווייס, דו באַ-דאַרפסט זיין אין כעס.

ער האָט זיך אָפּגערופן:

— איך ווייס נישט צי איך בין אין כעס? איך ווייס שוין גאָר-נישט. מערקווירדיק! איך האָב געבענקט נאָך דיר, איך האָב גע-ציטערט פאַר דיין לעבן, נאָר געטראַכט האָב איך גאָר די גאַנצע צייט נישט פון דיר, נאָר פון מיין שיקזאַל...

עס האָט אַזוי באַדאַרפט זיין, איך פיל, אַז איך טאָר קיין נעסט נישט בויען, עס וועט מיר גאָרנישט העלפן. איך פיל, אַז איך בין פאַרמשפט צו איינזאַמקייט...

יאָ, אַ בליק! אַ וואָך, אַ חודש, דאָס גליק וועט זיך טוליען צו מיר, נאָר באַלד נאָכדעם מוז קומען דער צעשטערער, מיין מזל...

עס וועט מיר גאָרנישט העלפן. געדענקסט, עטאַ! דאָס בילד אין וואַלד לעבן האַלפּעריגס שטוב:

געניע מיט שמואל רובין. ער וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז א צוגעפּאַסטע פּאָר אין דאָך האָסטו געזען, ווי רויִק זעענען. עס מאַכט אַן איינדרוק, אַז זיי האָבן זיך אָנגערייט נחת אויף אַ גאַנץ לעבן.

— ביסט זיי מקנא?

— ביין עסאַ! טיף אין האַרץ האָס איך יעדער זאַטקייט און אַפילו די זיכערקייט, נאָר דיין ליבע איז געווען דיין גלויבן אין מיר און איז געוואָרן פאַר מיר אַ גלויבן. מיטאַמאָל מאַכסטו אַ שריט און באַוועגסט מיט דעם, אַז דער גאַנצער זעליק, מיט ויינע חלומות, מיט זיין ליבע און בענקשאַפט צו דיר, דער זעליק קאַמעניעצקי, איז באַ דיר נישט מער, ווי אַ באַ זאַך.

— רעד נישט אַזוי, זעליק! דו ביסט גערעכט און נישט גע-רעדט.

איצט ערשט האָט זיך זעליק געכאַפּט, אַז ער אינטערעסירט זיך גאַרנישט מיט דער גאַנצער געשיכטע, וואָס דאָ איז פאַרגעקו-מען, מיט דעם אָנפאַל...

ווי אָנגעוויטיקט ער איז נישט געווען האָט אים דאָך פאַר-דראָסן. וואָס ער מיט זיינע איבערלעבונגען קריכן אַרויס אויפן ערשטן פּלאַן. ער איז געזעסן לעבן איר, אויף דער אַלטער קאַנאַ-פּע, געהאַלטן איר האַנט. עס האָט אויסגעזען, אַז זיי האָבן זיך שוין לאַנג-לאַנג נישט געזען, ווי איינער פון זיי וואָלט אין אַ שפּי-טאָל געלעגן לאַנג און איצט איז דער צווייטער געקומען מיט אַ באַזוך, אָדער אין תפיסה אויף אַ זעונג געקומען.

— איך וויל וויסן, עטאַ, וואָס דאָ איז פאַרגעקו-מען?

זי האָט אויפגעלעבט און גענומען דערציילן.

אין דער האַלב-פינסטערניש האָבן אירע אויגן געלויכטן און געלאָפן איבערן צימער:

— פאַרשטייסט, מען האָט [illegible], ווען אים פירט מען צום זשאַנדאַרמען־גענעראַל, האָט מען אים אָפּגעוואַרט אויף דער גאַס. צוויי זשאַנדאַרמען איינגאַנצן און פון „אונדזערע" זענען געווען באַ אַ צוואַנציק חברים, איך — איינער פרוי. מען האָט גענומען שיסן אין דער לופטן, די גאַס איז פאַרהילכט געוואָרן, די זשאַנדאַרמען זענען צעטומלט געוואָרן און זיך אויף דרערד אויסגעצויגן.

מיכעלסאָן איז פריי.

— וווּ איז ער איצט?

— שוין ווייט פון ווילנע, מען האָט אים גלייך אַוועקגעפירט מיט אַ בריטשקע קיין לאַנדוואַראַ און פון דאָרט וועט ער שוין ווייטער אַוועק.

— דו האָסט אים געזען, עטאַ! גערעדט מיט אים?

— אַ צוואַנציק מינוט גערעדט מיט אים, בשעת ער האָט זיך צעקושט מיט מיר, האָב איך גענוי דערפילט, אַז דער מענטש איז מיר פרעמד.

צוליב וואָס זאָגסטו עס מיר?

— ווייל איך האָב דיך ליב, ווייל איך וויל דו זאָלסט זיין רויק, ווייל אויף אַ צייט מוזן מיר זיך דאָך איצט צעשיידן...

ער האָט אויפגעציטערט:

— צעשיידן זיך עטאַ, פֿאַרוואָס? וואָס וועל איך טאָן אָן דיר.

— איך מוז אַוועקפאָרן פונדאַנען. דו מוזסט אויך אַוועקפאָרן פונדאַנען. פּאָליציי זוכט און וועט זוכן די אָנפאַלער.

— בערגער האָט מיר דאָס שוין היינט געזאָגט, ער איז געווען באַ מיר.

— וווּ וועל איך לויפן, וווּ פאָרן?

— פאַר קיין לאָדז!

— דו טראַכסט פאַר מיר אויס פּלענער. ווילסט פּטור ווערן פון מיר?

זי האָט זיך דערלאַנגט אַ שליידער ווי אַ שלאַנג:

— דו ווייסט וואָס מיר וואַרט, ווען מען כאַפּט מיך?

ער האָט אָנגעשטעלט זײַנע אויגן אויף איר און זי האָט באַוויזן אַ צייכן, ווי מען פּאַרציט אַ שטריקל.

— מען קען מיך הענגען, ווען מען כאַפּט מיך און דו רעדסט וועגן פּטור ווערן.

אַ שוידער האָט דורכגעשוועבט אין טונקעלן צימער, זי האָט עס אַזוי קאַלט-מלאך-המוותדיק אַרויסגערעדט: „מען קען מיך הענגען".

זעליק האָט אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט:

— זיי מיר מוחל, עטאַ! איך וועל שוין מער אַזוי נישט רעדן.

זיי האָבן זיך ביידע באַרויִקט און זי האָט ווידער דערציילט איינצלהייטן פון דער געשעעניש, ווי אַזוי מען איז זיך צוזאַמענגעקומען, ווי אַזוי מען איז זיך צעלאָפן.

— אָט דער מיט די ברייטע פּלייצעס אין צווייטן חדר האָט אויך אָנטייל גענומען. די פרוי, ראָס האָט דיר די טיר געעפנט איז זיין געליבטע... זיי זענען אמתע אַנאַרכיסטן, העלדן, זאָג איך דיר זענען זיי, בשעת בײַ מיר איז דאָס אַ קאַפּריז...

דערנאָך זענען זיי אַלע פיר צוזאַמען געזעסן אין ערשטן צימער און געגעסן.

בײַ יעדער שאַרך, וואָס איז געקומען פון גאַס, פלעגן זיי אויגן און אויערן אָנשטעלן.

אַ רויִקע שרעק האָט דאָ געהערשט אין נידעריקן צימער.

מען האָט גערעדט וועגן קאַמף, וועגן קרבנות פאַר אַ בעַ־סער לעבן.

זעליק האָט אין הארצן געהאט גרויס דרך-ארץ פאַר די מענטשן, ער האָט געקוקט אויף זייער רויקייט און זיי באַוואונדערט און דאָך האָט ער אַרייַנגעוואָרפן עטלעכע ווערטער, וועגן דעם, אַז עס לוינט נישט צו קעמפן, ווייל ווי גליקליך די וועלט זאָל נישט זיין, וועט דאָך זיין איינער, וועלכער וועט ליידן... איינער וועט זיין אַזאַ, יאָ?

— מער ווי איינער..

— דאַמאָלס קען דאָך יעדער פון אונדז זיין דער „איינער", וועלכער וועט אַרומטראָגן אין זיך זיין גליענדיקן גיהנום און ליכ־טיקן גן-עדן. און אַז איר וועט פאַרייאָגן דאָס ליידן פון דער זערד, וועט פון דער ערד פאַרשווינדן דער קאַמף און דאַמאָלס וועט בלייבן אַ שטייענדיק וואַסער מיט שימל פאַרצויגן...

— מיר זענען דאָך דער „קאַמף", חבר!

— ניין, איר האָט אַ פּראָגראַם, אַן ענדע-ציל, אַ והיה באחרית הימים, ניין, נישט פאַרייניקן זיך, נאָר יעדער איינער זאָל זיך אויסקלויבן זיין וועג, זאָל יעדער איינער אַליין קאָמבינירן; איר גרייט צו פאַר די מענטשן אידעען, פונקט ווי די קעכין אין קיך גרייט צו שפייז, איר נעמט צו דעם מאַרך בײַ מיליאָנען מענטשן און איר שטאָפּט אין זייערע קעפּ אַריין אייער מאַרך.

דער בחור מיט די שוואַרצע גרויסע אויגן האָט זיך אָנגע־רופן:

— עס איז שטענדיק אַזוי געווען: מען פירט די וועלכע זענען פאַרפירט...

— און מען פאַרפירט זיי ווידער...

— ביז אַ צייט, אַלע וועלן פריי זיין.

זעליק האָט זיך אַלץ מער אָנגעצונדן:

— ניין, אַנאַרכיסטן! איך גלייב נישט אין אייך. איך קען גלייבן אין דעם אַנאַרכיסט, אין דעם איינעם. אָבער אין די אַנאַרכיסטן, אַ פּאַרייניקונג, אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַ שטעמפּעלע...

עטאַ האָט זיך פּלוצלינג פונאַנדערגעלאַכט.

— זעט נאָר, ווי מיינער האָט זיך צעפּלאַפּלט.

זי האָט קיין שלעכטס נישט געמיינט, נאָר זעליק האָט זיך באַליידיקט פאַר דעם „צעפּלאַפּלט” און ער האָט איבערגעריסן זיין רעדן.

עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס אַלע דריי האָבן אים געבעטן ווידער צו רעדן...

— ניין, עס איז נישט פאַר מיר.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך האָב קיין פּראָגראַם נישט...

אַ ביסל אויפגעמונטערט פון דעם דיספּוט איז ער דאָך געוואָרן, ווייל ער האָט באַמערקט, אַז עטאַן זענען זיינע אַרגומענטן געפעלן געוואָרן און דאָס, וואָס זי האָט אַריינגעוואָרפן אַ פראַזע „מיינער האָט זיך צעפּלאַפּלט” האָט זעליקן טאַקע אַ ביסל באַליידיקט, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט עס אים הנאה געטון, ווייל דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אויפהערן צו רעדן וועגן דעם ענין.

זיי האָבן אַזעלכע דיספּוטן יעדן טאָג, יעדע שעה און אים איז שווער מיט זיי זיך צו ראַנגלען.

זיינע אַרגומענטן קומען פון געפיל, בא זיי איז דאָס כמעט אַלעמאָל אויסגעלערנט, פון ביכער גענומען.

אין שטיבל איז איצט געוואָרן אַ ביסל שטימונג און זעליק האָט גענומען עסן מיט מער אַפּעטיט. אַ מעת-לעת האָט ער נישט געגעסן.

— דו וועסט בלייבן דאָ נעכטיקן האָט זיך אָפּגערופן עטאַ.

ער האָט באַטראַכט דאָס צימער...

— מיר וועלן אָפּטיילן — האָט דער בחור זיך אָפּגערופן· איין צימער פאַר אייך און איינער פאַר אונדז..

— אַ קאָמוגע, אמת?

עטאַ מיט איר חברטע האָבן זיך גענומען גרייטן די געלעגערס און זעליק מיטן בחור האָבן גערעדט צווישן זיך:

— עטאַ, האָט אונדז דערציילט, אַז איר זענט אַ ווילער יונג און אַ גוטער דיכטער...

— דאָס טוט מיר הנאה, יעדעס נוט וואָרט, וואָס זי זאָגט, איז מיר טייער, איך אַליין גלייב נישט אַזוי שטאַרק אין מיין ווילקייט.

די צוויי פרויען האָבן זיך אויך צווישן זיך דורכגערעדט, עפּעס האָט. איינע דער צווייטער געזאָגט אַזוינס, וואָס עס האָט זיי ביידן געמאַכט לאַכגדיק... וואָס דאָס איז אַזוינס האָבן די מענער נישט געוווסט, גאָר איבערגעקוקט האָבן זיי זיך מיט בייגעריקע בליקן, פּונקט ווי זיי וואָלטן טראַכטן: די ווייבער לאַכן פון אונדז, די ווייבער זענען צעלאָזן.

עס האָט זיך פאַרגעסן אויף אַ רגע, אַז אונטער · י לאַדנכּלו·ערט די נאַכט מיט אירע בייזע שאָטנס, וועלכע זוכן קרבנות פאַר די תּפיסות און תּליות.

צוויי פרויען זענען דאָ געווען און צוויי מעגער.

עטאַ האָט געפּיבערט מיט די אויגן, פּונקט ווי זי וואָלט זיך איצט אויפגעכאַפּט נאָך אַ גרויסע דאָזע אָפּיום.

זי האָט אָפּגערופן זעליקן און געפרעגט באַ אים:

— זעליק, אַ געלעגער האָב איך שוין געמאַכט פאַר אונדז, נאָר איך האָב דיך פאַרגעסן צו פרעגן דאָס וויכטיקסטע..

— וואָס מיינסטו, עטאַ

— איך ווייס דאָך נישט, צי דו ווילסט דאָ בלייבן נעכטיקן, עס איז ריזיקאַליש, דו קענסט אַריינפאַלן אין תפיסה, ווייל אונדז זוכט מען.

ער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם שוידער פון דער תפיסה, עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס זי פרעגט בײַ אים אַזעלכע זאַכן.

גענוג געווען איר צו דערמאָנען די שלאָפלאָזע נאַכט, ווי ער איז אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, ווי געלעגן און געשוויגן אויף אַ קלאָץ בײַם טייך.

זאָל זיין אין תפיסה, אין גיהנום, אַבי נישט דורכלעבן נאָך אַזאַ נאַכט...

— איך בלייב דאָ, עטאַ, און פרעג מיך מער נישט אַזעלכע זאַכן.

ווען זעליק האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער געזען, ווי דער ברייטפלייציקער יונגערמאַן האַלט אין זיינע אָרעמס די פרוי, וואָס איז געווען אין צימער, ער האָט זי געקושט מיט שיכּרות, זי האָט זיך פּויל באַפרייט פון אים, האָט אָפּגעווישט די ליפּן און העזהדיק געשמייכלט.

דאָס איז געווען אַ געליבטע פון דעם אַנאַרכיסט, אַ געליב־טע, וועלכע האָט מער געפילט זיינע ברייטע פּלייצעס, ווי פאַר־שטאַנען זיינע אַנאַרכיסטישע אידעען.

זי האָט געהאַט אַ ברוינעם קאָפּ האָר, מיט ברוינע ברעמען, אויפן העכערן טייל פון דער נאָז זענען אַרויסגעשפּרונגען עטלעכע בלייכע זומער־שפּרענקעלעך, אָבער גאָר ווייניק און גאָר בלייכע, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך אין מיטן אַרויסשפּרינגען דער־שראָקן...

אַ בליק פול מיט ליידנשאַפט, אַזאַ ליידנשאַפט, וואָס פאַר־

קנעכטעט זיך אַליין, איר בליק האָט, דאַכט זיך, קיינעם נישט באַמערקט, גאָרנישט באַמערקט אין צימער אויסער דאָס געלעגער, וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר זיך און פאַר איר געליבטן.

זי איז עטלעכע מאָל אין פאַרלויף פון אָוונט צוגעגאַנגען צו עטאַן, זי אַרומגענומען, געסודעט זיך מיט איר, ווייבעריש זיך געסודעט און איצט איז זי ווידער צוגעגאַנגען צו עטאַן, זי האָט זי אינגאַנצן פאַרשטעלט מיט איר פולן קערפּער.

— מען וועט זיך לייגן שלאָפן, עטאַ!

— יאָ...

און צו זעליקן האָט זיך עטאַ געווענדט.

— קום אַריין אַהער, דאָ איז אונדזער ווינקל.

זעליק האָט ביטער אַ שמייכל געטון:

— אונדזער ווינקל איז געווען אויף אַנטאָקאָל, אַ מחיה געווען, ווען די גרינע סאָסנעס פלעגן אַרייַנקוקן אין פענסטער...

— און דאָ זענען די לאָדנס צוגעמאַכט...

ער האָט געוואָלט פרעגן: „צי וואָס איז דאָס בייטיק געווען?” האָט אָבער פאַרשטאַנען די נוצלאָזיקייט פון אַלע שאלות און נאָך עפּעס:

עטאַ האָט זיך גענומען אויסטון, די אַרבל אַראָפּגעצויגן פון די ווייסע הענט.

אויסגעבענקט און אויסגעפייניקט פון דעם שווערן מעת-לעת האָט זיך זיין בענקשאַפט איצט אין ליידנשאַפט פאַרוואַנדלט.

ער האָט געוואָלט איר נאַקעטקייט, איר קערפּער, פילן, אַז זי איז נאָך זיינע.

די דאָזיקע נאַכט מיט דעם געלעגער אויף דער ברייטער אַלטער קאַנאַפּע האָט זיך אַזוי ווי אָפּגעטיילט פון לעבן, פון דער ווירקלעכקייט, פון ביטערן נעכטן, פון אַלע ספקות...

פון פאַרצווייפלונג טרינקט מען וויין, זיין איצטיקער צו־פאַלן צו איר פלאַמיקן גופל איז אויך געווען פון פאַרצווייפלונג.

ער האָט זיך איינגעקלאַמערט אין אירע אָרעמס, איינגעזויגן זיך אין אירע ליפּן און זאָל דאָרט לויערן די נאַכט, דער טויט, רער בית־עולם...

עס איז פריִער געווען אַזוי פיל צו רעדן און איצט איז דאָס אַלץ פאַרשוווּנדן געוואָרן, נישט נייטיק, אָדער עס ווערט מיט אַ כּוונה אויסגעמיטן.

פינסטער אין צימער און דאַכט זיך, אַז אין זייערע נשמות איז אויך פינסטער און גוט וואָס עס איז אַזוי, מען זעט זיך נישט, מען פאָדערט איינער פון צווייטן קיין ענטפער נישט אויף אַלע פּרעטענזיעס, ווידערשפּרוכן, דאגות און שרעק.

דאָרט אויף אַגטאָקאָל אין וואַלד איז געווען זייער יום־טוב.

אויף זילבערנע טאַצן, אין קרישטאָלענע בעכערס האָט מען זיי וויין דערלאַנגט און זיי האָבן געטרונקען לאַנגזאַם, טראָפּנווייז, געטרונקען און באַזונגען זיך אַליין...

איצט זענען זיי אַראָפּגעפאַלן אין וויין־קעלער, פינסטער, חושך. קיין אַרויסגאַנג איז נישטאָ, האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו די פעסער וויין... אָן אַ מאָס, אָן אָפּהאַלט...

מיט איין כּוונה: איינער פון צווייטן זיך מער צו פאַר־שיכּורן.

אַ פאַרנונפטיקע רגע, אַ רגע פון דערוואַכונג און ער הייבט אָן צו טראַכטן:

צוליב וואָס האָט זי אים דאָ גערופן?

אַ גאַנצן טאָג האָט אַ מענטש אים אַרומגעזוכט, כּדי צו ברענגען אַהער אין אַ ווילד־פרעמרן צימער, וואָס איז צוגעמאַכט מיט

אַ טיר, וועלכע קען יעדע רגע אויפגעריסן ווערן ... די רוסי-שע זשאַנדאַרמען, צוליב וואָס האָט זי אים דאָ געבערענגט? געהאַט צו אים אַ געפיל, ליבע, בענקשאַפט?

ביטער לאַכן האָט זיך אים איצט געוואָלט:

אַלץ האָט זי דאָך גלייך אַוועקגעוואָרפן, ווען זי האָט דעם ערשטן סיגנאַל באַקומען פון אירע חברים, אַז מען גייט באַפרייען מיכעלסאָנען...

נישט קיין געליבטע, נישט קיין פריינט זעגען זיי, נאָר בלינדע שונאים.

ער, וואָס האָט געוואָלט אַ פריינט נאָר פאַר זיך און זי, וועלכע רעאַליזירט אירע קאַפריזן אין יעדער צו-פאַל...

ער האָט זיך דערפילט, קליין, נישטיק צוליב דעם געדאַנק, אַז ער אַליין האָט נישט איבערגעצויגן אַלע אירע אַנדערע פאַר-לאַנגען, אַלע צילן...

ער איז נישט געוואָרן באַ איר דער עיקר, ווי זי באַ אים.

וואָס האָט זי געוואָלט?

וואָס וויל זי פון אים איצט?

זיין יוגנט?

זיין יונג-בחורישן כוח?

אַ פראָטעסט קעגן זיך און קעגן איר האָט זיך אויפגעהויבן אין אים.

ער האָט זי מער נישט געקושט און איר קעפל האָט זיך געטוליעט צו אים, שווייגנדיק האָט זי כסדר געזוכט זיינע ליפן, ביז ער האָט זיט צאָרן אָפגעקערט דעם קאָפּ.

זי האָט דערפילט זיין קאַלטקייט און אויפגעכאַפּט זיך פון אַ לאַנג דויערנדיקער פאַרגעסונג.

פינסטער.

זיין פנים האָט זי נישט געזען. זיינע אָרעמס האָט ער צו־ריקגעצויגן, גערעדט האָט ער אויך נישט...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן געלעגער.

זעליק האָט געפילט אין אירע באַוועגונגען אַן אויפרעגונג, ער האָט אָבער נישט געוווסט, צי זי איז אין כעס אויף אים פאַר זיין שווייגן, צי זי שרעקט זיך פאַר אים. שוין געהאַט פאַרדרוס, וואָס ער האָט זיין צאָרן אַרויסגעוויזן...

ווער ווייסט? זי מיט איר פלאָנטער־לעבן איז אפשר גאָר־נישט שולדיק אין זיינע איבערגעלעבטע יסורים, מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער זי צו משפטן, פאָדערן פון איר מער, וויפיל זי גיט אים... מיט וואָס פאַר אַ רעכט?

זיין האַנט האָט זיך אויסגעשטרעקט אין דער פינסטער. צו אירע שמאָלע פלייצעס האָט זיין האַנט זיך צוגערירט, זי האָט אויפגעציטערט און האַסטיק זיין האַנט אָפּגעוואָרפן.

ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, ביידע אין כעס, צוויי באַזונדערע וועלטן אויף איין געלעגער.

פינסטער...

און אַז עס איז ליכטיק זעט מען זיך דען בעסער?

אין דער ליכטיק באַרט מען דען נישט איינער דעם צווייטן און זיך אַליין?

ביידע האָבן נישט געהאַט דעם מוט צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן. אָפּגעקומען מיט שווייגן.

באַ זעליקן אויפן דער צונג איז געלעגן איין פראַזע:

— דו האָסט נישט געטאָרט אַוועקגיין אַן מיין וויסן, דו ביסט מיינע.

און באַ איר אין די געדאַנקען האָט זיך געצילט אַ פייל צו אים.

— כל-זמן איך וויל, בין איך דיינע, מיין רעכט קלויב איך זיך אַליין אויס.

די ווערטער האָבן זיי ביידע נישט אַרויסגערעדט, יעדער איינער איז צוליב זיך אַליין אונטערטעניק געווען דעם צווייטן און דעריבער האָט זייער כּעס לאַנג נישט געדויערט, זי איז צוריק אַראָפּגעפאַלן אויפן קישן און מיט אַ קינדערישן ברוגז אַרויס־גערעדט צו זיך, צו דער פינסטערניש און טאַקע צו זעליקן אויך:

— אַז דו וועסט לאַנג זיין אַזאַ, וועל איך זיך אָנטון און אַרויסגיין אין גאַס, איך וועל צוגיין צום ערשטן גאָראָדאָוואָי און זאָגן: „אַרעסטיר מיך, איך האָב היינט געהאָלפן צו באַפרייען מיכעלסאָנען."

ניין, זי וועט דאָס נישט טון, זי וועט נישט גיין פרייוויליק אין תּפיסה, דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן, כּדי זיך איבערצובעטן, אַ חנדל איז דאָט געווען, אַ חניפהלע, און זעליק איז שוין סיי ווי סיי נישט געווען „אַזאַ".

זיין כּעס איז אַוועק און עס האָט זיך פאַרביטן אין אַ הפקר־געפיל: „זאָל זיין וואָס עס וויל".

ער האָט זיך אָפּגערופן:

— גלייב מיר, עטאַ! ווען איך זאָל פילן מיטן גאַנצן הארצן! אַז דיך בינדט עפּעס מיט די מענטשן, מיט זייערע אידעען, ווען איך זאָל באַגרייפן, אַז דיין „איך" איז פאַרבונדן מיט זיי, וואָלט איך זיך דאַמאָלס מיט קיין איין וואָרט דיר נישט אַקעגנגעשטעלט, איך וואָלט דיך נישט געפּרוווט איבערעדן... ניין! אָבער בא דיר איז דאָס בלויז אַמביציע, איינרעדעניש, דו זוכסט העלדישקייטן, שטאַרקע איבערלעבונגען, אָבער איך האָב דאָך דיך געזען אויף אַנטאָקאָל: דיין נשמה האָט זיך אַנטפּלעקט: ביסט אַ רויק מיידל מיט אַ סך פיין געפיל.

זי האָט אים איבערגעריסן:

— אָט טאַקע צוליב דער רויִקייט בין איך געלאָפן אויף געאָרגיעווסקע גאַס מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט. איך האָב זיך דערשראָקן פאַר דער רויִקייט, אַזוי ווי דו האָסט זיך דערשראָקן פאַר מיין רעוואָלווער. איך האָב מורא באַקומען פאַר מיין רויִקייט, איך בין נאָך אַזוי יונג און איך האָב שוין דערפילט אַזאַ געפיל צו דיר, צו אונדזער ווינקעלע, אַ געפיל פון באַשטענדיקייט, פון איינגעזעסנקייט. מיר איז גוט געווען אויף אַנטאָקאָל, איך האָב אפילו נישט געפילט די שרעק פאַר דער רויִקייט, נאָר בשעת מען איז מיר געקומען אָנזאָגן, דאָס עס גרייט זיך דער אָנפאַל צו באַפרייען מיכעלסאָנען, האָב איך דערפילט, אַז מיין נשמה איז נישט אינגאַנצן צופרידן, איך האָב זיך אַליין איבערגעראַנגלט און איך בין געגאַנגען. איך קען איצט אַליין נישט פאַרשטיין, צי איך האָב גוט געטון, צי שלעכט... עס איז געשען און איך ווייס נישט, צי מאָרגן בין איך ווידער נישט פעיִק אויף אַ נייע אַוואַנטורע...

— אָבער וואָס בין אי ך פאַר דיר, עטאַ!

— דו ביסט מיין רויִקייט, מיין צוים אין וועג. האָסט אויף אַ צייט מיך אָפּגעהאַלטן, איצט בין אָפּגעשפּרונגען אָן דער זייט אַ ביסל...

דער טאָן אירער איז געווען ערנסט און אין אַזאַ רגע האָט זיך אוודאי נישט געגלייבט, אַז אַזאַ עטאַ קען קינדעריש שפּאַסן, נאַריש מאַכן זיך...

זי האָט געהערשט און דאָס האָט זעליקן שטאַרק געשטיקט.

אַליין צו הערשן...

ער האָט נישט געהאַט אַזאַ חשק, אָבער זיין אונטערטעניק — דאָס האָט אים געפייניקט ביז גאָר. פילן, אַז דער מענטש, װעמען דו ווילסט דיין נשמה אָפּגעבן און פון וועמען דו ווילסט

אַ ביסל נשמה, איז אַזוי ווי דער ווינט: היינט דאָ און מאָרגן דאָרטן, היינט וועט עס דיך קילן און גלעטן און מאָרגן אַרויס־רייסן פון דער ערד, ווי אַ בוים, אַרויסרייסן מיטן גאַנצן וואָרצל.

אויף דעם הויף איז ווער דורכגעגאַנגען, די טריט האָבן עטאַן דערשראָקן.

זי האָט זיך אָנגערופן צו זעליקן:

— שאַ, מען גייט... אפשר פּאָליציי?

אינסטינקטיוו... פון שרעק האָט זי זיך שטאַרק צוגעטוליעט צו זעליקן, ער האָט דערפילט ווי שטאַרק איר האַרץ קלאַפּט.

צום גליק זענען די טריט פאַרשוווּנדן געוואָרן און זיי האָבן זיך ביידע באַרויִקט.

— האָסט מורא, עטאַ?

— אַביסל, איך וואָלט נישט געוואָלט אַריינפאַלן. עטלעכע מאָל האָט זי איבער דער נאַכט אויפגעציטערט בײַ יעדן שאָרך אויפן קליינעם הויף. זעליק האָט דערפילט אַ רחמנות צו איר; ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אין דער רגע אַ שווידערלעכן געדאַנק: זי זיצט אין תפיסה, עס וואַרט אויף איר אַ שווערער פּסק, זי ראַנגלט זיך, שלאָפט נישט קיין נעכט און אַלץ דערפאַר, ווייל זי האָט זיך געוואָלט שפּילן אין העלדישקייט.

אין דער רגע איז ער גרייט געווען גיין פאַר איר אויף די גרעסטע קרבנות, אַלץ מוחל געווען, פאַרגעסן זיך אינ־גאַנצן:

— וואָס וועט איצטער זיין? עטאַ! וואָס וועט זיין מאָרגן?

— איך וועל פאַרלאָזן ווילנע, דו אויך... און שפּעטער, ווען עס וועט זיך אַ ביסל באַרויִקן וועלן מיר זיך ווידער באַגעגענען...

— איך גלייב נישט.

— באַליידיקסטו מיך, דו מוזסט גלייבן... דו זעסט, איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל העלפן צו כּאַפּרייען מיכעלסאָנען, איך האָב געהאַלטן וואָרט. כאָטש ער איז פאַר מיר איצט אַ פרעמדער מענטש.

— איך וועל דיר אויך ווערן פרעמד.

— ס'קען זיין, ס'קען אַלץ זיין... דערווייל אָבער ביסטו מיר דער נאָנטסטער, דער טייערסטער, איך האָב דיך ליב, אַזוי ווי עטאַ קען ליב האָבן... איצט טאָרן מיר נישט זיין צוזאַמען און לאָמיר וועגן דעם מער נישט רעדן. אינדערפרי וועסטו אַרויסגיין פונדאַנעט, וועסט זיך גרייטן אַוועקצופאָרן קיין לאָדזש, ווייל דאָרט האָסטו דיינע, זאָלסט נאָר זיין פאָרזיכטיק אַביסל, ביסט אַ מאַן, נישט קיין קינד, זאָרג וועגן זיך און איך וועל זאָרגן פאַר זיך... אין אַ שיינעם טאָג וועלן מיר זיך באַגעגענען, וועסט זען, מיר וועלן זיך באַגעגענען, איך האָב אַזאַ געפיל, אַז איך וועל בענקען נאָך דיר...

ער האָט געשוויגן און אויסגעהערט אירע אָנווייזונגען.

דאַכט זיך, אַז אים איז אַלץ איינס: דער שיינער זומער רייסט זיך איבער, דער חלום גייט אַוועק. אין יעדעס וואָרט אירס האָט ער געפילט דעם אורטייל פאַר די פאַרגאַנגענע באַלויכטענע טעג.

אויס...

זאָל זי יאָ קומען צוריק, זאָלן זיי זיך ווידער באַגעגענען אָדער קיינמאָל מער זיך נישט זען; די אַבסאָלוטע גאַנצקייט פון זיין אויסגעבענקטן ציל איז מער נישטאָ: דעם פריינט פאַר זיך אַליין האָט ער נישט און וועט נישט האָבן.

מער רעדן וועגן זיך האָט ער נישט געוואָלט, שטאָלץ באַ זיך געוואָרן

זאָל זי נישט מיינען, אַז ער איז אַזוי שוואַך בײַ זיך.

ער האָט געוווּסט, אַז וווּרטער זענען איצט איבעריק, עס זענען נאָר איבערגעבליבן עטלעכע שעה פֿאַר זייער צוזאַמען זיין...

ער האָט זיך אָפּגערופֿן:

— וועל איך נאָך קושן אַמאָל אָט די ליפּן?

זי קען פֿאַרשפּאָרן די סכּנה, דעם טייוול און אויך זיך אַליין.

זי רופֿט זיך אָפּ:

— וואָס באַדאַרפֿסטו טראַכטן, וואָס אַמאָל וועט זיין, קוש די ליפּן מיינע איצטער.

די טיר איז געווען האַלב־אָפֿן און פֿון צווייטן צימער האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קוש, דאָס אַנאַרכיסטישע פּאָרל איז אויך נישט געשלאָפֿן..

עטאַ האָט שטיפֿעריש אַ צי געטאָן זעליקן פֿאַר דער האַנט:

— האָסט געהערט, יאָ?

— אַ זאַטער געזונטער קוש...

— לאָמיר זיי נאָכטאָן!

— ניין, דאָס באַדאַרף מען זיך נישט לערנען... באַם צווייטן...

ער האָט נישט באַוויזן מער צו רעדן, ווי אַן אָנגעברענטער זיגל זענען אירע ליפּן צוגעפּאַלן צו זיינע, פֿאַרשלאָסן אים זיין מויל און אויפֿגעעפֿנט זיינע אָרעמס.

פֿאַרטאָג האָט זי אים געהייסן אויעקגיין, אָפּגערעדט מיט אים אויף וועלכן אַדרעס ער זאָל צו איר שרייבן, זי וועט

אָרן קיין דווינסק, נאָך פריִער פאַר אַ חודש זאָל ער נישט שרייבן.

דאָס רעדן מיט אים איז געווען קורץ.

דאָס געזעגענען זיך — קורץ.

זי איז נאָך געלעגן אויף דער קאַנאַפּע, ווען ער האָט זיך מיט איר געזעגנט, צוויי מאָל געקושט אין אירע ליפּן, זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך און איין וואָרט געזאָגט:

— זיי אַ מענטש!

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, איז דאָס פּאָרל אין צווייטן צימער געשלאָפן.

דורך דעם צעבראָכענעם לאָדן האָט אַריינגעשיינט אַ ביסל ליכט און דאָס האָט געגעבן זעליקן די מעגלעכקייט צו באַמערקן אַ געזונטן באַטעטן אַקסל פון דער פרוי מיטן ברוינעם קאָפּ האָר, דער אַקסל האָט פעסט אַרומגעאָרעמט דעם שוואַרצן קאָפּ פון איר געליבטן.

זיי זענען געשמאַק און זיכער געשלאָפן.

זעליק איז זיי מקנא געווען — צוויי נעכט האָט ער שוין קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

אויף די גאַסן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס לעבן, אין די פּאַלבן צווישן די מויערן האָבן זיך צעלייגט פּאַסן זון און זיי האָבן אָפּגעלעקט דעם טוי פון דער נאַכט.

פרויען און עלטערע מענער האָבן געקערט דעם ברוק. אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז עס גרייט זיך אַ פריילעכער טאָג...

נאָר צו זעליקן אין דער נשמה איז די זון נישט געקראָכן ער איז געווען צעבראָכן פון די צוויי געכט. די געדאַנקען האָבן זיך נישט געלאָזט קירעווען.

אייגס האָט ער געפילט:

ער באַדאַרף באַלד איבעררייסן מיט דער דאָזיקער שטאָט, מיט אירע קרומע גאַסן, מיט אַלע גוטע און שלעכטע באַקאַנטע...

אַלץ האָט אים איצט אויסגעזען טייער אין דער אַלטער ווילנע...

און עטאַ...

איין וואָרט דאָס זי צו אים געזאָגט:

„זיי אַ מענטש!"

ער האָט ביטער צו זיך אַליין געשמייכלט...

ווי לאַנג ער סטאַרעט זיך שוין צו זיין אַ מענטש און דאָך אין יעדער איינער מער „מענטש" פאַר אים, יעדער איינער גיט אַן עצה מיט זיך, מיט אַלעמען און ער...

געשעעניש און באַגעגענישן קומען צו אים אַליין און גייען אַוועק אַליין, זיי לאָזן אים איבער אויף דער גאַס, אָט אַזוי ווי איצטער. געווען באַ אים אַ רגע פון ביטערער פאַרצווייפלונג און דאָך...

די זון האָט נישט געלאָזט זיין נשמה אינגאַנצן אַראָפּזינקען אין יאוש.

אַזוי ווי איינער וואָס טרינקט זיך און שווימט יעדע רגע אַרויס אויף דעם פלאַך פון וואַסער, אַזוי האָט זיין נשמה זיך געצויגן צו דער ליכטיקייט, אומבאַוווסטערהייט האָט זיך אין אים עפּעס געשטאַרקט.

ער האָט נאָך געלעבט, געאָטעמט מיט עטאַן...

זי האָט אים דאָך אַ סך געגעבן, כאָטש זיין כוונה האָט זי נישט פאַרשטאַנען, ער האָט געוואָלט זי צוגעווייגען צו זיך, זי זאָל זיך איינפלאָנטערן אין זיין נשמה, איינס זאָלן זיי ווערן

ער איז שוין געווען אין וואַלד, נישט ווייט פון זיין צימערל, איז פלוצלינג אויסגעוואַקסן דער בראָניסלאַוועס קליין כזב־טערל... זי האָט צו אים אויסגעשריגן:

— די מאַמעניו האָט געזאָגט, דער פּאַן מיט דער פּאַני זאָלן נישט קומען אַהיים, מען וויל דעם פּאַן מיט דער פּאַני אַרעסטירן.

ער האָט זיך גענומען אויספרעגן בּאַ דעם מיידעלע אין דערגאַנגען איז ער, אַז אין שטוב וואַרט אויף אים פּאָליציי.

דאָס האַרץ האָט אים גענומען קלאַפּן, פּונקט, ווי ער וואָלט אין אַ געפערלעכער נעץ אַריינגעפאַלן און דערזען האָט ער גלייך, אַז דער וואַלד איז אַרום און אַרום פריי, האָט ער זיך דערפרייט. ווי אַ חיה, וועלכע זעט, אַז זי האָט, וווּ צו אַנטלויפן, און ער האָט גענומען שפּרייזן מיט גרויסע טריט אין טיפן וואַלד אַריין, צווישן די אויפגעוואַקסטע ביימער.

די פייגעלעך האָבן אים מוט צוגעגעבן.

שרעק... ער האָט עטלעכע מאָל זיך אַרומגעקוקט, אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז מען יאָגט אים נאָך, מען שיסט פון הינטן און געפילט האָט ער אַ מאָדנע געפיל, אַ מאָדנע שטאָלץ, עס האָט אים אַזוי ווי הנאה געטון, וואָס ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט צוליב דער עטאַ אין דעם גאַנצן ענין, ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס זי פלעגט זיך אָפט אַזוי פאַרבענקן נאָך דער אַוואַנטורע... עס רייצט דאָס בלוט.

איצט האָט ער געהאַט אַ ציל פאַר זיך: ראַטעווען זיך...

ער איז צוגעקומען צו דעם אָרט אין וואַלד, ווו די האַלפּערינס האָבן געוווינט און זיי דערציילט, אַז בּאַ אים איז פּאָליציי אין שטוב, אַז ער מוז פון ווילנע אַנטלויפן. מער פאַר אַלעמען האָט זיך מיט אים פאַרינטערעסירט געניע.

איר עצה איז דאָס געווען, ער זאָל דאָ נישט זיצן, נאָר

אוועקגיין ווייטער, ווייל דאָ איז אויך נישט זיכער: ער מוז איבער־וואַרטן אַ ביסל צייט.

אונטער אַ בוים איז ער געלעגן, געניצ האָט אים געבראַכט עסן, עטלעכע מאָל געקומען צו אים און באַרויקט.

באַטאָג איז ער איינגעשלאָפן אין מיטן וואַלד, אונטער די קלאַנגען פון הונדערטער פייגל. אָנגעזאַפּט אַ פולע ברוסט מיט וואַלדריח, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווען עס איז שוין געווען האַלב־פינסטער...

ער האָט געריבן די אויגן און נישט דערקענט די וועלט, דערמאַנט זיך די נאַכט, עטאַן, בראָניסלאַוועס טעכטערל, וועלכע איז אַנטקעגן געלאָפן מיט דער בשורה, אַז פּאָליציי וואַרט אויף אים...

פאַנטאַסטיש האָט אים אויסגעזען זיין לאַגע, דאָס לעבן, די מענטשן...

איצט אין די שאָטנס פון די אַלטע ביימער, אין די ווייטע עכאָס פון די קינדער, וועלכע האָבן זיך געשפּילט דאָרטן, לעבן די הייזער.

די ביינער האָבן געבראָכן פון דער האַרטער ערד, אויף וועלכער ער איז געלעגן עטלעכע שעה...

ער האָט לאַנג געוואַרט ביז געניצ האָט זיך באַוויזן, זי האָט זיך פאַרענטפערט, אַז זי איז דאָ עטלעכע מאָל געווען, נאָר זי האָט אים נישט געוואָלט שטערן אין זיין שלאָפן...

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מאָרגן פאַרנאַכט פאָרט ער אוועק קיין לאָדזש.

היינטיקע נאַכט זאָל ער נעכטיקן בא האַלפערין אין שטאָט, די גאַנצע שטוב שטייט ליידיק, געניצ האָט אים געבראַכט דעם שליסל, געזעגנט זיך מיט אים, דערלאַנגט אַזוי גוטמוטיק די האַנט און צוגעוווּנטשן:

— אַז איר וועט באַגעגענען עטאַן, גריסט איר פֿון מיינעס־וועגן...

דער קלאַנג, דער נאָמען: „עטאַ"... עס האָט אים אַ ריס געטון אין האַרצן...

די וועלט, אַ נאַרכיזם, מיכעלסאָן... די אַלע זאַכן האָבן אים אינטערעסירט אין זיין איינזאַמקייט, אָך, וועגן דעם לוינט נישט צו רעדן.

— זייט געזונט, געגיע! גריסט אַלעמען!

און ער האָט זיך געלאָזט בלאָנדזשען דורך די ביימער, צו אַנטאָקאָל, צו דער שטאָט, צו האַלפּערינס וווינונג, וווּ ער האָט איבערגענעכטיקט.

אויף מאָרגן האָט ער נאָך געהאַט עטלעכע קליינינקייטן צו דערליידיקן.

ער האָט געבלאָנדזשעט איבער די גאַסן און מיט ווייטיק זיך געזעגנט מיט יעדער הויז, מיט אַלע דערינערונגען, וואָס די גאַסן האָבן אין אים אויפגעוועקט.

אַהיים צו זיך אויף אַנטאָקאָל איז ער נישט געגאַנגען און ער האָט איבערגעלאָזט אויף הפקר זיין גאַנץ ביסל אָרימקייט, אַפילו זיינע העפטן מיט די לידלעך, ביכער, בריוו, פאָטאָגראַפיעס. אי־בערהויפּט האָט אים געקרענקט, וואָס דאָרט איז געבליבן אַ פאָטאָ־גראַפיע פֿון עטאַן אין אַ גימנאַזיסטיש קליידל, מיט די אויגן ברייט אויפגעעפנט, פונקט ווי זי וואָלט פאַרוווּנדערט וועלט און לעבן...

די פאָטאָגראַפיע איז געהאָנגען איבער זייער געלעגער, אין אַ רע־מעלע פֿון גרינס, וואָס זיי האָבן אין וואַלד אָנגעקליבן.

געהאַט האָט ער אין דעם לעצטן טאָג צוויי באַגעגענישן, וועגן וועלכע ער האָט שפּעטער אין וואָגאָן געטראַכט:

די ערשטע באַגעגעניש איז געווען אויף דער צווייטער גאַס: אַנטקעגן אים איז געגאַנגען בערגער מיט אַ הויכער שייבער פרוי.

געאַרעמט זענען זיי געגאַנגען. און בערגער האָט געשטעלט אַזעלכע זיכערע טריט, נישט נאָר די פרוי, די גאַנצע וועלט, די ערד מיט די הימלען געהערן צו אים.

בערגער האָט אים באַמערקט, איבערגעבעטן די דאַמע זיי־נע און צוגעגאַנגען צו זעליקן:

— וואָס הערט זיך? געזען עטאַן?...

— געזען און זיך געזעגנט, זי פאָרט אוועק אין איין אָרט, איך אין אַ צווייטן. באַ מיר אין שטוב וואַרט פּאָליציי, אַן איבער־קערעניש... היינט פאָר איך אָפּ.

— איר וועט זיך אַרויסדרייען, עס וועט נאָך זיין גוט.

— און וואָס הערט זיך באַ אייך? — האָט זעליק גע־פרעגט.

— איר זעט דאָך, אַ מיאוסע אפשר? וואָס? ער האָט אַ ווינק געטון צו יענעם ווינקל, וווּ זיין באַקאַנטע איז געשטאַנען, אַ שמייכל געטון, דערלאַנגט האַסטיק די האַנט זעליקן... און נאָך צוויי מענטשן האָבן זיך גלייכגילטיק בעזעגנט.

די צווייטע באַגעגעניש האָט זעליק געהאַט אויף נאָוואָראַ־דער גאַס, באַם טויער פון דעם הויז, וווּ ער האָט פריִער געלעבט, ער איז דאָרטן געגאַנגען צו דער אַלטע באַלעבאָסטע זיינער, אָפּ־נעמען בריוו, וועלכע פלעגן פאַר אים אַמאָל אָנקומען.

פאַרנאַכט. דער קאַטערינשטשיק מיט זיין טעכטערל זענען אַהיים געקומען, דאָס מיידל איז געגאַנגען באָרוועס, מיט ברודיקע פיס, אין האַנט האָט זי געהאַלטן דאָס קעסטל, אָבער אינעווייניק איז שוין נישט געווען דער גרינער פּאָפּוגאַי, אַ גרוי קראָליקל האָט אַרויסגעקוקט מיט זיינע אָנגעשראָקענע אייגעלעך.

נישטאָ דער גרינער פויגל, וואָס האָט אים חלומות גע־בראַכט.

— מיידעלע! וווּ איז דער פּאָפּוגאַי

דאָס מיידל הייבט אויף די אויגן, זי דערקענט אים דעם געהעזענעם שכן.

— דער פּאָפּוגאַי האָט זיך דערוואָרגן מיט אַ שפּילקע, וואָס איז געלעגן אין די ווייניקער, „פּאַפּקע-דלות״ האָט פאַרלייגט מיט זיין קעפל... יאָ, בחור-לעבן, נעמט אַ „בילעטיק״ פאַר דריי קאָ-פּעקעס, נעמט אַ „בילעטיק״ באַם קראַליקל...

די רעדער פון וואַגאָן האָבן געקלאַפּט, פרעמדע מענטשן האָבן זיך צונויפגערוקט אויף די האַרטע בענק און זעליק האָט געטראַכט פון גריגעם פּאָפּוגאַי, וועלכער האָט זיך דערוואָרגן...

XIII.

רויך...

מיט אים איז מיטגעגאַנגען אַ קלל ה, ווען ער פלעגט שפּרייזן אויף די לאָדזשער גאַסן, אויף די ליפּן איז די קללה אים גע־לעגן.

ער האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען, ער האָט קיין פּרייבט, קיין באַקאַנטן זיך נישט געקענט צוזוכן.

אין זיין היים, באַם טאַטן, איז געווען שלעכט, אַזוי ווי אין אַמאָליקע צייטן. העלפן האָט ער זיי נישט געקענט, געהאָלפן ווערן פון זיי אוודאי נישט.

האָט ער זיך אָפּגעטיילט, געדונגען אַ האַלבן צימער בשותפות מיט אַן אָנגעשטעלטן אין אַ טוך־לאַגער.

דאָס איז געווען אַ נידעריקער בחור, אַ קאַלטער נפש מיט גרויסע אויערן און אַ סך זומער־שפּרינקעלעך אויפן פּנים, אַ קורצן האַלדז האָט יענער געהאַט, מיט ברייטע פּלייצעס, כמעט אַ הויקער־

זיין האַנט האָט שטענדיק געשוויצט, די אויגן שטענדיק מיט אַ טרוקענער אויסדרוק, קיין שמייכל נישט געווען אויפן פּנים.

דאָס איז געווען אַ בחור פון אַ פאַרוואָרפן ליטוויש שטעטל, פון אַ קבצנישע משפּחה, דאָ אין לאָדזש איז ער געקומען מאַכן אַ קאַריערע. מיט אַן אייזערנעם געדולד איז ער טריט נאָך טריט געגאַנגען צו זיין ציל. קאַרג ווי אַ שטיין. זעליק פלעגט זיך צו־קוקן צו אים, פונקט ווי דאָס נפש וואָלט געווען אַ „מאַלפּע". נאָך יעדן מאָל, וואָס ער פלעגט טרינקען טיי, פלעגט ער איבערציילן, וויפיל שטיקלעך צוקער אים איז פאַרבליבן און צענויפגעקליבן די ברעקלעך ברויט, ווי גאָלד־זאַמד.

אַ טיש האָבן זיי געהאַט. איין האַלבער האָט געהערט צום „נפש", דער צווייטער צו זעליקן. זאָל גאָט אויסהיטן, ווען זעליקס אַ ביכל, צי אַ שטיקל פּאַפּיר פלעגט זיך אַוועקרוקן אַ ביסל ווייטער איבער דעם טיש, דער „נפש" פלעגט אַרויסגיין פון די כּלים.

דערשטיקט צו ווערן...

און דאָך האָט זעליק קיין ברירה נישט געהאַט, געמוזט לעבן מיט אים אין איין צימער, ווייל ער האָט פאַרדינט גראָשנס; גע־דרוקט פון צייט צו צייט אַ ליד, אַ קליינע נאָוועלע אין אַ לאָדזשער צי אין אַ וואַרשעווער צייטונג, ער האָט אויך געהאַט צוויי לעק־ציעס, פאַר וועלכע ער פלעגט באַקומען גראָשנס.

ער האָט געמוזט זיצן אין זיין צימער, אַרבעטן אויף זיין האַלבן טיש און צוקוקן ווי דער נפש ציילט די שטיקלעך צוקער, אָדער ווי ער פאַרצירעוועט זיינע סקאַרפּעטן, דערביי פלעגט יענער האָבן איין טעמע צו רעדן, ווי אַזוי לאָדזשער גבירים זענען רייך געוואָרן און וויפל זיי פאַרמאָגן.

אויך אויף דער גאַס איז זעליקן בעסער נישט געווען, אויס־געדאַכט האָט זיך אים, אַז די אַלע מענטשן, וואָס שאַרן זיך און

שטופּן זיך אויף דער פּעטריקאָווער גאַס, אַז אַלע זענען זיי אַזעל-
כע נפשות ווי זיין שכן אין צימער.

אין די הייסע זומער-טעג, איבער די מויערן א שמאָלער
פּאַס הימל מיט אַ קאָלטאָנגאָוואַטן רויך פּאַרהילט, שוואַרצע פינטלעך
סאַזשע פאַלן אויף די פּנימער פון די פאַרבייגייענדע.

די גאַס איז שמאָל, דער טראָטואַר ענג און דאָ פאַרצוימען
,עדער רגע גרויסע וואָגנס פון די אַפּריטורן און פאַרברייען
מיט אַ ריח פון איבערגעברענטע פאַרב, אַ ווילגאָטש-ריח.

אַלע צונויפגעמישט אין איין קאַשע, מענטשן, פערד, וואָגן
און טראַמוואַי, טרעגערס שלעפּן אויף די פּלייצעס קאָלירטע שטיק-
לעך שטאָף און גאַנצע פּיראַמידן מיט פּעקלעך גאַרן.

אַ מאָל פלעגט אים אויסדאַכטן, אַז דאָס איז אַ גרויסער יריד.
מאָרגן ענדיגט זיך דער יריד, און אַלע יידן מיט די לאַנגע קאַפּאָ-
טעס און די קורץ געקליידטע וועלן זיך פונאַנדערפאָרן פון דאַ-
נענט, דאָס האָט אָבער שטענדיק געדויערט, אייביק, טאָג איין, טאָג
אויס.

עס זענען חדשים אַוועק ביז ער האָט זיך צוגעוווינט צו
דעם טומל, צו די פּנימער, אַ שטיק „איך" איז אין אים פאַרטויבט
געוואָרן, די אַלע אַמאָליקע בענקשאַפטן זענען אַזוי ווי אָפּגע-
שטאָרבן. אויסער איין ווייטאָק איז געבליבן, ווי דורך אַ נעפּל פלעגט
ער זיך דערמאָנען ווילנע. ווילנע און עטאַ, דעם אַנטאָקאָלער וואַלד
פלעגט ער דערמאָנען און די טאַטאַרסקע גאַס, וווּ זיי האָבן צוזאַ-
מען פאַרבראַכט די לעצטע נאַכט.

צום אָנהייב געשריבן עטלעכע בריוו צו איר, אויף דעם
אַדרעס, וואָס זי האָט אים איבערגעלאָזט, קיין דווינסק. געענטפערט
האָט זי נישט.

ווו איז זי? וואָס איז מיט איר געוואָרן? אפשר אין תּפיסה
אריינגעפאַלן?

ער האָט גאָרנישט געהערט וועגן איר. אים אַליין האָט פּאָ־ליציי געלאָזט צורו, זיי האָבן אוודאי פאַרשטאַנען וואָסער געפּער־לעכער אַנאַרכיסט ער איז, דער זעליק קאַמעניעצקי. נאָר עטאַ... ס׳קען זיין, אַז זי איז טאַקע אין תּפיסה.

און אפשר גאָר אַוועק צוריק צו מיכעלסאָנען — דער גע־דאַנק האָט אים צום שטאַרקסטן געשראָקן. אָבער אַלץ די ערשטע צייט, ווען ער פּלעגט זיך שטיקן אין די לאָדזשער דושנע גאַסן. איצט זענען אַ סך געפילן באַ אים אָפּגעשטאָרבן.

ער פלעגט בלאָנדזשען אויף די גאַסן, צוקוקן זיך ווי שטענ־דיק צו אַלץ און געדאַנקט גאָט, וואָס ער ווערט דאָ נישט צעריבן אין דער מיל, אין דער יעגעריי נאָך געשעפטמאַכעריי און רייכ־קייט.

ער האָט אָנגעשריבן אַ ליד „מיך דריקט די שטאָט“. פון עטלעכע שרייבערס האָט ער באַקומען בריוו, ווו זיין ליד איז זייער געלויבט געוואָרן. איצט האָט אים דאָס נישט געטרייסט און נישט געפרייט. איבעריק האָט ער זיך געפילט אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך אַ שוואַרצע קרוין פון רויך, ווו אַלע זענען ענלעך צו זיך, תּפיסות, קאַזאַרמעס.

מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן צו געפינען נייע באַ־קאַנטע. יונגע מאַלערס, מוזיקער, אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך האַלב מיאש געווען אין נעכטן, אין דער רעוואָלוציע.

געווען אַ פאַמיליע פון אַ רייכן סוחר, מאַקאָווער האָט ער געהייסן, אַ ליטווישער, ער האָט אַ זון אַ מאַלער, און אַ טאָכטער, וואָס האָט שטאַרק געוואָלט זיין אַ מאַלערין. באַ זיי פלעגט מען זיך צונויפקלויבן און זעליק האָט באַמערקט, אַז דאָ אין דער פאַרוי־בערטער שטאָט איז אויך פאַרהאַן אַן אַנדער לעבן.

עס האָט אים אויפגעמונטערט.

ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעוועקט, אַרומגעקוקט זיך און

װערזען, אַז ער האָט זיך זייער אָפּגעלאָזט. עס פעלט אים געלט ער זאָל קענען אָנטון אַ בעסער בגד.

פון די לידלעך און פון די לעקציעס האָט ער געהאַט זייער װייניק.

ער האָט זיך פשוט דערפרייט, װען דער טאַטע זיינער איז צו אים איינמאָל געקומען און געזאָגט, אַז עס איז פאַרהאַן פאַר אים אַ פּאָסטן:

— װאָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט? — האָט זעליק געפרעגט.

— עקספּעדיציע, װעסט אַרבעטן בײַ אַן עקספּעדיטאָר, צונויפקלויבן פּעקלעך אין שטאָט און אַװעקשיקן מיט דער באַן. אַ ברירה האָט ער געהאַט זעליק.

ער איז געגאַנגען אַרבעטן, אַרומגעלאָפן מיט אַ װאָגן איבער די דערפער פאַרשידענע גאַסן, צונויפגעזאַמלט פּעקלעך און דערנאָך זיי אַװעקגעשיקט אין צענטראַל-רוסלאַנד, קיין סיביר, קיין טאַשקענט.

ביסלעכװייז, ער האָט זיך גענומען אַרײַנציִען אין זיין נייער אַרבעט, געװאָרן נישט קיין שלעכטער משרת, די פּעקלעך האָבן אים אַלץ מער אָפּגעריסן פון זיינע לידלעך. אַזױפיל מענטשן זוכן אַ תכלית פאַר זיך, פאַרװאָס זאָל ער אויך נישט זוכן?

עס װאָלט גאַנץ גוט געװען, װען נישט די באַגעגענישן, װאָס ער פלעגט האָבן בײַ מאַקאָװערן אין שטוב, װוּ ער פלעגט זיך נאָך דער אַרבעט אַרײַנכאַפּן.

קומען פלעגן דאָרט גאָר אַנדערע װי אויך ער „טאָװאַראַ-װאַ", פון װאַנעט ער פלעגט די פּעקלעך טראַנספּאָרטירן קיין רוסלאַנד. גאָר אַנדערע מענטשן און גאָר אַנדערע געשפּרעכן.

מאַלערס יונגע, דרייסטע בחורים, די טאַטעס רעזיקירן אויף

זיי ווייטע רייזעס קיין סיביר, ביז די טונדרעס. זיי קומען פון דאָרטן די וואָיאַזשאָרן און דערציילן מעשיות.

די יונגע קינדער פאַנטאַזירן צוליב די דאָזיקע מעשיות, און אין לאָדזש וואַקסן טרוימער. אַזאַ קרייז פון אַזעלכע טרוימער פלעגט זיך צונויפקלייבן צו מאַקאָווערן. עטלעכע פון זיי האָבן שוין געהאַט אַ נאָמען אין אויסלאַנד, אין פאַריז. זיי האָבן שוין געוואַנדערט, געזען די וועלט און איצט מאַכן זיי נייע עקספּע־רימענטן מיט פאַרב און גיפּס. געווען איז צווישן זיי איינער, מעריזער, אַ פלינקער יונג, אין אַ געשלעג מיט אַ פאַריזער אַפּאַש האָט ער פאַרלוירן די פאָדערשטע ציין און פון דאַמאָלס אָן איז ער אַליין געוואָרן אַן אַפּאַש, עקסצענטריש זיך שטענדיק אָנגעטון, פאַריסן דעם קאָפּ, אַ צעקנייטשט פּנים מיט צייכנס אונטער די אויגן: פון אָפּגעלעבטקייט, פון וויין, פון שלאָפלאָזע נעכט. ער האָט שוין געפּטרט דעם טאַטנס אַ שיין ביסל געלט און איצט האָט ער ווידער בדלות געשטעלט די מאַמע זיינע — שוין אַן אַלמנה. אַן אָנהענגער פון אַבסאָלוטער נאַקעטקייט אין דער קונסט, האָט שטענדיק געמאָלט נאַקעטע פרויען, הוצפּהדיקע פּאָזן און דערביי זיך באַרימט, אַז די אַלע פרויען, וואָס ער מאָלט, מוזן פריער מיט אים פאַרברענגען אַ נאַכט... אַנדערש קען ער זיי נישט מאָלן און אַנדערש וועט ער זיי נישט מאָלן. זיינע חברים האָבן געוווּסט צו דערציילן פון אים צענדליקער קוריאָזע געשיכטן.

דער מעריזער האָט דאָ בּאַ מאַקאָווערן געשפּילט די זעלבע ראָל, וואָס בערגער באַ די האַלפּעריננס אין ווילנע, כאָטש דאָס זענען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן.

און זעליק האָט זיך גענומען צוהערן און צוקוקן צו אים. אַליין אַ צוריקגעהאַלטענער, אַן אינזיך מענטש, האָט אים עפּעס גע־צויגן צו אַזאַ אויסטערלישן טיפּ. ער האָט ווייניק גערעדט דער

מערזער וועגן זיין אייגענער אַרבעט, כאָטש ער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען...

נישט גערעדט קיין זאַך וועגן זיך, האָט ער דערפאַר, ווייל ער האָט קיין צייט נישט געהאַט, דריי פערטל פון טאָג איז ער געווען שיכור, אָדער האַלב-שיכור... אין די לאָדזער בארן האָט מען אים גוט געקענט. וואָס אַ טאָג — אַ נייע אַוואַנטורע.

מען פלעגט איצט אָפט זעליקן באַגעגענען מיט מערזערן צוזאַמען. מערזער פלעגט שפּרייזן פעסט, האַסטיק, זעליק פלעגט אים נאָכגיין, אַניאָגן.

ער האָט שוין געהאַט אַזאַ הצלחה צו אַזעלכע טיפּן, זיי פלעגן זיך אים פאַרטרויען, דערציילן פון העלדישקייטן, באַרימען זיך און זעלטן ווען אים זעליקן אויסהערן.

ער האָט זיך אויסגעלערנט צו פאַרשווייגן זיין אייגן וועלטל, נישט צוגעפּאַסט זיך צום צווייטן, געהאַלטן זיך בלויז לעבן אים. מיט מערזערן איז ער גיך געוואָרן אויף „דו". געטרונקען אָפט צוזאַמען. מערזער אַ סך גלעזלעך און זעליק — אַ גלעזל, צוויי...

ביסלעכווייז האָט ער באַמערקט, אַז די שטאָט איז באַר-לישט אַזוי שרעקלעך, זי האָט איר נשמה און געשטאַלט, זי האָט דרייסטע, באַוועגלעכע מענטשן, פיר טויזנט וואָיאַזשאָרן פאָרן צוויי מאָל אַ יאָר אַרויס אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון גרויסן רוס-לאַנד...

מענטשן מיט טשעמאָדאַנעס.

מען פירט די מוסטערן פון לאָדזער פּראָדוקציע צו די אַלע איוואַנאָווס פון רוסלאַנד, צו די טאַטערן פון קאַזאַן, צו די סאַרטן, צו די גאָרצעס פון קאַווקאַז.

ברייטפּלייציקע מענער, גוטמוטיקע און אין דער זעלבער צייט עקשנים, נישט געווען פאַר זיי קיין באַגרענצונג, קיין צוים.

געוויצלט האָט מען זיך שטענדיק וועגן לאַדזער וואַיאַזשאָרן, און ער וועט צום מאַרס צוקומען, אויב נאָר ער וועט דערשמעקן, אַז דאָרט איז פאַרהאַן אַ שטיקל מאַרק פאַר לאָדזער פעקלעך...

און זעליק, ווי צענדליקער, הונדערטער אַנדערע אַזעלכע יונגעלייט, ער פלעגט אַרומפאָרן איבערן שטאָט און זאַמלען די פעקלעך, דערנאָך פלעגט ער אויסשרייבן קוויטן פאַר די אַלע שטעט, ווו די פעקלעך פלעגן אַוועקגיין.

ער איז אַריין אין דער אַרבעט.

ער האָט זיך צוגערירט צו דער גרויסער באַוועגונג, וואָס אַ האַלבער מיליאָן מענטשן האָט געשאַפן. געווען מאָמענטן, ווען די אַרבעט האָט אים געבייגערט, ער איז געווען פלייסיק און זיין באַלעבאָס, אַ גלאַט יידל מיט אַ זיידענער צונג, אַ ייד אין אַ לאַנגע קאַפאָטע, זיין באַלעבאָס, איז פון אים זייער צופרידן געווען.

נאָר עס זענען אויך געווען באַ זעליקן מאָמענטן פון אַ שטייגערנער אַפּאַטיע. די גאַנצע שטאָט מיט איר האַנדל-וואַנדל האָט אים אויסגעזען ווי אַ גיהנום, אין וועלכן מען האָט אים פאַרשיקט אָפּצוקומען זיינע טעג...

אויטאָמאַטיש פלעגט ער גיין צו דער אַרבעט, ווי אַ מאַגעקין זיך אַרומדרייען אויף דער „טאָוואַראָווע“, די איבעריקע יונגעלייט פלעגן אַרבעטן פלייסיק, איבעריאָגן אים, צוקומען פריער ווי ער צו דער וואָג, און ער פלעגט בלייבן דער לעצטער.

איינמאָל האָט ער מיט כעס געכאַפּט אַ שווערן פּאַק מיט מאַנופאַקטור, אויף דעם אייזערנעם וועגעלע אַרויפגעכאַפּט און זיך פונאַנדערגעיאָגט ביז צו דער גרויסער שאָל, מען דאַרף עס אָפּוועגן און אַ סוף.

אַזוי פלעגט אַ טך מאָל פּאַסירן, די אַרבעט האָט אייגנטלעך

ניט געהערט צו אים, נאָר צו די אַרבעטער, וועלכע האָבן גע־אַרבעט אויף דער פּראַכט־סטאַציע, אָבער אויספּיינען פּלעגט זיך וועלן... איינער פאַרן צווייטן.

דאָסמאָל האָט זיך זעליקן ניט איינגעגעבן, דער איינגע־פּרעסטער פּאַק מיט דעם מאַנופאַקטור איז אָפּגעשפּרונגען צוריק פון דער אייזערנער שאָל און זעליקן דערלאַנגט אין פּנים אַריין. ער איז אומגעפאַלן באַגאָסן מיט בלוט. ווי אַזוי ער איז לעבן גע־בליבן האָט קיינער ניט פאַרשטאַנען. אַ נס.

מען האָט אים געבראַכט אין זיין צימער אַרומגעוויקלט מיט באַנדאַזשן, ער האָט ניט געקענט רעדן, ניט עסן...

אָפּגעלעגן אַזוי עטלעכע וואָכן.

ווען דער טאַטע איז צו אים געקומען, דער טאַטע זיינער, וועלכער האָט שטאַרק געליטן פון זעליקס יסורים, האָט ער דאָך זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָט אַריינגעוואָרפן אַזאַ פראַזע:

— די לידלעך... דאָס איז אַלץ צוליב די לידלעך.

— וואָס מיינסטו מיט דעם? טאַטע!

— איך וועל דיר זאָגן, זעליק, אויף צוויי פערד מיטאַמאָל קען מען ניט רייטן; אָדער וואַרף אַוועק די לידלעך וועסטו ווערן אַ מענטש, אָדער בלייב בײַ די לידלעך.

מיט די צעקלאַפּטע ליפּן האָט זעליק אַרויסגערעדט:

— דאַכט זיך, אַז איך וועל שוין בלייבן בײַ די ליד־לעך.

ער האָט באַשלאָסן מער צו דער אַרבעט ניט צו גיין.

עס איז שוין געווען שפּעטער טהערבסט, אַ שטיקל הימל האָט גרוי אַריינגעקוקט אין פענסטער, אַ רויטע אָפּגעקראָכענע ציגל־

וואַנט... פון דער גאַנצער וועלט איז געוואָרן איין שטיק בליי. טעג איז ער אַזוי אָפּגעלעגן.

אַמאָל פלעגט זיך זיין טאַטע אַריינכאַפּן, די מאַמע, אַ ברו־דער.

פון די באַקאַנטע זיינע איז איינמאָל אַריינגעקומען מערזער, ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער. דערביי זיך אויסגע־רעדט:

— איך האָב נישט ליב קיין קראַנקע מענטשן. זעליק איז צופרידן געווען, וואָס ער איז גיך אַוועק.

אין זיין אַליין־זיין האָט ער לעצטנס געפונען זיין איינציקע טרייסט. דאָ אין דער גרויער שטאָט, אין זיין צימער, וואָס די צווייטע העלפט האָט געהערט צום „נפש", און די לאַנגע טעג און נעכט, וואָס ער האָט מיט קיינעם אַ וואָרט נישט געהאַט צו רעדן, זענען אים כסדר געקראָכן אין קאָפּ די ווילנער זומערדיקע וואָכן, די לעצטע וואָכן מיט עטאַן.

נישט פאַרגעסן האָט ער די פרייליכע גרינקייט, וואָס איז געקראָכן צו זיי אין פענסטער. אָט אַזוי זיך אויפהייבן און אַוועק־גיין אין אַ גרינעם וואַלד, אויסבאָדן די נשמה און פריילעך מאַכן דאָס אייגענע שווייגן.

ער איז געלעגן שוין מיט אַ קלענערן באַנדאַזש אויפן פנים, פאַרוואַקסן דעם קאָפּ און די באַקן פול מיט צייכנס פון דעם קלאַפּ, וואָס ער האָט געכאַפּט.

האָט אָנגעשריבן אַ לידל און אָפּגעוואָרפן פון זיך. ער האָט גוואַלדיק געוואָלט רייכערן, גאָר קיין פּאַפּיראָסן נישט געהאַט. אויף דעם צווייטן האַלבן טיש איז יאָ געשטאַנען אַ שאַכטל מיט טאַבאַק און גילזן, דאָס האָט געהערט צו זיין שכן, נאָר זעליק האָט זיך מורא געהאַט צורירן צו דעם: דער „נפש" וואָלט אים פאַרפּיי־יקעט.

פֿון לאנגווייליקייט האָט ער ווידער גענומען לייענען דאָס ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, אַזאַ תּפֿילה אין הערבסט... צום פֿרילינג:

„גרינס, אַ ביסעלע גרינס,
„בלויקייט פֿון הימל, ביז די נשמה
„וועט ווערן אַליין אַזוי בלוי...
„אַנדערע האַנדלען מיט געלט און מיט לעבנס,
„אַנדערע קעמפֿן מיט פֿאַלש און מיט אמת...
„איך בין נישט מער, ווי אַ זינגער,
„איך בין פֿאַרליבט אין אַ ביסעלע גרינס...

ער האָט נישט געענדיקט לייענען... אין טיר האָט ווער אָנגעקלאַפּט און אין צימער איז אַרייַנגעקומען... עטאַ...

עטאַ פֿין, די פֿין גאָוואָגראַדער גאַס, די עטאַ פֿון אַנטאָקאָל. עטאַ... די אמתע עטאַ, וועלכע האָט איהם שיין אויסגעזען, ווי אַ חלום פֿון פֿרייד, צי פֿון אַ לאַנג באַהאַלטענעם פּאַרדרוס, ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

זי איז צוגעגאַנגען נענטער, האָט שטאַרק געשמעקט מיט פּערפֿום, געווען ווידער רייך אָנגעטון, עפּעס אַ פֿרעמדקייט האָט זיך געפֿילט פֿון איר רייכן מאַנטל, נאָר ווי שיין זי האָט עס אַרויסגערעדט:

— וואָס איז געוואָרן מיט דיר, מיין ייִנגל!

בּאַ אים האָט זיך געעפֿנט דאָס מויל:

— איך האָב געוואָלט ווערן אַן עקספּעדיטאָר, דערנאָך אַ סוחר, אַ פֿאַבּריקאַנט, אַ פֿאַזנאַנסקי.

דאָס פּנים זיינס איז נאָך אויף האַלב געווען פֿאַרדעקט מיט

די באַנדאַזשן האָט זי אים געקושט, און די אויגן, און אַ [illegible] ליפּ...

און פּלוצלינג האָט זי דערזען, אַז ער וויינט, דער גאַנצער קערפּער זײַנער האָט זיך געטרייסלט קאָנוווּלסיוו.

— וואָס איז געשען, נאַר!

גאָרנישט געענטפערט, אויסגעוויינט זיך ווי אַ קינד און דערנאָך זיך פאַרשעמט, זי האָט איב פארשטאַנען און מיט קיין וואָרט אים נישט פאָרגעוואָרפן זײַן שוואַכקייט.

זי האָט פאַר אים דערציילט, ווי זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון פּאָליציי, דערציילט אַלץ אין פּלייכן טאָן, געוויצלט זיך און פּלוצלינג געוואָרן ערנסט, דערמאָנט מיכעלסאָנס נאָמען.

— איך בען טעג שפּעטער, ווי מיר האָבן אים באַפרייט איז ער געהרגעט געוואָרן אין מינסק, אַ גאָראָדאָוואָי האָט אים אין אַ צוזאַמענשטויס דערשאָסן.

שטיל געוואָרן. עטלעכע מינוט האָבן ביידע קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט פּונקט ווי זיי וואָלטן מיטן שווייגן זײַן נאָמען באַערט.

דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן:

— לאָמיר וועגן אים קיין סך נישט רעדן. אַ העלד איז געשטאָרבן און מיר זענען שוואַכע, געוויינטלעכע מענטשן. זי האָט איצט אויסגעהערט, וואָס זעליק האָט דערציילט. געזעסן לעבן אים, ווי אַ געטרייע שוועסטער, געגלעט זײַן קאָפּ. אין דער רגע איז זי אים נאָענט געווען און ער איז איר טײַער געווען... דאָך איז זײַן פרייד נישט געווען קיין פולע.

מענטשן לערנען אויס נישט צו גלייבן... ער האָט איר געקוקט אין די אויגן, צוגעהערט זיך צו אירע ווערטער, געוואָלט באַפּן דעם סוד, די באַדייטונג פון איר ווידערקומען צו אים.

באַ אים אין צימער איז געווען אַן אָרימע דעקאָראַציע און

דערצו נאָך האָט זיין שכן, דער „נפש״, זיך געהאַלטן נישט ריין, אַ פּאָר אַלטע שמוציקע שיך האָבן זיך געוואַלגערט לעבן יענעמס בעט, אין די שיך איז געווען אַריינגעשטעקט אַ פּאָר נישט איבערגעשקאַרפּעטן. אויפן טיש, אויפן „נפשס״ האַלבן טיש, איז געלעגן אַ שטיקל זעמל, לעבן זעמל אַ קראַגן נישט קיין איבעריק ווייסער. עטא האָט געקרימט מיטן נעזל, ווען זי האָט אויף דעם אַלעם, און זעליקן האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער רגע באַדאַרף עס זי נישט קימערן. אַביסעלע האָט אים דאָס געקרענקט, נאָר זיך אונטערגעגעבן, פאַרשוויגן.

— דו ווייסט, עטאַ, פאַר דער צייט, וואָס איך ליג דאָ, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מענטשן קאָנען פּשוט פאַרגעסן אַ מענטש. ווען איך וואָלט געקרעכצט, געשריגן אויפן קול, וואָלטן זיי זיך אפשר דערמאַנט, נאָר איך האָב געשוויגן... ניין, איך ווייס נישט, צי מיט זיי וואָלט מיר בעסער געווען.

—אָבער מיט מיר וועט דיר זיין בעסער?

— איך וואָלט עס געוואָלט, עטאַ! איך וואָלט געוואָלט אַ ביסעלע וואַרעמקייט, אַ ביסל נשמה פון עמעצן... עפּעס מאָדנע לעב איך אָפּ מיין לעבן: איך רעד, כדי צו באַהאַלטן מיין שוויגן און שווייג, כדי נישט אויסצורעדן זיך. שפּעטער דערציילט זיך אויס איינעם, אַ צווייטן קלייניקייטן און וויכטיקע געשעענישן פאַר די עטלעכע חדשים.

— און וואָס וועט ווייטער זיין?

— איך, עטאַ, וועל זיך איצט נעמען ערנסט צו דער אַרבעט, און וועל שוין שטאַרבן אַ שרייבער, דער פאַק מאַנופאַקטור, וואָס האָט מיך צעקאַליעטשעט איז געווען אַ גוטע וואָרנונג: „קריך נישט צו קיין מאַנופאַקטור״. איך וועל אַרבעטן, הונגערן, ליידן... עפּעס מוז איך דערגרייכן...

— איך וועל דיר העלפן.

ער האָט אויפגעהויבן אויף איר אַ בליק.

— מיט וואָס?

— מיט אַלץ, וואָס איך וועל קענען...

— איך באַדאַרף נאָר אַ ביסל אויפריכטיקייט...

— גלייבסט מיר נישט? איך בין צוליב דיר דאָך געקומען אַהער.

— איך ווייס אָבער נישט, צוליב וועמען דו וועסט פון מיר אַנטלויפן.

אַן אַנדערש מאָל וואָלט זי אפשר בייז געוואָרן פאַר אַזעלכע ווערטער, נאָר זעליק איז געלעגן אַ קראַנקער, אין באַנדאַזשן...

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים.

— אַי, ביסטו אַ נישט גלויביקער נאַרעלע.

נאָך אַ לאַנגן קשיש האָט ער זיך אַזוי ווי אויפגעכאַפּט:

— איצט מוז איך דאָך וואָס גיכער געזונט ווערן... צוליב דיר. מאָרגן וועט קומען דער דאָקטאָר, עד וועט מוזן אַראָפּנעמען די לעצטע באַנדאַזשן. איך האָב שוין מער קיין כוח נישט...

געזעגנט זיך מיט אים. מאָרגן באַלד אינדערפרי וועט זי קומען.

זי האָט געלעבט באַם פאַבריקאַנט הערץ, וועלכער איז געווען אירער אַ קרוב.

מאָרגן, איבערמאָרגן, זי איז יעדן טאָג געקומען, ביז זעליק איז געזונט געוואָרן.

דער „נפש" האָט באַמערקט אַזאַ שיין מיידל, אַזוי רייך אָנגעטון און ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס:

— צו אַזאַ קבצן, ווי איר זענט... וואָס קומט זי צו אייך? זי מוז זיין אַזוי משוגע ווי איר מיט אייערע לידלעך.

— וואָס גייט עס אייך אייגנטלעך אָן ? זי קומט דאָך אין מיין האַלבן צימער.

— יאָ, אָבער איר פערפום טראָגט זיך איבערן גאַנצן צי־מער. איך האָב נישט ליב קיין פערפום.

— און דער ריח פון אייערע אַכטוואַכעדיקע שקאַרפּעטן טראָגט טראָגט זיך אויך איבערן גאַנצן צימער

דער „נפש" האָט אים ווידער געזאָגט : „קבצן" און מיט דעם האָט זיך געענדיקט.

עס זענען אַוועק עטלעכע וואָכן. זעליק איז שוין געווען געזונט. יעדן אינדערפרי פלעגט ער זיך באַגעגנען מיט עטאַן אין ראַשקאָווסקיס צוקערניע. צו זיך אין שטוב האָט זי אים קיינמאָל נישט פאַרבעטן... פאַרוואָס ? האָט איר נישט געפּאַסט פאַר אירע רייכע קרובים ? צי דאָס איז געווען אַ צופאַל ?

זעליק האָט מיט קיין איין וואָרט וועגן דעם נישט דער־מאָנט, — גענוג געווען פאַר אים צו טראַכטן :

עס איז פאַרהאַן אַ טיר אין לאָדזש, דורך וועלכער זיי ביי־דע צוזאַמען קענען נישט דורכגיין, פאַרהאַן אַ צוים...

זי פלעגט קומען פון אירע קרובים פריש, אויסגעפּוצט... אין צוקערניע בא ראַשקאָווסקין, וווּ די רייכסטע יונגעלייט פלעגן דאַמאָלס אַריינקומען האָט זי אויף זיך גרויס אויפמערקזאַמקייט געצויגן.

מען האָט געזוכט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט איר, געוואָרפן אייגלעך צו איר און זי פלעגט אָפּענטפערן.

זי איז איצט געווען אַ ביסל אַן אַנדערע עטאַ. מער באַלע־באַטיש, מער ליב געהאַט באַקוועמלעכקייטן, זעליקס אָרימער צי־מער איז איר נישט געפעלן געוואָרן.

זי פלעגט טאַקע אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד אויף זעליקס שכן, אויף דעם נפש...

נאָר זעליקן פלעגט עס געזונט קאָסטן, ווען זי פלעגט יעדע רגע קרומען מיטן נעזל.

דער „נפש" פלעגט אַ גאַנצע טאָג נישט זיין אינדערהיים. אַ סך מאָל גאַכמיטאָג פלעגט קומען עטאָ...

עס זענען געווען גוטע שעהן.

פאַרגעסונג און דערוואַכונג, און אַ סך מאָל פלעגט שוועבן די פראַגע:

— געדענקסט ווילנע? די גאָווגאַראָדער גאַס?

— געדענקסט, ווי מיר האָבן צוזאַמען אונדזער בעטל אַריבערגעטראָגן?

— געדענקסט, געדענקסט?

עס איז נישט גוט, ווען מען הייבט אָן צו דערמאָנען די פאַרגאַנגענהייט, עפּעס פעלט שוין, ווען מען מוז אָנקומען צו דערינערונגען... נאָר באמת האָט דערוויל זעליק נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן: זי איז זיינע, אומעטום איז זי מיט אים.

באַקאַנטע האָבן אים באַגעגנט, געפרעגט און געוואונדערט זיך.

— נישט קיין היגע? פון וואַנען געקומען?

— איז טאַקע אמת, אַז זי איז הערצס אַ קרובה? ווי קומט איר צו איר?

פון וואַנען ער קומט צו איר? עס איז צופיל צו דערציילן.

פאַרהאַן אַ שטאָט ווילנע, אין ווילנע איז פאַרהאַן אַ נאָווגאַראָדער גאַס, אויף נאָווגאַראָדער גאַס אַ הויפל מיט שכנים: אַ מלמד, קאַטערינשטשיק און אַ ייד, וואָס האָט געהאַלטן קי...

דאָרט אויף יענעם הויף האָט ער געהאַט אַ קליין צימערל. איינמאָל באַנאַכט האָט ער זיך דערוווסט, אַז אין צווייטן צימער וווינט א מיידל...

און אַט פלאַנטערס זיך שוין אַ גאַנץ יאָר...

זי איז זיינע און נישט זיינע, ער איז גליקלעך און נישט גליקלעך.

אין קאָפּ איז איינמאָל פאַרביייגעגאַנגען מערזער, ער האָט זיך באַגריסט מיט זעליקן און עטאַ האָט אַ פרעג געטון:

— ווער איז ער? אַ טיפּ...

— דאָס איז מערזער, דער מאָלער וועגן וועלכן איך האָב דיר דערציילט.

— באַקען מיך מיט אים!

אין צוויי מינוט אַרום איז שוין מערזער געזעסן בײַ זייער טישל און זעליק האָט שוין נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן, ווייל מערזער האָט גערעדט.

אויסגעדאַכט האָט זיך דאַמאָלס, אַז מערזער איז שוין מיט עטאַן פון לאַנג אָן באַקאַנט, שוין לענגער באַקאַנט ווי מיט אים, מיט זעליקן.

מערזער אַליין איז געווען רויקער, ערנסטער, ווי אַלעמאָל, האָט זיך נישט געהאַלטן אַזוי פריי ווי שטענדיק. קענטיק איז געווען, אַז עטאַ פּין האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און זי האָט כּסדר געלאַכט, געקוקט מערזערן אין די אויגן אַריין, די ברענענדע אירע האָבן געציטערט, פּונקט ווי צוויי בינען, וועלכע זענען לאַנג פאַרחלשט געווען איצט לעבן זיי ווידער אַפּ...

ביין־ביין... גאָרנישט! נאָר זעליק האָט דאָך דערפילט אַ מאָדנע אומרויקייט.

ער וואָלט זיך גוט פילן, ווען מערזער זאָל זיך פלוצלינג אויפהייבן, אַ בייג טון אַפּאַטיש מיט די אַקסלען און זיך אָפּגעזעגענען, ווי שטענדיק, אָדער עטאַ זאָל זיך אָפּרופן:

— זעליק, מיר גייען?

זיי זענען אָבער בײדע פעסט געזעסן, איינגעזעסן זיך בײַ

קוועמער, געשפּילט מיט וועטער, מיט פּראַזן, אַזוי איז אויסגעקומען, אַז זעליק איז געוואָרן דער דריטער.

און דער דריטער האָט גענומען לייענען אַ צייטונג.

דער דריטער האָט געוואָלט בייסן די נעגל... אָפּגעהאַלטן זיך.

וואָס איז? גאָרנישט! אַ נייער מענטש, נייע ווערטער. מאָרגן וועט מערזער פאַרגעסן מיט וועמען ער האָט גערעדט...

און עטאַ וועט אויך פאַרגעסן... כאָטש גלייך, ווי זי איז מיט אים פון קאַפע אַרויסגעגאַנגען, ווי נאָר מערזער האָט זיך מיט זיי אָפּגעזעגנט האָט זי זיך אָנגערופן צו זעליקן:

— אַ ווילער, אַ משוגענער יונג... מיין טיפּ.

— דיין טיפּ?

— יאָ, אַזעלכע געפעלן מיר, דיר געפעלט ער אויך, דו האָסט דאָך מיר דערציילט.

— יאָ, עטאַ, איך האָב ליב זיין דרייסטקייט.

די לעצטע פראַזע איז געווען זעליקס ערשטער ליגנט, וואָס ער האָט געזאָגט עטאַן, ווייל מערזערן איז ער שוין געווען אַ שונא אין דער רגע, אַ שונא, אַ ביטערער שונא...

די אייפערזוכט קומט אַזוי געשווינד, ווי די ליבע, ווי דער שטאַרקסטער געפיל, וואָס פאַרכאַפּט די גאַנצע נשמה. ער האָט איצט עטאַן שווייגנדיק באַגלייט אַהיים און זי האָט גאָר קיין פאַר־דראָס נישט געהאַט, וואָס ער שווייגט...

זי... זי איז אוודאי געווען פאַרנומען אין די געדאַנקען מיט מערזערן. זעליקן האָט זיך שטאַרק געוואָלט זי זאָל אים אַ פרעג טון איר שטענדיקע פראַגע:

— וואָס שווייגסטו? ווערסט גאָרנישט רעדן?

נאָר זי האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן און דאָס האָט זעליקן בעקרענקט.

באַם בעזעגענען זיך האָט ער האַסטיק אַרויסגערעדט דעם גוט נאַכט״ און אַוועקגעשפּרייזט פון איר אַן אויפגערעגטער, אַ בייזער און אַ... פאַרלוירענער.

ווייל זיין חשד איז געווען נישט אומזיסט. ער האָט שטענדיק געהאַט אַזאַ פאַרגעפיל, אַז זי וועט זיך לאַנג לעבן אים נישט האַלטן.

אין אַ טאָג, אין צוויי טעג שפּעטער האָט זיך דאָס געגומען באַשטעטיקן.

מערזער האָט אָנגעהויבן מער קומען צו ראַשקאָווסקין אין צוקערניע. מערזער מיט עטאַן באַגריסן זיך שוין, ווי אַלטע באַקאַנטע.

איינמאָל בשעת זעליק איז צו שפּעט געקומען, איז שוין מערזער געזעסן לעבן איר. זעליק האָט געפילט, אַז זיי האָבן געביטן די טעמע פון זייער געשפּרעך... און דאָס שרעקלעכסטע וואָס זעליקן האָט געפּייניקט איז געווען דער געדאַנק, אַז עטאַ און מערזער זענען צוגעפּאַסט פאַר די זעלבע ווילדקייט באַ ביידע. די זעלבע נישט באַשטענדיקייט.

ביידע זענען זיי אויסגעקעכלט באַ רייכע טאַטע-מאַמע און ביידע זוכן אַוואַנטורעס.

מיטן שכל האָט זעליק שוין פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פאַרלוירן און דאָס בעסטע וואָלט געווען אליין זיך אָפּטראָגן, נישט ווייזן זיך אין די אויגן.

ער האָט עס אָבער נישט געטון, ער האָט זי אַלץ גערופן צו זיך אין האַלבן צימער, ביז זי האָט אים איינמאָל אַ זאָג געטון:

— איך וועל דאַרט נישט גיין אין דיין קבצניש ווינקל...

— עס פּאַסט דיר נישט?

— זעליק, צערייץ מיך נישט

ער האָט געפילט, אַז דער באָדן גליטשט זיך אַ־ייס אונטער זיינע פיס און ער האָט פון מאכטלאָזיקייט געביסן די ליפּן, געשוויגן און באַדויערט, צוליב וואָס זי איז דאָ געקומען... צוליב וואָס?

ער איז פריער בעלעגן אין זיין צימער מיט די באַנדאַזשן און האָט אַלע געוואָלט פאַרגעסן, האָט זי זיך אַריינגעריסן מיט דעם פּערפום־דופט און אויפגעוועקט די אַלטע בענקשאַפט אין אים.

אמת, עס זענען נאָך געווען רגעס איצט, בשעת זי פלעגט זיין גוט צו אים, אויספרעגן געגוי וועגן זיינע ענינים, צודריקן זיך אַ ביסל מער צו אים, זיי פלעגן גיין צוזאמען. נאָר זעליק האָט געפילט, אַז דאָס זענען „קונצן". אין יעדער פּרוי לעבט אַ קאַץ, וואָס טוליעט זיך מיט פאַלשקייט און צייטנווייז טוט זי עס, בשעת זי באַדאַרף דאָס גאָרנישט. זי האָט דאָך יעדן טאָג, יעדער שעה זיך געקענט באַפרייען פון זעליקן, עס וואָלט געגוג געווען איין וואָרט, איין פראַזע;

— איך באַדאַרף דיך שוין נישט.

— דו האָסט מיר דערעסן.

און זעליק וואָלט פאַרקריצט מיט די ציין, ער וואָלט איר נישט נאָכגעלאָפן.

נאָר זי האָט נישט גערעדט קיין אָפענע רייד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ווינטערדיקער סעזאָן פון בע־לער, מאַסקאַראַדן, פאַרווייל־ונגען. זי האָט אומעטום מיטגעשלעפּט זעליקן. ער איז אַליין מיטגעגאַנגען.

ער האָט זיך געראַנגלט מיטן דלות, געהאָרעוועט, געזוכט אַ גראָשן פאַרדינסט. ער האָט איצט אָנגעהויבן אַרומפאָרן אין די דערבייזיקע שטעטלעך, אַרום לאָדזש און לייענען זיינע לידער, און נאָוועלן.

מען האָט אים געלייענט און ליב געהאַט, כאָטש דער שוויי-סיקער זעלצער און אַנדערע פּען-קריצערס פּלעגן צעשניידן אָן רחמנות זיינע שורות.

איינמאָל איז עטאַ צו דער צייט נישט געקומען אין קאַפע, אַ צווייט מאָל האָט זי זיך אַ גאַנצן טאָג נישט באַוויזן.

און די טונקעלע שטאָט מיטן פאַרויכערטן הימל איז פאַר זעליקן נאָך שווארצער געוואָרן. זיין חשד ווערט נאָך שטאַרקער מיט דעם, וואָס אין די זעלבע שעהן, ווען עטאַ ווערט פאַרשווונדן געפינט ער אין ערגעץ נישט דעם מאָלער מערזער. אַ פאַרביסנ-קייט און אַ פאַרביטערטקייט האָט אים אַרומגענומען.

ער פּלעגט אין אַזעלכע שעהן בלאָנדזשען אויף די טראָ-טואַרן פון דער פּעטריקאָווער גאַס, ווו אַ מחנה סוחרימלעך און מעקלערס שאַרן זיך אַרום און שטופּן זיך אַ גאַנצן טאָג.

זעליק איז געווען פול מיט פאַרצווייפלונג און אויפרע-גונג...

עטאַ איז היינט ווידער נישטאָ אין קאַפע, ביי ראָשקאָווס-קען. דאַכט זיך, אַז די אַלע, וואָס זענען געזעסן בא די טישלעך האָבן צוגעשמייכלט:

„נישטאָ אייער עטאַ״.

„מיט מערזערן ווערט זי פאַרשווונדן״.

ער איז אַרויס אויף דער גאַס מיט אַ באַשלוס: מען טאָר נישט לעבן איז אַזאַ פּלאָנטער פון חשדים און אומרויקייט.

ווו וווינט מערזער? אויף דער פראָמענאַדע גאַס, אויף דעם דריטן שטאָק פון זיין מוטערס מויער האָט ער זיין אַטעליע. ער איז געגאַנגען מיט זיכערע טריט, אַן אַלטער עקשנות-שטאָלץ און זיכערקייט האָט זיך אין אים אויפגעוועקט.

געווען זענען רגעס איצט בא אים, אין וועלכע ער האָט

אַבסאָלוט נישט געליטן, עס האָט אים מער גענייגעריגט די פּאָר מינוטן, אין וועלכע זיין לאַגע וועט קלאָר ווערן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף די טרעפּ בײַ מערזערן, בײַ זיין טיר און דאָ האָט אים דאָס האַרץ זייגס גענומען קלאַפּן. זיין עקשנות האָט זיך פאַרהאַקטשעט, פּחדנות פּאַר זיך אַליין, פּחדנות פּאַר די, וועלכע זענען געווען אין צימער.

הינטער דער טיר האָט ער דערהערט מערזערס קול און באַלד אַ געלעכטערל פון עטאַן...

דאָס בלוט אין אים האָט אויפגעקאָכט, צוריקגיין האָט ער קיין כח נישט געהאַט, אָן זיין ווילן און מיט זיין ווילן: די טיר האָט זיך געעפנט.

אין צימער...

אין צימער איז געשטאַנען עטאַ פין, אינגאַנצן נאַקעט...

מערזער איז געשטאַנען בײַם מאָלבערט און אויף דער לייוונט זענען שוין געווען דייטלעכע צייכנס פון דער נאַקעטער עטאַן...

די ערשטע רגע איז עטאַ אַזוי ווי צוריקגעשפרונגען, זי האָט געוואָלט כאַפּן איר קליידל, דערנאָך האָט זי זיך צוריקגע־האַלטן, זיך צוגעדעקט מיט די הענט און געבליבן שטיין מיט כעס אויף די ליפּן, מיט חוצפּה, מיט העזה.

מערזער האָט ווילינגעריש אַ שמייכל געטון.

זעליק האָט אַ סעקונדע געקוקט אויף מערזערס בילדער, וועלכע זענען אין אומאָרדנונג געווען צעוואָרפן איבערן גרויסן צימער.

ער האָט קיין מוט נישט געהאַט אויפצוהייבן אויף עטאַן די אויגן... ער...

ער איז געגאַנגען צוריק צו דער טיר און פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען כוח אַרויסצורעדן די פראַזע?

— אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב אייך געשטערט.

אַראָפּגעלאָפֿן פֿון די טרעפּ מיט איין געדאַנק, מיט איין וואָרט צו זיך אַליין:

— געענדיקט...

דער מערזער האָט זיך שטענדיק געוויצלט און באַרימט, אַז ער מאָלט נישט קיין פרוי, וועלכע פֿאַרברענגט נישט מיט אים פריִער אַ נאַכט — האָט ער שוין פֿאַרבראַכט אַ נאַכט מיט עטאַן? דער געדאַנק האָט אים צום אָנהייב געעגבערט, דערנאָך איז דער קאָפּ אים טעמפּ געוואָרן.

ער האָט כּסדר געשפּרייזט ווייט ווייט אַוועק, דאָרטן, ווו מענטשן זענען אַלץ וויניקער געוואָרן... אַלץ מער קוימענס קוקן איבער די דעכער און איבער די ליידיקע פּלעצער. זיי שלאָגן מיט רויך די קוימענס און דורך דעם רויך זען זיך שטיקער בלייערנע הימל.

עס דריקט די גאַס, די וועלט און דער פֿאַרצווייפֿלטער זעליק פֿילט איין זאַך: היינט האָט אים דאָס לעבן ווידער אָנגעשפּיגן אין פּנים.

נאַקעט האָט זי זיך אויסגעטון.

יאָ, זיי וועלן פּלאַפּלען: קונסט, נאַקעטקייט, זיי וועלן זיך שפּילן מיט פראַזען, מיט גרויסמענטשלעכע פראַזן.

ער האָט אויסגעבענקט, דורכגעליטן יעדן טאָג פֿון זייערע באַגעגענישן, לאַנגזאַם זיך צוגעוווינט צו איר און געדולדיק זי צוגעוויינט צו זיך און דאָ איז געקומען אַ פֿלינקער פּלאַפּלער און באַזיגט זי אין עטלעכע טעג.

ווער איז גערעכט? ער צי מערזער?

בערגער דער פּאָעט האָט אים שטענדיק געוואָרנט:

— מען טאָר זיך שטאַרק נישט צוגעוויינען צו איין פרוי,

ווייל מען פאַרליוס דערביי די אַלע איבעריקע פרויען, עס איז פאַרהאַן אויסצוקלויבן.

אפשר איז ער געדעכט דער בערגער?

עפּעס אַן אינערלעכע פרומקייט האָט אים געפּייניקט. עטא האָט אים אויסגעזען פרעך, קליינלעך און פרעמד. ער האָט גע־פילט און אָפּגעגעבן זיך חשבון. אַז פאַר אים איז זי געשטאָרבן.

עס האָט קיינעם נישט אינטערעסירט און קיינער האָט נישט געוווסט, ווו ער איז די לעצטע טעג און נעכט פאַרפאַלן געוואָרן, עס האָט קיינער נישט געוווסט, וויפיל גלעזלעך ביליקן שנאַפּס ער האָט אויסגעטרונקען אין די פּראָסטע שענקען.

ער איז געבליבן אַליין מיט זיך, מיט זיין אַלטער איינזאַמ־קייט.

געקרענקט האָט בלויז, וואָס ער האָט אַ שותּף צו זיין בימער.

דער „נפש" האָט אים שוין עטלעכע מאָל געפרעגט:

— ווו איז דאָס אייער מיידל?

און אַז זעליק האָט נישט געענטפערט, קריכט יענער נאָך מער אין די ביינער.

— וואָס? זי האָט שוין אַ צווייטן? מען האָט עס פריער געקענט פאַרשטיין.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט ער זיך דערוווּסט, אַז עטא, איז אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז. מיט איר איז מיטגעפאָרן... משר־ווער.

און איבער לאָדזש האָט געדריכערט.

שניי פלעגט פאַלן אויסגעמישט מיט סאַזשע, די גאַסן ברוד־נע, די הייזער גרוי, די מענטשן פרעמד.

און דאָך האָבן זיך לידלעך געוועבט אין דער בלייערנער

גרויקייט, עס האָט זיך טאָפּלט געבענקט נאָך אַ ביסעלע פרייהייט און לופט.

באַ די מאַקאָווערס האָט מען אים ליב געהאַט און געשעצט.

דאָרט פלעגן נאָך אַלץ קומען די בעסטע פון שטאָט, ווי נאָר אַ בחור מיט אַ פונק טאַלענט... אַזאַ פלעגט מוזן זיך באַווייזן באַ מאַקאָווערן.

מען האָט זעליקן איצט מער געדרוקט אין די זשורנאַלן און צייטונגען.

מיט מאַטערניש פלעגט ער דורכקומען די טעג זיינע, ווי ווייט מעגלעך האָט ער זיך געסטאַרעט צו פאַרענדיקן דעם דלות...

געוואָרן ערנסט, די אויגן טיפער, נישט געוואָרפן קיין איבעריק וואָרט.

און געטראַכט האָט ער שטענדיק וועגן דעם, ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן פון אַזעלכע מפּלות, ווי ער האָט געהאַט מיט עטאַן.

פאַרזיכטיק געווען.

זיך געלאָזט אָפּט פריילעך לעבן און נישט דערלאָזט, אַז עפּעס זאָל אים ווערן צו טייער...

די אידעע פון „איינער" האָט באַ אים באַנקראָטירט.

ער האָט געזוכט, געלויערט אויף פרויען, ווי טויזנט אַנדערע אַזעלכע יונגעלייט.

ער האָט זיך אָפּט פשוט געפרייט פון דעם געדאַנק, אַז ער איז ענלעך צו אַלעמען.

מען האָט אים שוין אָפט געקלאַפּט איבער דער פּלייצע:

— ברודערקע! האָסט דערפאָלג...

— נוץ אויס דאָס ביסל יאָרן!

פלעגט ער דערביי שמייכלען און צמאָל זיך אַליין בכּסף

באַרימען, דערציילן געשיכטעס, אַוואַנטירעס... דערנאָך פלעגט ער זיך אַליין אין פנים אַריין וועלן אָנשפייען פאַר דער באַדימעריי:

טיף אין דער נשמה האָט געלעבט זיין פינטעלע אומדוזקייט.

ווי אין אַ קדשי קדשים האָט ער קיינעם אַהין נישט אַריינגעלאָזט – זיך אַליין אויך נישט.

XIV

א שטעטעלע אין פוילן..

אין אָגהייב פון פרילינג פלעגט ער שוין אַראָפּקומען אין דעם שטעטל אריין.

ער פלעגט מיט דעם גרעסטן אומגעדולד וואַרטן דער ווינטער זאָל שוין אַוועק, פלעגט ציילן די טעג, אַראָפּרייסן די בלעטלעך פון קאַלענדאַר...

מערץ גייט שוין צום סוף און באַלד וועט ער זיך אָפּגעזעגענען מיט די פרעמדע מענטשן, מיט זייערע פרעמדע ענינים.

ער פלעגט פאָרן צו זיך, אין זיין בייער אויסגעחלומטער היים, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט גרינע בערג פון דריי זייטן און מיט דעם וואַסער פון ווייכסל פון דער פערטער זייט.

קאַזמערזש...

פון דעם ערשטן פרילינג-אָטעם, ביז דעם לעצטן אָטעם פון גאָלדענעם האַרבסט פלעגט ער דאָרטן פאַרברענגען.

וואָס איז וועלט?

וואָס איז טומל?

ער האָט געהאַט זיין זומער-פריינד:

דאָס הייזל, ווו ער האָט כמעט אַלע זיינע זומערן פאַרבראַכט איז געשטאַנען באַם סוף שטעטל, נישט ווייט פון שאָסיי, וועלכער האָט זיך געשכנט מיט אַ באַרגיקן וואַלד.

און די חייטקייט, וואָס האָט זיך געעפנט נאָכן וואַלד און נאָך שאָסיי האָט געהערט צו אים אַליין.

ווייל נאָר זיינע בליק רייסן זיך אַהין, ווו וואָלקנס קומען און פאַרגיין... אַהין, ווו אַ מענטשס נשמה האָט געגוג פרייהייט צו נישט דערגרייכטע חלומות, וועלכע חלומען זיך אין פיר-און-צוואַנציק שעה איינזאַם לעבן.

אויפן שאָסיי לויפן אָפט פאַרביי פורן, פערד און אַמאָל אַ שטאָלערנעס קעסטל, אַן אויטאָמאָביל מיט אַ פייף, שטויב הייבט זיך אויף און פאַלט צוריק אַראָפּ, די עופות פון הויף דערשרעקן זיך און נעמען גלייך ווידער פּיקן ברעקלעך פון דר׳ערד,..

אַ מאָדנע אייגנשאַפט האָט דער גרויסער ליידיקער שטח אַרום. ער שלינגט איינגאַנצן איין דעם מענטש מיט זיין טומלדיקן נעכטן, מיט זיינע פאַרלאַנגען. אַלע אינטריגעס און נאָכווייען פון דער שטאָט...

דאָ אין שטעטל פלעגט ער אָנהייבן שטעלן קלענערע טריט, די שטילקייט אַרום אים האָט איינרעגולירט זיין טראַכטן, זיין פילן, די צייט ווייזט אירע געזעצן אַזוי ווי זיי זענען געשטעמפּלט געוואָרן אין דעם אוראַלטסטן ספר.

די גרעסטע פרייד איז, ווען דו דערפילסט, אַז פרייד איז רויקייט...

ער שפּרייזט אַליין און מיט אים גייט מיט דער גרויסער הימל, די העלע ווייטקייט, אַלע שטראַלן וועט ער נישט צעטרעטן,

אַלע בלומען וועט ער נישט אָפּרייסן, נאָר דאָך פילט ער, אַז אַלץ, וואָס איז נישט זיינס איז דאָך זיינס.

ווען אויף דעם רעגנבויגן הענגען זיך אָן זיינע בליקן, ווען מיט וואַסערשטראָם גייט אַוועק זיין אָפּשפּילונג.

עפּעס זשומעט אין דער לופטן. זען — זעט מען גאָרנישט, נאָר דאָס זינגען מיליאַרדן קליינע פליגעלעך, אַלע איינאיינעם און איין באַסיקע סטרונע שפּילט אַן אָוונט-ליד צו די רויטע וואָלקנס פון זון-פאַרגאַנג.

אַ וואָגן היי פאָרט די גאַנצע צייט פאַר אים און די הויפּנס פרישקייט, די הויפּנס מיט זאַפטיקן גראָז פאַלן כסדר פון וואָגן, עס פאַרשמעקט דעם וועג, עס מאַכט ווייך צו שפּרייזן, דער פויער קוקט זיך נישט אום אויף דעם, וואָס ער פאַרלירט — די שפע איז גרויס.

מיטאַמאָל רייסט זיך אַלץ איבער: די געדאַנקען, זיינע וואַכן אויף, ווייל אַ מחנה שטאָטישע יונגעלייט און מיידלעך גייען אַרויס פון וואַלד.

זיי גייען שטענדיק מחנהווייז, איינער דעם צווייטן פאַר-הילכן זיי מיט זייערע געשרייען, מיט זייערע בילִיקע, טויזנט מאָל בילִיקע מעלאָדיעס.

עפּעס פאַרדריסט דיך אויף זיי. דאָס איז דאָך עפּעס די יוגנט, די יוגנט, וואָס האָט שטענדיק געריסן זיך העכער, ווייטער, די יוגנט, וואָס האָט שטענדיק געפלאַנצט דאָס קערנדל פון אמת און שיינקייט.

די טשערעדע שעפּסן, די מחנות ווייסע געדז, וואָס שפּרייזט קוליענדיק אַהיים, דערפרייט מער, ווי דער טומלדיקער מענטשן-בעזעמל.

צופיל ערנסט איז נישט גוט, צופיל פלאַכקייט איז שרעק-לעך.

דאַך ווען די נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ, פאַרגעסט זיך דאָס גוטע און דאָס שלעכטע.

אויף דעם דאַך פון שייער זיצט אין אַן אָפּענער נעסט דער באָטשאַן און קוקט אויף די שטערן, די שטערן קוקן אויף אים.

און דו קוקסט אויף דעם לאַנגן ווייס־שוואַרצן פויגל, טראַכסט מיט וואָס ביסטו דאָ מער יחסן פאַר אים? מיט וואָס ביסטו מער יחסן פאַר דעם סאַמעטענעם נאַכט־מאַטיל, וואָס דרייט זיך מיט אַזאַ צופרידנהייט אַרום נאַכט־לעמפל.

באַנאַכט פלעגט ער זיך אָפּזאָגן פון טאָג און פון דער נאַכט וואָלט ער ווען אײן זאַך: זי זאָל צוזאָגן, אַז נאָך זיין טויט זאָל ער אויך פילן איר גרויסע אייביקע רויִקייט, איר סאַמעטענע שטיל־קייט, וואָס זאַלבט און דערהייבט ביז צו גאָט.

מיט דער דאָזיקער רויִקייט וועט אים שווערער זיין צו שיידן זיך ווי מיט דעם טומל פון טאָג.

און ווען דער טאָג קומט...

כאַפּט ער זיך אויף מיט פרייד, ווייל די זון האָט אָנגעשאָטן אַ פולן צימער מיט שטראַלן.

אַ גרויסער פּראָסטער צימער, ווייס אויסגעקאַלכט און זון איז דאָ פאַרהאַן אוודאי אַ סך מער, ווי בײַ דעם ענגלישן קעניג אין שלאָס.

און יעדער טאָג אַ נייע געשעעניש, וואָס דאָ אויפן אָרט איז דאָס זייער גרויס.

איינמאָל האָט אים זיין באַלעבאָסטע, די פויערטע אַרויסגע־רופן פון צימער.

גאַנץ פרי איז דאָס געשען...

זי האָט אים גערופן ער זאָל גיכער אַרויסגיין, געמיינט

האָט ער, אַז אליהו הנביא לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין גאָלדענעם רייטוואָגן צו אונדז אויף דער ערד.

נאָך געשען איז עפּעס אַנדערש:

בּאַ זיין באַלעבאָכטע איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק פאַר־פאַלן געוואָרן אַ הון.

זי האָט פאַר אים עטלעכע מאָל דערציילט און באַקלאָגט זיך.

אַ שאָד געוועזן די הין.

נאָר היינט באַגינען איז די הון צוריקגעקומען און נישט אליין; זי איז געקומען מיט צוועלף קורטשאַקלעך, אַזעלכע קליינע ברעקלעך, ווי קאַנאַריקלעך, זי איז אריין מיט זיי אין הויף און געקוואָקעט. זי האָט זיי געפירט אונטער דעם שוץ פון אירע פליגל.

זי איז געקומען מיט טריומף, פונקט ווי די מאַמע־נאַטור, וועלכע זיגט שטענדיק און אומעטום.

ערגעץ אין קאָרן האָט זי אויסגעוואָרעמט די צוועלף יונגע לעבנס.

און אַ גאַנצן טאָג קומט מען זי היינט אָנקוקן די הון.

די פּויערים זענען איבעראַשט, זיי וווּנדערן זיך, ווו די הון האָט גענומען צום עסן די גאַנצע צייט.

זיי פרייען זיך די פּשוטע מענטשן און ער זעליק האָט זיך נאָך מער געפרייט פאַר די פּויערים.

ער האָט ליב געהאַט און אויסגעלערנט אַלע צייטן פון זו־מער. פון די ערשטע בלימלעך, וועלכע ווייזן זיך באַלד נאָכן לעצטן שניי, ביז די לעצטע רויטע קאַלינעס, וואָס בלייבן אַליין אויפן בוים אָן בלעטער שוין.

יזן שפּעטן זומער, ווען די ווייכסל איז האַלב טרוקן, ווען

אין אַלע ווינקעלעך פון שטעטל קרייען יונגע הענדלעך, ווען די זון ווערט ברוגז־רויט.

שפּעט־זומער.

ווען אין די סעדער שטייען שוין אָנגעלאָדן די ביימער מיט צייטיקע פּרוכטן.

די מידע צווייגן האַלטן קוים אויס די זאַפטיקע באַרנעס און עפּל.

אונטער די ביימער פויזען אַרום אַ מחנה נאַקעטע קינדער.

באַ די שטרויענעביידלעך קאָכן די ייִדישע מאַמעס און דער טאַטע, דער סעדער, גייט אַרום אַ גאַנצע טאָג פאַרשמאַיעט. ער קען נישט באַווייזן אויפצוקלויבן די עפּל און באַרנעס, וואָס פאַלן אַליין אַראָפּ פון די ביימער.

די טעג זענען אַלע אַזעלכע זוניקע מידע טעג, עס ווילט זיך נישט אַרבעטן אין אַזעלכע טעג, אפילו דער ייִד, וואָס טרייבט אַ קעלבל פון די ווילי‍אַנגעס, ער איז אויך פויל. ער טרייבט אונטער דאָס קעלבל. וועלכעס גייט נישט גלייך, עס שפּרייזט אין זיג־זאַגן און דער ייִד גייט עס נאָך.

גלייבן גלייבט זיך, אַז זיי וועלןביידע קיינמאָל נישט קומען, וווהין זיי באַדאַרפן קומען...

די גרויסע אָנגעלאָדענע פורן ברענגען פון די פעלדער אַל־דאָס גוטס, דאָס קליינע לאָשאַקל, וואָס פאַרלויפט צופיל פּאַרויס און שטייט צופיל אָפּ, דאָס יונגע פערדל שפּרינגט און וואַרפט מיט דעם קאָפּ; ער איז פון עפּעס זייער צופרידן;

פערדישער קאָפּ! ווינטער וועטער וועט מען פאַרשליסן אין שטאַל, עס וועט זיין קאַלט און נאַס...

און איצט פאַלט אויף דער ערד אַ בלענדנדע רויִקייט.

באַ אַלע פּלויטן שמייכלען געלע און רויטע געאָרגינעס, די פּרימיטיווע מאַלוועס אונטער די פענסטער שטייען און שווייגן,

די פאַרשעמטע דאָרפישע כּלות, וועלכע מען ברענגט צום ערשטן מאָל אויף אַ גרויסן יריד.

דאָרף גרענעצט זיך דאָ מיט שטעטל און אין שטעטל גייט אַרום זלמניאַק דער יונגער און דער רייכסטער באַלעגאָלע, ער באַגעגנט אַ לעטניאַק און פרעגט מיט גרויס נייגעריקייט:

— ווען פאָרט איר?

ער וואָלט אייביק וועלן, אַז די זומער־געסט זאָלן פאָרן. הין און צוריק זאָלן זיי פאָרן.

טאַקע, צוואָס האָבן מענטשן פיס און צוואָס באַדאַרפן זיי פיס? בשעת ער, זלמניאַק, האָט פינף פערד.

דער עולם פאָרט שוין צוריק, מען ציט אָפּ אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, אָבער די שטאָט רופט, די שטאָט מיט איר קאַמף און מיט אירע קלייגע און גרויסע ענינים.

מען וועט זיך שוין באַלד באַגעגענען אויף די גאַסן פון שטאָט די אָפּגעברענטע מיידלעך מיט די ברוינע פנימער, עטלעכע וואָכן וועלן זיי אויסזען, ווי די מולאַטן זען אויס, דערנאָך וועלן זיי ווידער ווערן בלייך, מאָגער, אַנעמיש און אונטער די אויגן וועלן זיין שוואַרצע רייפלעך.

אָבער די איצטיקע ברוינקייט, וואָס האָט זיך אַרויפגעצויגן אויף די מיידלשע באַקן, דאָס איז נישט פון פאַרב, דאָס האָט די זון געמאַכט, די אמתע זון.

זיי זענען דאָ צוגעגאַנגען נענטער צו דער נאַטור.

מען איז געקומען צו דער נאַטור נעמען אַ ביסעלע געזונט, אַ ביסעלע פרישקייט.

און די נאַטור האָט אַלץ געגעבן:

יעדן טאָג פרישע שטראָמען וואַסער, יעדן טאָג הייסע שטראַלן און פילפאַרביקע בלומען, וועלכע האָבן מיט זייערע קאָ־

לירן אַלעמען גערייצט, אפילו די אַלע, וועלכע זענען פרעמד צו שיינקייט.

דאָ צווישן פאָלק האָבן זיי געהערט פשוטע ווערטער, פרימיטיווע לידער, לעגענדעס פון אַלטן שלאָס, מעשיות פון אַלטן „קלאָשטאָר“.

באַנאַכט שרייען דאָ די סאָוועס, אַזאַ געשריי פון א נאַכטפויגל שניידט זיך איין אין זכרון צוזאַמען מיט דער נאַכט, ווי אַ סוד בלייבט עס...

ווי אַן אָנזאָג, אַז לעבן איז נישט אייביק, אַז אייביק איז נאָר די נאַכט, אָט נאָר די קרומע שאָטנס, וואָס פאַלן פון בוים און באַרג.

דאָס איז שטימונג, נאָר ווער עס וויל צי ווער עס וויל נישט... פון דער דאָזיקער שטימונג בלייבט עפּעס איבער אין דער נשמה.

דער פויער, ווען ער קומט צום ערשטן מאָל אין שטאָט אַריין און דערזעט באַנאַכט אַזוי פיל פורן און דערהערט אַזוי פיל קלאַנגען אין דער באַוועגונג, ער ווערט צעטומלט און ווען ער קערט זיך אום צוריק אין דאָרף, דאַכט זיך אים אַלץ אויס, אַז ער איז געווען אין גיהנום.

באַ דעם מענטשן פון שטאָט, ווען ער קומט אין דאָרף און זעט די נישט באַלויכטענע נאַכט, די עכטע פינסטערניש, ווערט ער אומרויִק און נעבעכדיק... עס גלייבט זיך אים נישט, ער ציטערט אויף:

זיין וועלט...

זיין וועלט זאָל זיין אַזוי פינסטער און נישט באַלויכטן, ער האָט מורא הייט צו שפּרייזן אין דעם חושך.

אפילו די פאַרליבטע טראָגן עפּעס אַ שטאַרקן פּחד אין האַרצן.

דערפאַר ווערט ער צעלאָזן און פריילעך באַטאָג, ווען די זון לייכט, ווען דאָס וואַסער איז באַזילבערט, ווען דאָס זאַמד איז קאַכעדיק.

— דזשען דאָבריי!

מיט אַ לאַכעדיקן פּנים שטייט דער זלאַטניאַק אויפן מאַרק און פרעגט און דערמאַנט און פאָדערט:

— ווען פאָרט איר?

יאָ, מען מוז שוין טאַקע פאָרן, נאָר נישט מיט דעם זלמניאַק.

אַ גרופּע יונגע מיידלעך מיט בחורים האָבן געדונגען אַ פורערשע פור אָנגעשאָטן ביז אַרויף מיט פרישן היי און די פּופּצען וואַרטן ביזן באַן פאָרן זיי צוזאַמען.

יאָ, מיט אַ פורערשע פיר, מיט דעם שמעקעדיקן היי אויסגעבעט.

אָנגעפּאַקט זיך אין וואָגן ווי די שעפסן, מיידלעך לאַכן מיט די ווייסע ציין און די בחורים זינגען.

פון וואַנען מענטשן זאָלן נישט אוועקפאָרן, זענען זיי שטענדיק אין שטימונג... אומעט, בענקשאַפט, באַדויערונג.

אַ מאָדנע געפיל באַהערשט אונדז, ווען מיר פאַרלאָזן איין אָרט און איילן צו אַ צווייט ווינקל...

און זאָל ער זיך זינגען אָט דער גוטמוטיקער בחור מיט די ברייטע אַטלעטישע פּלייצעס.

עס פילט זיך עפּעס אין זיין געזאַנג אַ פאַרבאָרגענער צער, זיין צער איז יענעמס צער...

דאָס, וואָס איז אוועק, וועט שוין קיינמאָל נישט קומען צוריק.

און פּלוצלינג הערט מען אויף צו זינגען און מען נעמט רעדן.

— אַ שאָד דער זומער... געדענקסט.

— ווי די זון האָט געברענט...

— אָט יענע פיר לבנה־נעכט וועל איך אין מיין לעבן נישט פארגעסן, אַ גליק, וואָס צו דער פינפטערער נאַכט זענען וואָלקנס ביזקומען.

— איך וואָלט מער נישט אויסגעהאַלטן אַז שווייגן און אזאַ אומרו, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט...

— מיינע וועלן מיך אין דערהיים נישט דערקענען. זע נאָר סאַר אַ שוואַרצע הענט...

און דאָס מיידל כאַפּט אַרויס אַ שפּיגעלע און קוקט זיך אָן:

— ווי שוואַרץ איך בין געוואָרן...

— עפּל ווערן רויט פון דער זון און מיידלעך ווערן שוואַרץ...

— מיידלעך ווערן רויט פון אַ קוש..

— פון ערשטן קוש בלויז...

אָט אַזוי וויצלט מען זיך און די פור טראָגט זיך איבערן שאָסיי, עס לויפן מיט בערגלעך, סעדער, לאַנקעס און די סלופּעס פון טעלעגראַף.

אויף די לאָנקעס: גענדז, שעפּסן, פערד, קי..

די מיידלעך האַלטן אין די הענט גרויסע בוקעטן מיט דאָר־פישע בלומען, באַשיידענע בלומען, אָבער מיט וויפיל ליבע די באַלעבאָסטעס האָבן דאָס דערלאַנגט...

אמת, זיי האָבן געשאָכטן קורטשאַקעס פאַר די געסט. זיי זיי האָבן פאַרדינט פון די שטאָטישע, אָבער אַ זומער איז מען געווען צוזאַמען.

מען האָט זיך צונויפגעלעבט...

און ווען זיי פאָרן אַוועק, ווייסט מען, אַז אַ יאָר לעבן אין

אוועק, עס ברענגט אומעט און צוליב דעם אומעט שענקען זיי די בלומען, די פשוטע מענטשן...

עס דערהערט זיך א פייף פון א נאָענטן לאָקאָמאָטיוו... שוין אויפן וואָקזאַלעכל.

מען קויפט בילעטן. מען וואַרט אויפן צוג און דערביי ווייצלט מען זיך ווידער...

נאָר דער קליינער וואָקזאַל האָט די מענטשן דערמאָנט ווער זיי זענען, איצט ווייצלט מען זיך שוין אַנדערש:

— וואָס טו איך מיט דעם בעזעם?

אַזוי זאָגט איינע פון די מיידלעך. דעם „בעזעם" מיינט זי דאָס דעם בוקעט דאָרפישע בלומען, וואָס זי האָט באַקומען.

די בלומען זענען צעקנייטשט פון דער רייזע ביזן באַן און זיי זען אויס אַ ביסל אָפּגעשוונדן, פאַרימלעך...

— פירן דאָס אין וואַרשע די מציאה — פרעגט אַ צווייטע און דאָס דריטע מיידל גיט עס אַ וואָרף אַוועק פון זיך.

אַלע טוען איר נאָך און אויפן וואָקזאַל ווערט אַ קליינער בית-עולם פון בלומען.

מענטשן טרעטן אויף דעם...

מענטשן צעטרעטן דעם פאַרגאַנגענעם זומער...

אָבער זעליק פלעגט נישט פאָרן מיט אַלעמען צוזאַמען, ער פלעגט בלייבן אין שטעטל דער לעצטער.

פלעגט אַרומבלאָנדזשען אויף די אָפּגעשווירענע פעלדער, ווי אויף אַ גרויסן בית-עולם... דער רויקער בית-עולם פון אַלע בלומען.

ער פלעגט אין די ערשטע יעשן-טעג אַרומשפּרייזן אויף דעם אַלטן בית-עולם פון שטעטל.

אין איינגעהאַלטענע טרייסט טראָגט זיך פון די איינגעפאַלענע מצבות, פון די געלע האַרבסט-בלעטער.

הייסט עס, אַז עס קומט דאָך יאָ אַמאָל אַ סוף צו די אַלע שרעקן.

די, וואָס זייערע נעמען זענען דאָ אויסגעקריצט אויף די שטיינער, זיי ליידן שוין באמת מער נישט. די, פאַרוועמטן בלויז דער הינט רעדט אויס זיין וויסטעניש.

טויט...

עס מאָלט זיך כסדר די אידיליע פון טויט.

די שוואַרצע נאַכט, די פאַרשפּעטיקטע קראָען איילן אין די נעסטן און קראַקען כסדר.

אויף די מצבות פאַלט אַ שאָטן.

שטיל־שטום, אַ געל בלאַט לויפט אַריבער פון איין קבר צום צווייטן, פאַלט צורויף אויף אַ קבר און אַנטלויפט מיט שרעק.

טויט שרעקט זיך פאַר טויט.

דערנאָך פאַרשאַרט זיך דאָס בלאַט ערגעץ אונטער אַ פלויט און קיינער ווייסט נישט, אַז אַמאָל איז געווען אַ בלאַט, אַ גרינס, אַ לעבעדיקס...

גייט אַ יבער דער ווינט איבער די קברים, שאַרט אַראָפּ אַ ביסעלע אַלט גראָז, אַ ביסל שטויב...

נאָר אינעווייניק צו די קברים קומט דער ווינט נישט צו.

די ביינער ליגן און רוען.

עס דאַכט זיך, אַז עמעץ וויבטלט אַריין אין ווינט, ענטפערט אים: „מיר זענען שוין געווען, אַלץ געזען און דורכגעלעבט, געזינדיקט, געזינדיקט"...

די ביינער ציען זיך נאָך מער איין אין דער ערד, ווי זיי וואָלטן זיך שרעקן, טאָמער וועקט מען זיי אויף.

עס ווילט זיך נישט נאָכאַמאָל דורכגייִן דעם שווערן וועג
פון ספקות.

טויט...

פאַרמשפּט צום טויט.

דער שיקזאַל רייצט זיך שטענדיק מיט דעם דאָזיקן שוואַרצן
וואָרט, ער שרעקט מיט אים דעם שוואַכן מענטש...

און דער מעגטש וואָלט דרייסט געקענט ענטפערן:

— עס וואָלט שרעקלעכער געווען, ווען איך וואָלט געווען
פאַרמשפּט צום אייביקן לעבן, די ענדע איז שטענדיק אַ טרייסט...

און אַלץ לעבט צוליב שטאַרבן, צוליב דעם שיינער
שטאַרבן.

אַ מענטש זאַמלט פאַרמעגן אַ גאַנץ לעבן, בויט און שאַפט,
ביז דער קאָפּ נעמט גרוי ווערן, דער קאַרק בייגט זיך איין...

עס פאַרגלוסט זיך אים רוען, דעם אָפּגעשוואַכטן מענטש,
און ער גייט אויפן בית עולם...

אַנדערע באַשעפענישן שטאַרבן שיין.

פרומע לייט זענען זיך מתוודה פאַרן טויט, שוואַנען זינ-
גען...

דער לייב גייט אַוועק אין מדבר און גיט אָפּ דער ווילדער-
ניש זיין לעצטן אָטעם...

נאָר שענער פאַר אַלעמען שטאַרבט אין האַרבסט דער
זומער.

אָט דאָס אַלץ, וואָס האָט געשמעקט און געבליט.

וואָס גרעסער דער גאָרטן, וואָס טיפער דער בלעטער-וואַלד,
אַלץ שענער איז דעם זומערס טויט.

זעליק פלעגט עס רופן:

— דער גאָלדענער בית עולם.

פון די ביימער רעגנט מיט גאָלד, אויף דער ערד וואַלגערט

זיך גאָלד און דאָ לויפט אַרום אַ מיידל און שאַרט עס פונאַנדער די גאָלדענע שערבעלעך, זי צעטרייסלט אַ יונג ביימל, זי האָט ליב צו זען, ווי די געלע בלעטער נעמען פאַלן.

לעבן שפּילט זיך מיטן טויט...

ביז אַ צייט.

קינד! דיינס אַ יאָר איז אַוועק און ער וועט שוין קיינמאָל מער צוריק נישט קומען.

דו טרעסט אויף די געלע בלעטער... דאָס זענען דיינע זומער-ט ג און דיינע זומער-נעכט.

באַם טויער פון גאָרטן שטייט אַן אַלטער מאַן, אַ ווערטער, דיינע ווייט-ווייסע האָר פאַלן שוין אַריין אין אַ זאַפראַן-שימל קאָ-ליר.

ער איז שוין אַזוי אַלט, אַזוי געבויגן און ער לעבט נאָך אַלץ, עפנט און פאַרמאַכט יעדן טאָג דאָס טויער.

רעדנדיק מיט וועמען וויצלט ער זיך:

— איר ווייסט פאַרוואָס איך לעב נאָך. איך לעב נאָך דערפאַר, ווייל איך האָב מורא פאַרן טויט.

און ער לאַכט דערביי דער אַלטער מיט זיינע אָפּגעשטאָרבע-נע ליפּן, וועלכע זען אויס ווי אויסגעקוועטשטע פייגן.

דערנאָך רופט ער זיך אָן:

— ניין, מענטשן טייערע, איך לעב נאָך דערפאַר, ווייל דער ווינט איז צו מיר גוט... אַלץ ווענדט זיך אָן ווינט. אָט זעט ווי ער רייסט די בלעטער פון די ביימער, אָבער אַנדערע בלע-טער בלייבן, ווייל דער ווינט האָט צו זיי חסד, ער איז גוט צו זיי דער ווינט... איך בין אויך אַזאַ בלאַט, צו וועלכן דער ווינט איז גוט.

קאַלטע גלייכגילטיקע וואַסערן לויפן און גלאָצן ווי בלינדע

מיט די ווייס-פאַרצעלייענע אויגן, לויפן און קוקן נישט אויף קיינעם.

בלויז די וועלדער און די הימלען שפּיגלען זיך אָפּ אין די וואַסערן, די וואָלקנס שפּיגלען זיך אָפּ, נאָר זיי בלייבן דאָך צוי-בעם אודז די וואָלקנס...

די וואַסערן נעמען זיי נישט מיט.

די וואַסערן לויפן און איילן זיך צו באַהאַלטן אין גרויסן ים, די שוואַכע פּאַליעס לויפן צום שטאַרקן ים...

עס וועט אײנגיכן קומען אַ טאָג, אַלץ וועט פאַרגליווערט ווערן פאַרפרוירן זיין.

ביים אָנהייב פון שטעטל, אָנגעשפּאַרט אָן אַן אַלטער שטיינערנער וואַנט ליגט אַ בלינדע פרוי אין שמאַטעס, זי קרעכצט כסדר אויס איין פראַזע:

— ווען איך וואָלט געהאַט ווער עס זאָל מיך פירן, ווען איך וואָלט געהאַט אַ זעענדיקן מענטש...

און דאַמאָלס וואָלט זי אַרומגעגאַנגען קלייבן נדבות.

קוק אויף אירע גרוי-טויטע אויגן! דער הימל זעט אויך אַזוי אויס, די גאַנצע וועלט זעט איצט, אין פאַרנעפּלטן טאָג אַזוי אויס, ווי די בלינדע אויגן פון דער צעקנייטשטער יידענע...

און עס דאַכט זיך, אַז די וועלט קרעכצט אויך אַזוי:

— ווען איך זאָל האָבן, ווער עס זאָל מיך פירן...

פאַרנאַכט בייט זיך די פאַרב פון דער וועלט, עס פאַרגייט אַ בלוטיקע זון און צינדט אָן די אָפּגעדעקטע צווייגן, די קראָען נעמען שטאַרקער שרייען מיט זייערע הונדערט-יעריקע שטימען:

„מען וועט נאָך בויען אַ סך פּאַלאַצן און אַסך בית-עולמס, עס וועלן נאָך געפלאַנצט ווערן אַ סךביימער, נאָר אַלץ וועט פאַרגיין, ווי אַלץ איז שוין פאַרגאַנגען, אַלץ פאַרגליווערט געוואָרן אויף אייביק, אויף אייביק"...

קאַלטע וואַסערן לויפֿן. קראָען שרייען. ביימער בייגן זיך און דער ווינט טראָגט אין קאַראַהאָד אַ ים מיט געלע בלע־טער.

אין די שאָטנס פֿון דעם פֿאַרנאַכט שטייט אַ שאָטן... ער ווערט אַלץ טונקעלער און עס דאַכט זיך, אַז באַלד ווערט דער שאָטן אויף אייביק צעשוווּמען, פֿאַרשוווּנדן...

די נאַכט קומט אָן פֿון אַלע זייטן... ווי שטעלט מען זיך אַנטקעגן דער נאַכט?

נישט איינמאָל פֿלעגט ער זיך געבן די פֿראַגע, זעליק, אין די שוואַרצע־שאָטנדיקע נעכט פֿון אַלטן קאַזמערוש.

יעדער שטיין פֿון דאָרטן, יעדער אויסבויג פֿון ווייכסל, דער אַלטער טורעם פֿון באַרג. אַלץ איז אים איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרץ. דאָ אין דעם שטעטעלע האָט ער געפֿונען זיין באַהעלטע־ניש און זיין גלייכגעוויכט.

די זומערן...

די באַגעגענישן...

טויזנט יאָר לעבן און נישט פֿאַרגעסן וועלן ווערן די ביל־דער פֿון דער רייכער נאַטור, וועלכע האָבן זיך איינגעפֿלאַנצט אין זיין האַרץ.

אָפּליידן דעם ווינטער, כּדי זומער אַ בליק צו כאַפּן אויף גאַטס וועלט, ווו דער מענטש האָט אויפֿגעבויט געציילטע הייזער פֿאַר זיך און באַלד נאָך די הייזער גייט אַוועק אַ פֿלאַנטער פֿון טאָלן און בערגלעך, ווו פֿון פֿייכטקייט וואַקסט און בליט אַ שפּע מיט בלומען און אַלערליי גראָזן...

עס לוינט אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ און אַ קוק געבן אויף אַ צווייג, וועלכע פֿאַרבן האָט דער פֿויגל, וואָס האָט זיך אַזוי וויל פֿונאַנדערגעזונגען? און צו דער ערד לוינט זיך איינצובייגן און באַטראַכטן דאָס ווערעמל, וואָס קריכט פֿון גראָז צו גראָז מיט אַ

מאָדנער פֿלייסיקייט און עקשנות. אפשר איז זיין ציל נישט קלענער, ווי אונדזער ציל? עס לוינט אַריינצוקוקן אין וואַסער, בשעת די זון לייכט עס דורך און אָנקוועלן פֿון נחת, ווען די קליינע און גרעסערע פֿישלעך דרייען מיט די עקן שווימענדיק און שפּריצן פֿון די מיילעכלעך מיט דינע שטראָמען.

ער פֿלעגט אַרומגיין אַ גאַנצן זומער אין סאַנדאַלן מיט אַ גרויסן שטעקן, פֿלעגט שוואַרץ ווערן פֿון דער זון. אַ סך טעג פֿלעגט ער פֿאַרשווונדן ווערן אין די דערביייִקע דערפֿער.

אין באָכאָטניצע איז געווען אַ דאָרפֿיש מיידל, אַניעלע האָט זי געהייסן, איז זי איינמאָל געקומען קיין קאַזמערזש אויף יריד.

דער אָפּגעברענטער פֿון דער זון, זעליק האָט אויף איר איין קוק געגעבן, זי האָט געענטפֿערט מיט אַ פֿאַרווונדערטן שמייכל און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַגעגענישן אין וועלדל אונטער באָכאָטניצע.

געהיימע באַגעגענישן. מיט אַ פֿייף, אָדער מיט קוויטש פֿלעגט ער זי אַרויסרופֿן.

און זייערע נעכט! פֿון גאָט געבענטשטע זענען די נעכט געווען. זיין שפּראַך און זיינע „פֿילאָזאָפֿיעס" וואָלט זי נישט פֿאַרשטאַנען, ער האָט פֿאַר איר געהאַט זיינע ליפּן און זיינע אָרעמס.

עס איז גענוג געווען פֿאַר

און אַ צווייטע...

יאַנקאַ...

פֿון דאָרף ראַגאָוו, זיבן וויאָרסט ווייט פֿון קאַזמערזש.

זי איז געווען דאָס איינציקע מיידל אין דאָרף, וואָס האָט געהאַט שוואַרצע האָר און שוואַרצע ברעמען, אין אַ קענטל פֿון די ליפּן האָט זי באַהאַלטן אַ ביסעלע יידישן חן, ער האָט באַגע-

פרעגט און זיך דערוווסט, אַז איר באָבע איז געווען אַ גע־
שמדטע...

און ער זעליק איז דאָס געווען דער איינער, וועלכער איז
געקומען אויפמאָנען דעם חוב בײַ איר.

אין דאָרף צו זיך האָט זי אים נישט געלאָזט גיין:

— די כלאָפּעס וועלן דיר די ביינער צעברעכן.

פלעגן זיי זיך באַגעגעגען אויפן מיטן וועג צווישן קאַזמרוש
און ראַגאָוו.

אין לבנה־נעכט, ווען די טונקעלע פלעקן פון די וועלדער,
ווערן צוגעדעקט מיט זילבערנע פּאָרהאַנגען פון הימל, ווען דאָס
טרוקענע זאַמד פון טראַקט זעט אויס, ווי אַ לאַנגער גאָלד־פּאַס...
ווייט בילן כלבים, גאָנט שרייט די סאָווע און מיט אַ געוואַלטיקע
געשווינדקייט קויקלט זיך אַראָפּ פון הימל אַ צעשאָטענער שטערן.

— יאַנקאַ!

— יעסטעם...

פונקט ווי צוויי געזונטע ביימער וואָלטן פּלוצלינג לעבעדיק
געוואָרן, אָפּגעריסן זיך פון די ערטער, די צווייגן ווערן אָרעמס,
די אָרעמס פלאָנטערן זיך איין אין אַ פייערדיקן געראַנגל.

ביז פאַרטאָג.

זי גנבעט זיך צוריק אין דאָרף אַריין, ער צוריק — קיין
קאַזמערוש.

די דאָזיקע נעכט, דאָס באַהאַלטן זיך פון מענטשן, די ליבע־
סודות, וואָס ער האָט פאַר קיינעם נישט אויסגעזאָגט, זיין פרייד
וואָס ער האָט געהיים געזאַמלט אין האַרץ. אַלץ אינאיינעם האָט
עס איינגאָנצן איבערגעאַנדערשט זיין נשמה, טיפער געמאַכט זיין
טונקעלן בליק. עס זענען אים צוגעקומען נייע אינסטינקטן...
חושים פאַר דער נאַכט.

אַלץ וואָס ער האָט דאַמאָלס געשריבן איז געווען פאַרבונדן

מיט נאַכט, איינגעהילט אין די באַלויכטענע שאָטנס, וואָס פאַלן פון די בערג פון די ביימער.

אין אים איז פולקאָם געוואָרן זיין אָפּגעזונדערטקייט. ער האָט אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר מענטשן, פלעגט קומען צו זיי אַ גאַנצער, אַ געזונטער.

ער, וואָס חברט זיך מיט נאַכט.

אים גיט די נאַכט אַן ענטפער אויף אַלע פּלאָנטערנישן פון טאָג.

אין שטעטל פלעגן אָנפאָרן אַ סך געסט איבערן זומער. זעלטן ווען ער פלעגט זיך חברן מיט וועמען.

ס׳פלעגט דאָך טרעפן אַ מאָל אַ פּלאָנטער מיט אַ שטאָטישע פרוי, דאַמאָלס פלעגט ער האָבן איין שטאַרקע כוונה: אָפּרייסן זי פון אירע באַקאַנטע, פון דער סביבה מיט וועלכער זי איז גע־ווען שטאַרק צונויפגעבונדן.

און עס פלעגט אים אָפט געלונגען, ער פלעגט צו נישט מאַכן איר מאַנעקענישע אויסגעדרעסירטקייט, ער פלעגט אַזאַ צע־טומלען, צערייצן.

וו פענסיאָנאַט?

וו רעגלמעסיקייט פון עסן און שלאָפן?

ער פלעגט זי אַרומפירן אין די געדיכטע „וואַנוואַזן” פון די בערג, צוועקשיפלען זיך מיט איר אין דער הייך, ווייט אויף דער ווייכסל און קומען מיט איר צוריק אין שטעטל, ווען די זון פלעגט שוין אָפּחלשן מיט קילע פלאַמען אויף דעם רויטן דאַך פון קאָשציאָל.

און יעדן זומער פלעגט זיך איינראָמען אַן אַנדער קעפל פון אַ פרוי און אַמאָל עטלעכע קעפליך.

ער, וועלכער האָט אַ מאָל אַזוי געבענקט נאָך דער „אייגער” אויסגעלאַכט האָט ער זיך איצט פון יענער צייט

פילפאַרביקייט האָט ער געזוכט, אַ רעגנבויגן פון פרויען־אייגלעך האָט געשימערט אין זיין האַרץ. יעדער איינע פון זיי טראָגט אַנדערש צו די ליפּן.

יעדע איינע פון זיי עפנט אַנדערש די אָרעמס...

זאָלן זיי שפּעטער אַוועקגיין צוריק צו זייערע חתנים, צוריק צו זייערע מענער, אָבער איצט, ווען זיי זענען צו אים צוגעקומען.

אַזוי ווי דער זומער, אַזוי ווי די בלומען וואָס פרייען זיין בליק, ווי קאַרשן, וואָס שלינגען זיך פריש און געשמאַק.

ווי האָט מען זיי דאָרט גערופן?

וואַנדע, אַנקע, העלע, יוליאַ.

ווי בלעטער פון אַ שיין בוך, איין בלאַט פאַרדעקט דעם צווייטן.

זיי פלעגן אַרומשפּאַצירן צווישן די ביימער אין ווייסע דורכזיכטיקע קליידער.

זיי פלעגן זיך באָדן אין ווייכסעל. אויף דעם דורכגעברענטן זאַמד זענען געלעגן זייערע קליידלעך. פלעגט פלוצלינג אָנקומען אַ שטורם און פונאַנדערטראָגן די דינגעוועבטע העמדלעך און באַקעטע פלעגן זיי אַרויסטאַנצן פון וואַסער.

גענוג געווען צו כאַפּן אַ בליק באַ וועלכע פון זיי די פיסלעך זענען שלאַנקער און באַ וועלכער די ברוסטלעך זענען רונדער...

עס פלעגט זיך אָנהייבן אַ יאַגד. ער האָט זיך אויסגעלערנט ווי צו רעדן און ווי צו שווייגן מיט זיי.

אַ „בייזער מענטש" האָבן אַסך געזאָגט וועגן אים און אים האָט זיך געוואָלט לאַכן פון אַזאַ צונעמעניש. ניין, ער פלעגט די ליפּן פאַרשליסן, ווייל ער האָט צופיל פרייד געטראָגן אין האַרצן

און פאַר אַ ביליקן פּרייז האָט ער זיין פרייד נישט געוואָלט אָפּגעבן.

ער האָט זיך נישט מיט אַלעמען געחברט, ווייל ער האָט געדענקט דעם דיכטער בערגערס ווערטער: „עס זענען פאַרהאַן אַזויפיל מענטשן, מען קאָן זיך דערליבן אויסצוקלייבן".

עס איז גענוג געווען אַ בליק, זיין האַרץ זאָל זיך אָנצינדן.

איינמאָל האָט ער באַמערקט אין אַ פרעמדן גאָרטן, ווי אַ פרוי קלייבט מאַלינעס, זי האָט געטראָגן אַ רויט שטוב-קלייד און די רויטקיים פון דעם קלייד אין דעם גרינעם פלאָנטער פון די מאַלינע-בלעטער האָט אים פאַראינטערעסירט.

אָפּגעשטעלט זיך און געכאַפּט אַ בליק, אַרייגעוואָרפן אַ דאָן זשואַנישע פראַזע:

— ווען איך וואָלט געווען אַ מאַלינע...

באַגעגנט אַ שמייכל פון אַ פּאָר שוואַרצע אויגן...

אין יאָרן אַרום האָט ער געדענקט דעם שמייכל מיט די שוואַרצע אויגן און די אַוואַנטורע אַליין האָט בלויז צוויי וואָכן געדויערט...

דאָס שטעטל איז געוואָרן זיין מקום מקלט, זיין מעקאַ.

די הייזלעך די יידישע מיט שינדלען, די באַחגטע יידישע אייגלעך, וואָס פלעגן אַרויסקוקן פון די קליינע פענסטערלעך, געחברט האָט ער זיך מיט די באַלעגאָלעס, מיט די פּי-שערס, מיט די יידישע פעדער.

ער האָב ליב געהאַט דעם פּראָסטן לשון פון געוויינטלעכן עולם, האָט געלערנט בא זיי איינפאַכקייט און באַשיידנקייט.

האָט אָנגעשריבן עטלעכע גרעסערע לידער, פּאָעמען.

אין וואַרשע האָט זיך געפונען אַ פאַרלעגער, וועלכער האָט דאָס אַלץ אַרויסגעגעבן.

כמעט אַלע קריטיקער האָבן זיך גוט אָפּגערופן, נאָר פּלוצ-

ליגנ באווייזט זיך אן ארטיקל פון זעלצערן, וואו ער מאכט אים צו נישט.

איז זעליק ארומגעגאנגען עטלעכע טעג צעטומלט, גאר גייענ-דיק אין ווארשע אויף דער גאס, האט ער באגעגנט איינע פון זיינע זומערדיקע באקאנטע...

זיי האבן זיך ביידע דערפרייט און איינעם דעם צווייטן שוין נישט אפגעלאזט...

יא, און דער זעלצער מיט זיין קריטיק, דאס גאנצע שריי-בעריי איז אזוי נעבעכדיק געווארן בא זעליקן אין די אויגן.

פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך דורכשרייבן מיט בערגערן, יענער האט איצט געלעבט אין דער שווייץ און נאך זעלצערס ארטיקל האט זעליק באקומען א גרעסערן בריוו פון בערגערן:

„נעמט זיך נישט צום הארץ, קאמעניעצקי, וואס דאס שוויי-סיקע באלעבאסל האט אייך אזוי צעשנישטן. ס'איז א צופאל, וואס ער האט זיך גראד גענומען צו קריטיק. און א שרייבער, א דיכ-טער מוז זייער געדולדיק זיין צו אזעלכע טינטלערס, אייערע לי-דער האב איך דורכגעלעבט, איך דריק אייך די הענט. נאכאמאל א מענטש, וואס טראגט א גאלדענע קייט מיט א גאלדענעם זייגער, וואס ער האט געקרוגן פון זיין שווער, אזא מענטש ווי זעלצער איז בלינד פאר אייערע בלויע שורות. פאר מיר איז דאס א געזעץ, וועלכן איך ווינטש אייך צו אנערקענען”.

אויף דעם בריוו האט זעליק געענטפערט:

„פריינט! איר רעדט מיר וועגן מיינע לידער און וועגן זעל-צערן. איך וואלט אייך אבער וועלן דערציילן וועגן איינער אן „אנקע” זי האט טונקעלע ברעמען און גרינע אויגן, גרין ווי דער פיגוס-בלאט, זי האט א ווייס שלאף-צימער, ווו איך בין אן אפטער גאסט. זי אינטערעסירט זיך זייער ווייניק מיט מיין שרייבעריי, זי פארשטייט קוים אונדזער מאמע-לשון, זי קושט זיך אבער דער-

פאַר חי... איך האָב נישט קיין פאַרגלייכונג. זייט געזונט און זייט רויק פאַר מיר, ווי איך בין רויק פאַר אייך".

ער האָט געאַרבעט פאַר זיך, געליטן, געלעבט מיט זיין אַרבעט, נאָר געהאַלטן זיך ווייטער פון די שרייבער, כאָטש ער איז שוין געווען באַוווּסט.

חיפּיל מאָל פלעגט מען באַ אים פרעגן:

— פאַרוואָס זעט מען אייך נישט באַ פּרצן?

— איך האָב זיך מורא פאַר אים, — פלעגט ער ענטפערן און שמייכלען.

געטראַכט האָט ער באַ זיך, אַז מען מוז אַליין קענען דערגרייכן, דאָס וואָס מען וויל דערגרייכן.

אין אַ רעדאַקציע פלעגט ער אַריינלויפן אויף אַ רגע, אָפּפטרן זיינע ענינים און באַלד צוריק אַוועק צו זיינע געאייגנטלעכע באַקאַנטע.

געלעבט האָט ער אַ ן דער ווינטער צייט אַ חודש אין לאָדזש, אַ חודש אין ווארשע, און אָנהייב פרילינג פלעגט אים שוין ציען וועגן די שטאָט.

מיט פרייד פלעגן אים די באַלעגאָלעס באַגריסן אויף דעם פּלאַטער וואָקזאַל:

— אַז איר קומט, ווייסן מיר שוין, דער זומער הייבט זיך אָן.

און ער האָט געמאַרט, געציילט די טעג, דער אמתער פרילינג זאָל זיך שוין אָנהייבן: טשעראָמוכע, בעז, אַקאַציע און זשאַסמין.

ער האָט געוווּסט דעם סדר, ווי די בלומען בליִען, ער האָט געוווּסט, אַז דער קוקיק שרייט בלויז איין חודש אין מאַי און דער סלאָוויק זינגט אויך נאָר בלויז אין חודש מאַי.

האָט זיך צוגעוווינט צו אַלע קלאַנגען און שטילקייט פון די פאַרנאַכטן.

פון צייט צו צייט פלעגט ער באַשליסן נישט צו שלאָפן אַ גאַנצע, גאַ צע נאַכט, כדי צו זען, ווי די נאַכט לעבט, ווי זי פאַר-גייט און ווי די זון גייט אויף.

אויסגערוט און אָנגעזעטיקט פון דער נאַטור אַ באַנייטער פון דער פרישער גרינקייט פלעגט ער ווערן מענעריש-אומרויק...

יאָ די זאַשע מיט די גרויסע אויערינגלעך, די שלאַנקע זאַ-שע, דעם וואַיטס טאָכטער, ווען זי איז היינט אַראָפּ פון באַרג, האָט זי צו אים אַ שמייכל געטון — אפשר אויסקלייבן זאַשען פאַר דעם היינטיקן זומער?

XV

וואָס וויל די וועלט?

אין קאַזמערזש...

אויפן באַרג אין דער ווילע „רעגינע" איז צו די באַלעבאַטים געקומען אַ גאַסט, אַ קרובה. אַ ווארשעווער יונגע פרוי. איצט איז זי געקומען פון אויסלאַנד, ווו זי האָט פארבראַכט דעם ערשטן האַלבן זומער.

אַ בלאָנדע מיט בלויע אויגן, צו וועלכע עס האָט נישט גע־שטימט דער ערנסטער בליק, די אויסגערעכנטע באַוועגונגען.

זי איז געווען אַ פרוי פון אַ דאָקטאָר. קיין גרויסער שלום איז צווישן זיי נישט געווען, דאָס האָט עדות געזאָגט איר שטענ־דיק ארומוואַנדערן. אין דערהיים, אין ווארשע איז זי זייער ווי־ניק געזעסן.

צוליב איר האָט זעליק איצט אָנגעהויבן אויפסניי אַרייגצוקו־מען אין „רעגינע" מיט די באַלעבאַטים. די רייכע צוקערס פון ווארשע. איז ער זייער גוט באַקאַנט.

אין אמאַליקע צייטן וואָלט ער קיין העזה נישט געהאַט צו פראַכטן פון אַזאַ שטאָלצער אומבאַקאַנטער... נאָר דאָס לעבן האָט אים געלערנט, אַז מען דאַרף שטענדיק פּרוּוון און קיינמאָל זיך נישט מיאש זיין, ער האָט שוין געהאַט זיינע ווערטלעך:

„זאָג קיינמאָל נישט, אַז זי איז דיינע און זאָג קיינמאָל נישט, אַז זי וועט דיינע נישט זיין".

אַ רויקער נאָכמיטאָג. ער הייבט זיך אויף אויפן באַרג, שפּרייזט אויף שטיקער אָפּגעשניטענע פעלדער, דאָ און דאָרט אַ ווילִיע, אַ פּאַרקאַן.

באַ די צוקערס אין דער„רעגינע" איז רויק.

ער גייט אַריין אין גאָרטן און באַמערקט אין פענסטער אַ פּנים...

די פרוי מיט דעם בלאָנדן קאָפּ. זי קוקט גלייכגילטיק אַרויס פון פענסטער.

עס פילט זיך, אַז זי איז איצט מיט אירע געדאַנקען ווייט אויף יענער זייט גרענעץ...

ער באַגריסט און עס פעלט אים איין צו זאָגן עטלעכע ווערטער:

— ווען איר וועט זיך נישט בייזערן, וועל איך אייך זאָגן, וואָס איר פילט איצט.

זי לאַכט זיך פונאַנדער:

— וואָס זענט איר? אַ טרעפער? אַ כישוף-מאַכער?

— ניין... פאַרהאַן מאָמענטן, בשעת מע דערפילט דעם צווייטן, איצט האָב איך געלייענט אויף אייער פּנים:

— וואָס?

אין אויסלאַנד האָט איר געהאַט אַ באַגעגעניש פאַרשטייט זיך מיט אַ מאַן, איר האָט פיל דורכגעלעבט און עס האָט זיך נישט געענדיקט אַזוי, ווי איר האָט געוואָלט.

אַ לייכטע רויטקייט האָט באַצויגן איר פּנים, וי האָט געפּרואווט שמייכלען, געפּרוּווט זיך בייזערן, וואָס אַ פרעמדער מענטש מישט זיך אין אירע איבערלעבענישן, נאָר די ביגעריקייט האָט געזיגט בײַ איר:

— צו דען קען מען אַזוי אַראָפּלייענען פון צווייטנס פּנים?

— נישט אַלעמאָל... היינט האָב איך געטראָפן... יאָ?

דערנאָך זענען זיי ביידע שוין אַרומגעגאַנגען אין גאָרטן, געקוקט אויף די בלומען און גערעדט וועגן זיך, וועגן אַלעמען, און ווידער וועגן אירע איבערלעבונגען אין אויסלאַנד.

לייכט, קוים אָנגעריִרט די טעמע... מיט רמזים, מיט האַלבע ווערטער.

זעליק האָט זיך אָפּגערופן:

— די וואָס טרינקען ווייניק ווײַן, פאַרטרונקען עס דערנאָך מיט וואַסער, דער אמתער שיכור פאַרטרינקט ווײַן מיט... ווײַן.

און אין עטלעכע טעג, אין אַ וואָך אַרום:

בײַ די צוקערס, אין דער ווילע „רעגינע" איז מען זייער ביז געווען, וואָס די בלאָנדע מאַלי פירט זיך צופיל אַרום מיט דעם זעליק קאַמעניעצקי.

ער האָט נישט באַמערקט זייער בייזקייט, פּונקט ווי דאָס וואָלט זיין די ערשטע באַגעגעניש זיינע, אָפּגעבן זיך מיט דער גאַנצער נשמה.

עס איז געווען אין די טעג, ווען די מאַלוועס פּוצן זיך שוין אויס אַרום די פּויערשע הייזלעך, און די טעג, ווען דער בערבעריס נעמט שוין שטאַרק רויט ווערן.

אונטן אין שטעטל האָט מען שוין גערעדט:

— דער קאַמעניעצקי פירט זיך שוין ווידער אַרום מיט אַ נייער.

און ער איז געפלויגן האַסטיק אויפן באַרג, נישט פאַרשפּע־טיקט אויף קיין רגע.

— קאַמיעניעצקי, פאַניע קאַמעניעצקי!

פון דעם צווייטן שטעגל, וואָס פירט צו דער אַלטער „באַש־טע“ איז אַ קול צו אים געגאַנגען.

ווער איז דאָס? יאַנעק דער בריוו־טרעגער. וואָס וויל ער?

— פאַניע קאַמעניעצקי, איך לויף צום וואַיט, אין גמינע ליגט אַ דעפּעשע... וויכטיקע נייעס, פאַניע קאַמעניעצקי, דערציילט נישט פאַר קיינעם.

און דער לאַנגער אויסגעדאַרטער יאַנעק האָט זיך צו אים נענטער צוגערוקט, אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין, די בערג, די שטיינער, דער אַלטער זורעם זאָל נישט הערן:

— מאָביליזאַציע, אַ מלחמה וועט זיין, פאַניע קאַמע־ניעצקי.

עס האָט אין אים עפּעס אויפגעציטערט.

דער יאַנעק האָט עס אַזוי געהיים אויסגעשושקעט דאָס וואָרט: „מאָביליזאַציע“.

עס איז געווען אַזוי שטיל אַרום, נאָך האַלבן טאָג, זומער, די ווייכסל האָט אונטן געזילבערט און דער הימל האָט געהאָט עטלעכע שאַטירונגען אין זיין בלויקייט.

ער האָט זיך גלייך דערמאָנט, אַז מאָלי וואַרט אויף אים און ער איז ווידער געלאָפן צו דער ווילע „רעגינע“.

דאָס ערשטע וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט איז גע־ווען:

— מאָביליזאַציע...

זי האָט עס גענומען שטאַרקער צום האַרצן ווי ער:

— מיין מאַן איז אַ דאָקטאָר, ער וועט מאָביליזירט ווערן, מען מוז שוין פאָרן קיין וואַרשע.

„שוין פאָרן קיין וואַרשע".

דערפאַר, ווייל דער דאַרער יאַנעק האָט געבראַכט אַ ידיעה, אַז אין גמינע איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע...

„פאָרן קיין וואַרשע" בשעת דער זומער איז נאָך נישט געענדיקט, איצט, בשעת די ערשטע ווערטער זענען אַרויסגערעדט געוואָרן צו דער בלאָנדע פרוי, די ערשטע באַגעגעניַשן און זייערע ערשטע קושן...

איבעררייסן און נישט פאַרענדיקן, נישט אָנזעטיקן זיך ביזן סוף.

ער איז צעטומלט געוואָרן פון אירע ווערטער, דאָס האָט אים אויסגעזען, ווי אַ פאַרברעכן, ווי אַ לעסטערונג, דאָס האָט אים אויסגעזען ווילד...

— מען באַדאַרף נאָך נישט פאָרן, אפשר איז דאָס נישט מער ווי אַ קלאַנג, מען וועט עס אָפּרופן צוריק.

זיי האָבן אַרומגערעדט די געשעעניש און פאַרנאַכט זענען זיי אַראָפּגעגאַנגען צום שטעטל, דערוויסן זיך, וואָס דאָרט קומט פאָר.

און אונטן אויף דעם טונקעלן ברייטן מארק האָט געטומלט ווי אין אַ מוראַשניק.

פון אַלע זייטן זענען אָנגעקומען מענטשן, יידן און קריסטן, יידינעס זענען געלאָפן, מיט די קינדער אויף די הענט.

מלחמה, מאָביליזאַציע.

דער שומר פון די גמינע האָט געטראָגן בלויע פּאַפּירלעך און זיי געקלעבט אויף די ווענט.

— מאָביליזאַציע!...

— דער דייטש וועט זיך שלאָגן מיטן רוס.

— די גאַנצע וועלט וועט זיך שלאָגן.

— איר ווייסט נאָך ניש, וואָס דאָס הייסט „מלחמה", קינ-דערלעך!

— עט, עס וועט גאָרנישט זיין, מען סטראַשעט נאָר בלויז.

אין דער טיפער נאַכט אַריין זענען געפלויגן די פראַזן, די קרעכצן.

מענטשן האָבן נישט געוואָלט גיין שלאָפן, געוואַרט, טאָמער וועט אָנקומען אַ ידיעה, וואָס וועט אַלץ אָפּלייקענען.

דערווייל האָבן זיך געדרייט די אַלטע פּלעדערמייז איבער אַלעמענס קעפּ און גאָר-גאָר אין דער הייך האָבן געפינקלט די גאָלדענע שרעטלעך — די שטערן, זיי האָבן פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט געהאַט.

אין אַ טאָג, אין צוויי טעג אַרום...

איבער אַלע טראַקטן האָבן זיך געצויגן פורן מיט מענטשן, פּויערן, וועלכע זענען קיינמאָל פון דאָרף נישט אַרויס, יידן אין קאַפּאָטעס, מען איז געפאָרן קיין פולאַוו...

צו דער „קאָמיסיע".

שטילע שווייגעדיקע יידן און שיכורע קריסטן.

אויף די שאָסייען האָט געטומלט, אין די שטעטלעך האָט געצאַפּלט דאָס לעבן, די ווייבערישע געוויינען האָבן אַלץ איבער-געשריגן. צוזאַמען מיט די מענטשן זענען אויף די שאָסייען גע-גאַנגען פערד...

פון זאַמאָיסקיס ס״אינעס, פון זאַגלאָבע, פון וואָוואָלניצע-פּויערישע קליינע פערדלעך, יידישע דאַרע קלאַטשעס און די „כרא ביאָוסקע" פערדלעך, עכטע ראַסע. .

דאָס אַלץ האָט געהירזשעט, געטופּעט מיט די פיס און גע-שוימט מיט מילך-שוים.

אויף די פּורלעך איז געלעגן פרישער גרינער היי, עס האָט געשמעקט מיט פרוכטבאַרקייט און זאַטקייט...

און איבער אַלץ האָט געלויכטן די העלע זון.

נאָכט באַם שאָסיי האָט אין זיין שויס געשטראָמט די חייכל און געשווענקט די זיימער פון די אויסגעטרוקנטע „קעמפּעס״...

אויף דעם טייך האָט זיך פלוצלינג באַוויזן אַ מאָטאָר-שיפל מיט עטלעכע אָפיצירן. דאָס שיפל איז אַוועק ווייט-ווייט, אין דער הייך צו זאַוויכוואָסט, צו סאַנדאָמיערזש.

דערציילט האָט מען, אַז דאָרט שלאָגט מען זיך שוין.

און די וועגלעך מיט די מענטשן האָבן זיך אַלץ מער געזאַמלט אין פּולאַוו.

דאָרט אויף דעם קליינעם שטילן וואָקזאַלעכל האָט איצט געקאָכט, ווי אין אַ גיהנום. וואַגאָנען האָט מען אָנגעפּילט מיט מענטשן און פערד און וואַגאָנען האָט מען אָפּגעשיקט קיין לובלין, קיין וואַרשע...

אין קאַזמערזש איז ליידיק געוואָרן. מאַלי איז אין איילעניש אַוועקגעפאָרן, זי האָט באַקומען אַ דעפּעשע פון איר מאַן, אַ ער בייט אויפן פּראָגט. דער לעצטער פון די זומער-געסט איז געבליבן זעליק, ער איז נישט מאָביליזירט געוואָרן, צו זיין יאָר איז דערווייל נאָך נישט דערגאַנגען.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די אָפּגעשטאָרבענע געסלעך, ער איז געזעסן באַם וואַסער. ווו די קליינע יינגלעך אין די לאַנגע קאַפּאָטקעס האָבן ווי שטענדיק געכאַפּט פּיטשענקע זילבערנע פישלעך... און איין יינגל צום צווייטן האָט גערעדט:

— מיין טאַטע איז אַוועק אויף דער מלחמה.

איבערן שטעטל זענען אַרומגעגאַנגען די מאַמעס, די ווייבער חי שאַטנס...

אַנדערע האָבן אויסגעווײנט ביז דער לעצטער טרער, איצט זענען די אויגן טרוקן געווען, די ליפּן בלײך...

זעליק האָט געקוקט אויף די אַלע אומגליקן, האָט מיט געפילט... נאָר טיף אין האַרץ האָט ער זיך געבײזערט אויף דער וועלט, וואָס האָט פּלוצלינג זיך אַרײנגעמישט און צעשטערט זײן פרײד — די באַגעגעניש מיט דער בלאָנדער מאלי...

וואָס וויל די וועלט?

וואָס איז זי דאָ אַרײנגעקראָכן מיט איר טומל אין דער שטילער פאַרחלומטער שטאָט, וועלכע באָדט זיך אין גרינס? נאָר די אַלע פראַגן האָבן גאָרנישט געהאָלפן, ער האָט אויך געמוזט פאַרלאָזן קאַזמערש, מיט גרויס מאַטערניש האָט ער זיך דערשלעפּט קײן וואַרשע...

די רוסישע פּאָלקן האָבן פאַרפלײצט אַלע גאַסן...